STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01935

DURKH BARG UN TOL

Sven Anders Hedin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סוזען העדין

דורך בּאַרג און טאָל

יידיש — י. ט—רג.

פאַרלאַג / ב. שימין /
בּיי געז. „צענטראל״,
ווארשע, נאוואליפּקי 7.

Zakład Graf. „STEREOTYP"
Warszawa, Nowolipki 7.

דורך באַרג און טאָל

אין די בערג ארויף.

אנהויב אויגוסט, אין יאָר 1906, איז אַריינגעקומען צו מיר אין צימער אַ ריזנגרויסער מאַן מיט ברייטע פלייצעס און האָט מיר אָפּגעגעבן אַ פריינטלאַכן: „שלום סאַהיב!"

—שלום מיט דיר!—האָב איך אים געענטפערט.—דו האָסט זיך זייער ווייניק געענדערט, מוהאַמעד איזאַ, זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט אין קאַשגאַר. הער-נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן, צי האָסטו חשק צו מאַכן מיט מיר אַ רייזע אין די הויכע בערג? דידאָזיקע נסיעה באַדאַרף געדויערן אַ צוויי יאָר צייט. דו וועסט זיין מיין קאַראַוואַן-אָנפירער.

—איך פאַרלאַנג גאָרנישט בעסערס, ווי אייך צו דינען, כ'וואָלט אָבער וועלן וויסן, וואוהין ווילט איר גיין?

—איצט גייען מיר קיין מזרח-טורקעסטאַן, און וואוהין מיר וועלן ווייטער פאָרן, וועסטו זיך דערוויסן, ווען מיר וועלן פאַרלאָזן די לעצטע דערפער פון יענעם קאַנט.

—יאָ, אָבער כ'מוז דאָך דאָס וויסן, כדי צו קאָנען מאַכן די געהעריקע הכנות.

—דו מוזט מיטנעמען אויף דריי חדשים פראָוויאַנט, ווייל ס'איז גאַנץ מעגלאַך, אַז מיר וועלן אַזוי לאַנג נישט זען קיין מענטשן.

—ס'הייסט, אַלזאָ, אַז מיר פאָרן קיין טיבעט—דאָס איז אַ לאַנד, וואָס איך קען עס אַזוי גענוי, ווי מיין אייגענעם הויף.

—גרייט זיך אַלזאָ צו אויף דריי חדשים. קויף זעכציק געזונטע פערד און גרייט אָן אַלץ, וואָס מען ברויך צו האָבן פאַר אַזאַ קאַראַוואַן. ווי מיינסטו, וויפיל מאַן ברויך מען פאַר אַזויפיל פערד?

—פינפאונצוואַנציק, מיין ליבער האַר.

—זייער שיין. קלייב מיר אויס זיכערע מענטשן. אין צען טעג אַרום מוזן מיר זיין גרייט צו דער נסיעה.

—איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, מיין ליבער האַר.

דעמדאָזיקן שמועס האָב איך געהאַט אין לעה, די הויפטשטאָט פון לאַדאַק, פינף קילאָמעטער אין צפון פון רעכטן ברעג פון טייך אינדוס. פריער איז לאַדאַק געווען אַ פראָווינץ פון טיבעט. דאַן האָט זי אַ לאַנגע צייט געהאַט אייגענע מלכים, וואָס זייער פרעכטיקער אַלטער פאַלאַץ שטייט נאָך עד היום ביים שטעטל לעה, וואָס איז אַדורכגעשניטן מיט אַ שאָטנדיקער אַלייע פון פאַ-פלעס און געהערט איצט צו דער איינגליש-אינדישער פראָווינץ פענדזשאַב.

איך האָב דורכגעמאַכט, קומענדיק אַהער, אַ רייזע פון צען חדשים, ווייל איך בין פון טראַפעזונד—אַ פאָרט אויפן שוואַרצן ים—אָפגע-פאָרן קיין טעהעראַן און מיט אַ קאַראַוואַן קעמלען בין איך אַדורכגעפאָרן פערסיע און בעלודזשיסטאַן, צו קומען קיין אינדיע. איצט האָב איך געוואָלט מאַכן אַ רייזע קיין טיבעט, נאָכדעם ווי איך האָב שוין איינמאָל באַזוכט דאָסדאָזיקע לאַנד אין יאָר 1901. דעמאָלט איז מיר אָבער נישט געלונגען אַריינצודרינגען טיפער אין לאַנד. איצט מוז עס מיר געלינגען און זאָל עס קאָסטן, וואָס עס וויל. די איינגלישע רעגירונג האָט מיר אָבער מיט עקשנות פאַרבאָטן אַריינצודרינגען אין טיבעט דורך אינדיע, ס'הייסט, מיטן נאָנטסטן וועג. אָבער דער וועג דורך צפון קיין מזרח-טורקעסטאַן איז געלעגן אָפן פאַר מיר. דערצו האָב איך געבראַוכט צו האָבן אַ כינעזישן פאַספאָרט, וועלכן מען האָט מיר אויסגעשטעלט אין לעה. אויב עס זאָל מיר געלינגען זיך אַדורכצורייסן דורך דער גרענעץ-וואַך, וועל איך אויפן וועג קיין טורקעסטאַן קאָנען זיך לייכט אַריינכאַפן אין די נישט באַוואוינטע געביטן פון צפון-

טיבעט און, אויף צו להכעיס דער פּאָליטיק, וועל איך מיין הויפּטציל דערגרייכן.

אָט דאָס איז געווען מיין געהיימער רייזע-פּלאַן, ווען איך האָב אין לעה באַשטעלט מוהאַמעד איזאַ פאַר מיין קאַראַוואַן-פירער. פּונקט אין צען טעג אַרום האָט מוהאַמעד איזאַ מיר צוגעשטעלט אַכטאונפופציק פערד, זעקסאונדרייסיק מויל-אייזלען און פינפאונ-צוואַנציק משרתים. מוהאַמעד איזאַ איז געווען גוט באַקאַנט אין גאַנץ לאַדאַק, אַלס געניטער קאַראַוואַן-פירער, ווייל ער האָט שוין געוואַנדערט פון פעקין ביזן קאַספּישן ים, און ער איז בכלל געווען אַ גוטער אָנפירער. אמת, ער איז געווען זייער שטרייִנג און האָט נישט פאַרטראָגן קיין פוילע מענטשן, אָבער ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו דערהאַלטן דעם מוט אין מענטשן, בשעת עס פאַלן אויס די שווערע שעהן פון אַ נסיעה. ער פלעגט קאָמאַנדעווען ווי אַ פעלד-מאַרשאַל, אָבער אין אָוונט, אין לאַגער, ביים פייער, פלעגט ער זיינע מענטשן דערציילן די שענסטע מעשהלאַך מיט גזלנים. אין אָט די מעשהלאַך האָט דער אמת אַפילו געשפּילט אַ קליינע ראָלע, אָבער מוהאַמעד איזאַ האָט באמת פיל אַדורכגעלעבט. במשך פון דרייסיק יאָר האָט ער פילמאָל אַדורכגעשניטן אין דער לייִנג און אין דער ברייט גאַנץ צענטראַל-אַזיע. ער איז געווען דערביי, ווען מען האָט דעם 5-טן יוני 1899 דערהרגעט אין טיבעט דעם פראַנצויזישן נאַטורפאָר-שער דיטרעל דע רען. ער האָט אָנטייל גענומען אינם ענגלישן מאַרש קיין להאַסאַ, די הויפּטשטאָט פון טיבעט, אין די יאָרן 1903 און 1904, און האָט פליסיק גערעדט פיל אַזיאַטישע שפּראַכן, דע-רונ ער אויך די טיבעטער. דאָס איז געווען זייער אַ געזונטער מענטש, ממש אַ ריז, און ווייל ער איז דערצו נאָך געווען שטענ-דיק גוט אויפגעלייגט און האָט ליב געהאַט אַ וויץ און אַ גלייכ-ווערטל, האָב איך זיך גאָרנישט געקאָנט ווינטשן קיין בעסערן קאַראַוואַן-פירער.

פון די פינפאונצוואַנציק פאַרשוין, וועלכע ער האָט מיר פאָרגע-שטעלט צו באַדינען דעם קאַראַוואַן, זיינען אַכט געווען מאַכמע-דאַנער און זיבעצן בודיסטן. דערצו האָב איך נאָך געהאַט צוויי

הינדוסן, איין פּראָטעסטאַנט, מיין סעקרעטאַר אַלעקסאַנדער ראָבערט, האַלב-אייראָפּייער, האַלב-הינדוס, און דער קאַטאָליק מאַנועל, אַן עכטער הינדוס פון מאַדראַס. דידאָזיקע פיר פּאַרשוין האָב איך אַליין געבראַכט פון סרינאַגאַר. דער עלטסטער פון אונזער געזעלשאַפט איז געווען גופאַרו, אַ מאַן פון צוויי און זעכציק יאָר, וועלכער האָט שטענדיק מיטגעפירט מיט זיך אין וועג זיינע תכריכים, כדי צו קומען צו קבורה אויף אַן אָרנטלאַכן אופן, אויב ער וועט צומאַכן די אויגן אין מדבר בשעת דער נסיעה. עטוואָס יונגער פאַר אים איז געווען סוקור אלי, וועלכן איך האָב שוין זייער לאַנג געקאָנט פאַר אַ העכסט ערלאַכן מאַן. דער יונגסטער איז געווען דער צוויי און צוואַנציק-יעריקער אַדול. דורכשניטלאַך זיינען מיינע לייט אַלט געווען צו דריי און דרייסיק יאָר. עלף פון זיי האָבן געשטאַמט פון לעה און די איבעריקע פון די אַרומיקע דערפער ביי לאַדאַק. נאָר איין אויסלענדער איז דאָ געווען: גורקאַ רוב דאַס, וואָס האָט געשטאַמט פון דער נעפּאַל-גרענעץ. דאָס איז געווען אַ שטילער זיכערער מענטש, וואָס האָט אָבער געהאַט אַ פעלער: די נאָז האָט אים געפעלט... ער האָט זיך איינמאָל געשלאָגן אין להאַסאַ, האָט אים דאָרט זיין געגנער אָפּגעביסן די נאָז. איך מוהאַמעד איזאַס ברודער, טסערינג, האָט געהערט צו אונזער קאַראַוואַן: ער האָט געדאַרפט זיין אונזער קיכער.

בשעת מיר האָבן צוגעגרייט דעם קאַראַוואַן, האָט גולאַם ראַסול, אַ סוחר פון לעה, זייער גוט געדינט. גרויסע זעק מיט פּראָוויאַנט זיינען געלעגן אויפן הויף פאַר מיין וואוינונג: רייז-מעל, געברענטע מעל, ציגלטיי, צוקערקאָנסערוון, ווי אויך קאָרן און מאַאיס פאַר די פערד. דערצו נאָך: זאָטלען, געצעלטן, קאָלדרעס, שטריק, פּאָדקאָוועס מיט נעגל, לאָפּאַטעס, העק און שטאַנגען, טעפּ, קענדלעך, בלאָזזעק, עמערס און אַ מיינגע אַנדערע זאַכן. פאַר די פערד און מוילאייזלען זיינען די זאָטלען געווען אָנגעפּאַקט מיט היי. אויב עס וועט פאַרפעלן פּאַשע, וועט מען זיי נערן מיט היי. כדי צו פאַרלייכטערן די משא פאַר די פערד אין דער ערשטער צייט, האָב איך געדונגען נאָך דרייסיק פערד און זיבן יאַקן

(טיבעטער אָקס), וועלכע האָבן מיט זייערע פירער געדאַרפט אונז באַגלייטן במשך פון איין חודש.

די זון האָט מחיהדיק געשיינט אויף די גרינע פּאַפּלען אין די באַזאַרגאַסן פון לעה, און די שפּיצן פון די אַבריקאָסן-ביימער האָבן געוואָרפן אַ גרינעם שאָטן אין מיין אַרבעטסצימער אַריין. אין דרויסן, אויפן הויף, האָבן געקלונגען די גלעקלאַך פון די מוילאייזלען, וואָס האָבן געהערט צו דער ערשטער אָפּטיילונג און זיינען געווען גרייט צו דער נסיעה אונטער טסערינגס אָנפירונג. נאָך דערדאָזיקער אָפּטיילונג איז געגאַנגען מוהאַמעד איזאַ מיט דער הויפּטמאַסע פון קאַראַוואַן, און דעם 14 אויגוסט 1906 האָב איך זיך אַרויפגעזעצט אויף מיין גרויסן פערד און בין אַדורכגעריטן דעם שטאָטטויער, און איבער דעם מאַכמעדאַנישן בית-עלמין בין איך אַרויסגעריטן אין פרייען פעלד. באַלד איז דאָס שטעטל לעה פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער מיר. לינקס האָבן זיך געהויבן הויכע פעלזן, רעכטס האָט זיך געצויגן דער טונקעלער וואַסער-פּאַס פונם טייך אינדוס.

ביי אַ וועלדל מיט פּאַשע האָב איך געפונען שוין אויפגעשטעלט אונזערע געצעלטן. דערביי האָט זיך געזען דאָס קלויסטער טיקסע. דאָ האָט מיך אָפּגעוואַרט מוהאַמעד איזאַ מיט זיינע פערד און אייזלען, צוזאַמענגעבונדן אין אַ לאַנגער שורה. שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך געצויגן איבערן טאָל פון אינדוס, און אין אָוונט האָט אַ שטאַרקער רעגן געפּויקט צום ערשטן מאָל איבער אונזערע געצעלטן. באַלד זיינען אַלע אין לאַגער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף. אָבער דער שומר האָט אונטערגעזונגען, כדי נישט איינשלאָפן.

צומאָרגנס האָבן מיר פאַרלאָזט דעם טאָל פון אינדוס און זיך גענומען אויף אַ זייטיקן וועג, וואָס האָט געפירט אַרויף צום באַרגדורכגאַנג טשאַנג-לאַ. אויף אַ הויכקייט פון דרייהונדערטזעכציק מעטער איבער דער ים-אויבערפלאַך, דאָס הייסט שוין מיט פינפהונדערטפופציק מעטער העכער פון אַלפּישן באַרג „מאָנבלאַן“, האָבן מיר דערזען אַ מין אַלטאַר פון שטיינער, באַפּוצט מיט פּאָנעס און הערנער פוו אַנטילאָפּן און יאַקן. דער ווינט האָט שטאַרק

געהוילט צווישן זיי. די וואַרימע טאָלן פון לעה האָבן מיר פאַר-לאָזט דאָרט, אין דערנידער, און דאָ, אויבן, האָבן מיר שוין גע-האַט אַרום זיך אַ ווינטערבילד. דאָס איז ערשט די התחלה פון די טיבעטער קעלטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך איצט באַדאַרפט באַקענען.

פון באַרגדורכגאַנג טשאַנג-לאַ זיינען מיר ווידער געגאַנגען אַראָפּ-צו אין טאָל אַריין. דאָ זיינען שוין געווען קלענערע דערפער מיט אַ קליינער באַפעלקערונג. אין איינעם פון די לעצטע דערפער האָבן מיר געקויפט דרייסיק שעפסן, אין אַ צווייטן דאָרף—צען ציגן, וואָס האָבן אונז באַדאַרפט געבן מילך צו טיי אינדערפרי און אין אָוונט, און לסוף נאָך צוויי גרויסע וועכטערהינט. דריי קליינע הינט האָב איך באַקומען אין סרינאַגאַר. איינס פון זיי, די ברוינע פופי, איז געווען אָנדערטאַלבן יאָר לאַנג מיין חברטע אין דער נסיעה, פונקט ווי מיין לאַדאַקער פערד.

אינם לעצטן דאָרף פון לאַדאַק האָבן מיר געפּראַוועט אַ זעגע-נונגס-מאָלצייט, און עס זיינען זיך צונויפגעקומען פויערים מיט פויערטעס. אונזער פייער האָט פריילאַך געקנאַקט אין דער פינס-טערער נאַכט און די פייפלאַך און פלייטן האָבן לוסטיק צוגע-שפילט צום טאַנץ.

דאַן זיינען מיר געגאַנגען ווייטער. אויף דעם שניי-באַדעקטן באַרג-דורכגאַנג מאַרסימיק-לאַ איז געפאַלן דאָס ערשטע פערד. אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען מיר אין וואַסער אַדורכגעגאַנגען דעם גרויסן טייך טשאַנג-טשענמאָ און מיר זיינען אַריינגעדרונגען אין געגנטן, וועלכע ווערן באַזוכט העכסטנס דורך יעגער. דאָס זיינען געגנטן אָן נעמען, און איך האָב דעריבער פאַרצייכנט אויף מיין מאַפּע דאָס אָרט פון אונזער לאַגער מיט אַ נומער. דער לעצטער נאָ-מען איז געווען דער באַרגדורכגאַנג טשאַנג-לונג יאָגמאַ. דאָס אַרויפקלעטערן אויף אים האָט אונז געקאָסט אַ שטיק שווערע אַר-בעט. מיט זיין הויכקייט פון 5780 מעטער איז ער דער העכ-סטער שפּיץ אויפן רוקן פונם באַרג קאַראַקאָרום.

אָבער וואָס פאַר אַ פּאַנאָראַמע איז דאָרט אייבן געווען! אויפן עק האָריזאָנט האָט זיך דערהויבן דער הימאַלאַי מיט שניי-ווייסע

שפּיצן אין די ליכטיקע שטראַלן פון דער זון. די אייביקע שניי־פעלדער האָבן שעמערירט אין בלאָע פאַרבן־טאָנען און דער אייז־פּאַנצער פון די גלעטשערס האָט אָפּגעשליידערט די זון־שטראַלן אין אַ בלענדנדיקן שיין. לאַנג בין איך געשטאַנען, פאַר־כּשופט און פאַרחלומט. פאַר מיר האָט זיך געצויגן די העכסטע באַרג־קייט פון אונזער ערד. אין צפון האָבן זיך געזען די בערג קיוען־לון—וועלכע זיינען די הויכע גרענעץ פון מזרח־טורקעסטאַן. אין מזרח און דרום־מזרח האָט זיך געצויגן דאָס ווייסטע טיבעט, וואָס זיינע לעצטע סודות האָב איך מיך איצט מוכן געווען צו אַנטפּלעקן. אין ווייטן דרום־מזרח, אין צפון פון אויבערשטן לויף פונם טייך בראַמאַפּוטראַ, איז געלעגן דאָס אָרט, וואָס ליגט אויף אונזערע געאָגראַפישע מאַפּעס ווי אַ ווייסער פלעק, ווייל מיר ווייסן נאָך נישט, וואָס צו פאַרצייכענען אויף אים. אָט דאָס איז דער סודות־פולער צוועק פון מיין איצטיקער נסיעה.

דער טויט אין די ציין פון וועלף

דעם 15-טן סעפטעמבער זיינען מיר געקומען צום מעריב-ברעג פון אַ גרויסער אָזיערע, וואָס אַן איינגלישער פאָרשער האָט זי אַ נאָמען געגעבן לייטן. לעת עתה האָבן מיר זיך נאָך נישט געפונען אין אַ גאָר אומבאַקאַנטן לאַנד. באַלד ווי מיר האָבן נאָר אויפגעשטעלט אונזערע געצעלטן, זיינען געקומען די צען מענטשן, וועלכע מיר האָבן אָנגעדונגען צוזאַמען מיט זייערע דרייסיק פערד, זיי זאָלן אונז באַגלייטן, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר מיר אויף די קני און גענומען טענהן:

—ליבער האַר, האָב רחמנות אויף אונז און לאָז אונז גיין צוריק אַהיים!

—וואָס? איר האָט זיך דאָך אונטערגענומען צו באַגלייטן אונז אַ גאַנצן חודש צייט! ווילט איר דען ברעכן אייער וואָרט?

—זיי אונז מוחל, ליבער האַר! ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינ-טער, דאָס וועט אונזערע פערד קאָסטן דאָס לעבן. ווען מיר זאָלן גיין מיט אייך ביז יעשיל-קעל, וועלן מיר אַלע אויפן וועג צוריק אויסשטאַרבן, ווייל אונזער פּראָוויאַנט וועט אונז קלעקן בלויז אויף צען טעג. לאָזט אונז גיין צוריק אַהיים!

—וועט איר דען געפינען דעם וועג צוריק? און זייט איר זיכער, אַז אייער פּראָוויאַנט וועט אייך קלעקן?

—יאָ, ליבער האַר.

—טאָ מאַכט אייך גרייט אין וועג אַריין! מאַנועל אוןביידע ראַדשפּוטן קאָנען אויך נישט פאַרטראָגן דעם היגן קלימאַט, ס׳וועט זיין זייער גלייך, ווען זיי גייען אויך צוריק מיט אייך.

אַזוי־אַרום האָט אונזער קאַראַוואַן זיך פאַרקלענערט, און מוהאַמעד איזאַ איז געווען צופרידן דערמיט, אין צווייטן טעג אַרום האָבן די לייט זיך געזעגנט מיט אונז. איך האָב זיי מיטגעגעבן מיינע פאָטאָגראַפישע פּלאַטן און די שטיינער־קאָלעקציע, ווי אויך אַ בריף צו מיין אינדישן פריינט, אין וועלכן איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר אָפּשיקן די פּאָסט קיין שיגאַטסע איבער גיאַנגטסע. סוף נאָוועמבער האָט דער שליח מיט דער פּאָסט באַדאַרפט זיין ביים ברעג פון דער הייליקער אָזיערע דאַנגראַ־יום־טאָו־ראָ. אויב מען וועט מיר אַפילו פאַרבאָטן צו פאָרן ווייטער אין טיבעט, וועט מען דאָך מיר נישט קאָנען פאַרהאַלטן מיין פּאָסט. אין אַ וויט וועל איך דערקלערן, אַז איך נעם אָן די פאָדערונגען, וואָס מען וועט מיר שטעלן בתנאי, מען זאָל מיר צושטעלן מיין פּאָסט. וואָס פאַר אַ הילף אָט די פּאָסט האָט מיר ווירקלאַך געגעבן אין דער העכסטער נויט, האָב איך דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געקאָנט פאָראויסזען.

מיטן געזעגענען זיך מיט די מענטשן האָב איך איבערגעריסן דעם לעצטן פאָדעם, וואָס האָט מיך נאָך פאַרבונדן מיט דער אויסערלאַנער וועלט. איצט זיינען מיר דאָ געשטאַנען אַליין, אָפּהענגיק בלויז פון זיך און פריי פון אַ ע שומרים. דער וועג קיין טיבעט איז געלעגן אָפן פאַר מיר.

קודם כל האָבן מיר זיך געלאָזט וואַנדערן ווייטער מיט די ברעגן פון דער אָזיערע לייטן, און איך האָב מיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט צו מאַכן אַ נסיעה מיטן וואַסער. רעהים אַלי האָט מיר באַגלייט. מיר האָבן אויפן וואַסער אויסגעהאַלטן אַ שטורם־ווינט, בעת־מעשה האָבן מיר זיך געפונען אָן פּראָוויאַנט און אָן זיס־וואַסער און ברענמאַטעריאַלן. מיט גרויסע צרות האָבן מיר זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. סוף־כל־סוף וואָלטן מיר אויפן ברעג פון דער אָזיערע פאַרפראָרן געוואָרן, ווען מוהאַמעד איזאַ וואָלט אונז נישט געהאַט אויפגעזוכט אין דער

רעכטער מינוט און אָפּגעפירט צוריק אין לאַגער. דאָס האָט מיך אָבער נישט אָפּגעהאַלטן פון צו מאַכן אַ צווייטע נסיעה מיטן וואַסער אויף אַן אָזיערע, וואָס מיר האָבן באַגעגנט ווייטער צום מזרח, נעמלאַך, די אָזיערע יעשילקעל. געפאָרן בין איך אין אַ שיפל פון אַ ענגלישן זעגל־לייוונט. איך האָב געוואָלט אויסמעסטן די טיפקייט פון דערדאָזיקער געזאַלצענער אָזיערע. דרך אגב האָב איך אויף אַ טאָג באַפרייט אונזערע פערד פון דער משא, צו טראָגן אויף זיך דאָס לייוונטשיפל. באַגלייט האָבן מיך רעהים אַלי און ראָבערט. דער קאַראַוואַן האָט אויפגעשלאָגן דעם לאַ־גער אויפן מערב-ברעג. מיר האָבן זיך געלאָזט אין דער צפון-ריכטונג, אָבער דאָס מאָל זיינען מיר שוין געווען פאָרזיכטיקער און גענומען מיט זיך פּראָוויאַנט און זיס־וואַסער. מוהאַמעד איזאַ האָט געזאָלט פירן דעם קאַראַוואַן צום דרום ברעג, און אויב ער וועט אונז דאָרף שוין נישט געפינען, דאַרף ער פאַרלייגן אַ פייער, וואָר זאָל אונז קענען דינען פאַר אַ צייכן, וואו דער קאַראַוואַן געפינט זיך.

די אָזיערע איז אַפילו געווען נישט טיף, אָבער דאָס וואַסער איז געווען אַזוי געזאַלצן, אַז די וויאָסלעס און דאָס שיפל זיינען באַדעקט געוואָרן מיט אַ גלאַנציקן פּאַך פון זאַלץ־קריסטאָלן. אויפן גרונט פון דער אָזיערע האָט זיך געזען קריסטאַליזירטער זאַלץ, וועלכער איז געווען האַרט, ווי שטיין און די אַרויסגעשטאַרטשע־טע קאַנטן זיינען געווען שאַרף, ווי מעסערס. פאַרן לייוונטשיפל האָט דאָס געקאָנט ווערן זייער געפערלאַך, ווייל אויב מיר זאָלן זיך אָנשטויסן אויף אַזעלכע קאַנטן, וואָלט דאָס שיפל צושניטן געוואָרן. זיינען מיר דעריבער געגאַנגען אין וואַסער אַ שטיק וועג צופוס. ערשט ווען דאָס וואַסער איז טיפער געוואָרן, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין שיפל. די גרעסטע טיפקייט אין דער אָזיערע האָט געהאַלטן זעכצן מעטער.

דאָס שיפל איז פאָרזיכטיק געגאַנגען פאָרויס און אויסגעמידן די שטיינער און די זאַלץ-סלופּעס. דער ווינט האָט געבלאָזן גינסטיק, זיינען מיר שנעל געשוואומען. באַלד אָבער האָט זיך דער ווינט געשטאַרקט, די כוואַליעס האָבן זיך באַדעקט מיט שוים. אין מערב

האָבן זיך באַוויזן געלע שטויב-וואָלקנס, וועלכע זיינען געווען, לויט אונזער דערפאַרונג אויף דער אָזיערע לייטן, די אָנזאָגערס פון אַ שטורם.

—מייסטער,—אַזוי האָט מיך ראָבערט גערופן,—צי וואָלט נישט געווען גלייכער, מיר זאָלן זיך צוריק אַרויסקריגן אויף דער יבשה, איידער דער שטורם וועט אויסברעכן? הינטער די פעלזן אויפן ברעג וועלן מיר געפינען אַ זיכער ווינקל און ביזן זונאונטערגאַנג קאָנען מיר נאָך אָנזאַמלען אַ היבש ביסל ברענמאַטעריאַל.

—גוט,—האָב איך געענטפערט,—דידאָזיקע אָזיערע איז אין אַ שטורם-ווינט נאָך געפערלאַכער פון דער אָזיערע לייטן. בעמט צונויף די זעגלען און רודערט צוריק. מיר וועלן דאָ נעכטיקן. אָבער וואָס קוקסטו עפּיס אַזוי?

—מייסטער, איך זע צוויי גרויסע וועלף און מיר האָבן נישט קיין ביקסן!

און באמת: ביים ברעג זיינען געגאַנגען צוויי גרויסע, העלע, כמעט ווייסע וועלף! זיי זיינען געלאָפן אַזוי, פונקט ווי זיי וואָלטן געשפּירט דעם ריח פון מענטשנפלייש און האָבן, קענטיק, שטאַרק חשק געהאַט צו פּרובן דעמדאָזיקן מאכל. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די וועלף זיך אויך אָפּגעשטעלט. זיינען מיר געפאָרן ווייטער, זיינען זיי אונז נאָכגעלאָפן האַרט ביים ברעג וואַסער. פריער אָדער שפּעטער וועלן מיר דאָך מוזן אַראָפּגיין אויפן ברעג און דאַן — —

—בעסער אויפן מיטן אָזיערע, איידער האָבן צו טאָן מיט די וועלף!—האָט ראָבערט אַ זאָג געטאָן.

יעדערער פון אונז האָט געהאַט אין קעשענע אַ מעסער. רעהים אַלי האָט געהאַט אַ קלאַפּ-מעסער. ווי וועלן מיר זיך אָבער העלפן, אַ שטייגער, ווען דידאָזיקע צוויי וועלף זיינען נישט מער ווי שלוחים פון אַ גאַנצער כאַליאַסטרע וועלף? וואָס וועלן מיר דע-מאָלט אויפטאָן מיט אונזערע מעסערס?

אָבער אָט האָט פּלוצלונג אַ זעץ געטאָן דער שטורם. ער האָט אָנגעשפּאַרט אויף אונזער זעגללייוונט אַזוי שטאַרק, אַז דאָס שיפל האָט זיך אַ לאָז געטאָן פייל-פון-בויגן צום דרום. די וועלף

זיינען געבליבן שטיין פאַרגאַפּט אויפן ברעג: אַזוי געשווינט לויפן האָבן זיי נישט געקאָנט. נאָך אַ צוויי שעהדיקער נסיעה האָבן מיר דערזען מוהאַמעד איזאַס פייער, וואָס האָט זייער העל געפלאַקערט אינם שפּעטן פאַרנאַכט. מיר זיינען געשוואומען גלייך צום פייער. די כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן אַרום אונז, ווי דעלפינען, און זייערע רוקנס האָבן ווי זילבער געלויכטן אינם לבנהליכט. מיר האָבן געמוזט שווימען געגן שטורם, און איין כוואַליע נאָך דער צווייטער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין שיפל. דאָס געזאַלצענע וואַסער האָט זיך אונז געגאָסן אין האַלז. איך האָב עפּטער געמאָסטן די טיפקייט. „עלף מעטער טיף", באַלד „אַכט מעטער טיף," באַלד „נאָר זעקס מעטער!"

—איצט איז שוין מסתמא נישט ווייט דער דרום-ברעג,—האָב איך געזאָגט. אָבער מיינע באַגלייטער זיינען געזעסן שטיל און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

—וואָס ווייטער?

—אַ שווערער שטורעמווינט אין מערב!—האָט רעהים אַלי אַ זאָג געטאָן.—הערט נאָר, ווי עס בושעוועט! מיר וועלן אומגעוואָרפן ווערן, ווען די כוואַליעס וועלן אָנהויבן גיין נאָך העכער.

די כוואַליעס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט. מיר האָבן זיך געוויגט און אומגעוואָרפן, ווי אין אַן אומגעהויער גרויסן האַמאַק, און אָט האָט מיין שטריק באַוויזן זעקס מעטער די טיף! באַלד וועט דאָס שיפל זיך אָנשטויסן אָן דעם האַרטן זאַלצבאָדן. מוראדיק גרויסע כוואַליעס וואַרפן זיך שוין איבערן שיפל, אָבער דאָס שיפל גייט זיך ווייטער, און מיר דערזען זיך ווידער אין אַ טיפן טאָל צווישן באַרגכוואַליעס. אַ הויכער וואַסערבאַרג פאַרשטעלט אונז פלוצלונג דעם האָריזאָנט.

—ביי אַזעלכע כוואַליעס קאָנען מיר זיך בשום אופן נישט אַרויסזעצן אויפן ברעג,—מאַכט ראַבערט. מיר מוזן זיך אַ קער טאָן צום אָפענעם וואַסער-שטח אויף דער אָזיערע. אַרום האַלבע נאַכט וועט מסתמא נאָכלאָזן דער שטורם.

—צי וועלן מיר אָבער קאָנען אַזוי לאַנג רודערן?

—וועלן מיר אויפשטעלן דעם זעגל. וועגן דעם, אַז מיר זאָלן זיך

איצט אַרויסזעצן אויפן ברעג, קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. מיר ווען דורכגענעצט ווערן ביז די ביינער און ביי אַזאַ פראָסט וועלן מיר פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיק אייז. אַלזאָ, מיר לאָזן זיך אין דערמיט פון דער אָזיערע!

אָבער אינם זעלבן אויגנבליק האָבן מיר דערשפּירט אַזאַ שטאַרקן שטויס, אַז דאָס שיפל האָט אַ ציטער געטאָן. דער הינטערשטער רודער איז אַרויסגעשפּרונגען פון זיין אָרט. רעהים אַלי האָט אָבער באַלד אויסגערופן:

—ביזן ברעג איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען!

—וואָס באַדייט עס? דאָס וואַסער איז דאָ רוהיק!

—מייסטער, ס'האָט אונז אַריינגעטריבן הינטער אַ הויכער האַלב-אינזל. דאָ זיינען קיין כוואַליעס נישטאָ!

—זייער שיין! זיינען מיר דאָך געראַטעוועט!

דאָס שיפל איז טאַקי באַלד אַראָפּ צום גרונט. מיר האָבן נאָך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען דעם זעגל מיטן לייוונט, נאָכדעם אַדורכ-געגאַנגען דאָס אייז-קאַלטע וואַסער און אַרויפגעקומען אויפן ברעג. מיר זיינען אינגאַנצן דורכגענעצט און דורכגעפראָרן געוואָרן, און דער ברעג איז געווען אַ זומפּיקער. ווי ווייט מיר האָבן נאָך געהאַט צו גיין ביז אַ שטיקל טרוקענער ערד, האָבן מיר, ביים שיין פון דער לבנה, נישט געקאָנט זען. ווי ס'האָט אויסגעזען, איז דער גאַנצער דרום-ברעג געווען באַדעקט מיט געזאַלצענע זומפּן. אונזער סיגנאַל-פייער האָבן מיר איצט נישט געזען, ווי מיר האָבן אויך נישט געהערט, אַז עמיצער זאָל אונז רופן. מיר האָבן, אַלזאָ, געמוזט מרוצה ווערן צו פאַרבלייבן אַ לאַנגע אייז-קאַלטע נאַכט אין זומפּ.

דאָס שיפל האָבן מיר אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער און געמאַכט פון אים אַ דאַך איבער אונזער קאָפּ. דאַן האָבן מיר פאַרלייגט אַ פייער און דערביי אויסגענוצט דאָס רעדל, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעוויקלט דער שטריק צו מעסטן די טיפקייט פון דער אָזיערע. באַלד האָבן מיר אַרויסגענומען אונזער פּראָוויאַנט מיט אונזער קרוג, אָנגעוואַרימט וואַסער און זיך דערוואַרעמט מיט טיי.

בל זמן דאָס פייער האָט געברענט, האָט מען נאָך געקאָנט לעבן אין אונזער זומפּ. אָבער אַ זייגער צען איז דאָס פייער אויסגע־לאָשן געוואָרן און אָט זיינען מיר געבליבן אין נאַכט און פראָסט אָן שום באַשיצונג. ראָבערט האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין פעלץ, איך—אין מיין פלעד און רעהים אַלי—אינם לייוונט פון זעגל. ער איז טאַקי איינגעשלאָפן, מיטן קאָפּ צווישן די קני, אויפן שטייגער פון די מאַכמעדאַנער. איך אָבער האָב נישט געקאָנט שלאָפן. עפּטער בין איך אויפגעשטאַנען פון אָרט און זיך באַמיט צו מאַרשירן, כּדי צו דערוואַרימען די פאַרגליווערטע גלידער. איך האָב כּמעט נישט געשפּירט די פיס. מיינע ליפּן אָבער האָבן גע־פייפט אַ לידל, איך האָב נאָכגעמאַכט דאָס הוילן פון וועלף—אפשר וועלן מיינע לייט זיך אָפּרופן פון דערווייטן,—אומזיסט! האָב איך מיך גענומען דערציילן ראָבערן מעשהלאַך, אָבער מיינע שענסטע אַנעקדאָטן האָבן אים גאַנץ מרה־שחורהדיק געקלונגען אין דער נאַכט...

די לבנה האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבן נידערן צום האָריזאָנט, דער שטורם איז שוואַכער געוואָרן און ענדלאַך האָט ער אינגאַנצן נאָכ־געלאָזט. ס'איז געוואָרן טויט־שטיל, אַפילו דאָס גערויש פון די כוואַליעס האָט זיך מער נישט געהערט. מיר האָבן זיך גענומען שרייען, רופן, אָבער קיינער האָט אונז נישט געענטפערט. איז עס אָבער מעגלאַך געווען, אַז מוהאַמעד איזאַ זאָל אונז אינגאַנצן פאַרלאָזן?

—ס'איז איצט האַלבע נאַכט, ראָבערט, אין פיר שעה אַרום וועט אָנהויבן צו טאָגן.

—מייסטער, כ'האָב נאָך אויף מיין לעבן קיינמאָל נישט געפרעאָרן! ווען איך וועל לעבעדיק אַרויס פון דער היינטיקער נאַכט, וועל איך זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען איך זאָל אַפילו לעבן הונ־דערט יאָר.

—ע, עס האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט! דו וועסט זיך דער־מאָנען אָן דער נאַכט מיט צופרידנהייט און דו וועסט זיך נאָך איבערנעמען, וואָס דו האָסט זיך באַטייליקט אין דער נסיעה אויף דער אָזיערע יעשיל־קעל און געזען די הונגעריקע וועלף, וואָס

האָבן געלויערן אויף דיין לעבן...
—מעגלאַך, אַז שפּעטער וועט עס טאַקי זיין שיין צו דערציילן, אָבער איצט וואָלט מיר געווען פיל אָנגענעמער צו ליגן אין אַ וואַרימער בעט, ביי אַ פייער, אין געצעלט.
—אַן אַוואַנטורעס איז דאָס לעבן אין טיבעט צו לאַנגווייליק. אַן אַנדערש מאָל וועלן מיר שוין נישט פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך טיי און בּרען-האָלץ.
—און איר, מייסטער, רעכנט נאָך פיל מאָל צו מאַכן אַזעלכע נסיעות אויף אַזיערעס?
—געוויס, ווען דער פראָסט וועט זיך נאָר מקדים זיין און באַדעקן די אַזיערעס מיט דיקן אייז.
—צי וועט עס דען ווערן נאָך קעלטער, ווי איצט, מייסטער?

—יאָ, די איצטיקע קעלט איז גאָרנישט קעגן די פרעסט אין צוויי חדשים אַרום.
—ווי שפּעט איז איצט?
—צוויי אַזייגער. מיר ליגן שוין אין זומפּ זעקס שעה!
מיר האָבן זיך ווידער צוגעזעצט, אָבער געשלאָפן האָבן מיר נישט. פון צייט צו צייט האָט ראַבּערט מיר געמעלדעט, וויפיל פינגער עס זיינען אים שוין אָפּגעפראָרן געוואָרן אויף די פיס, אַרום דריי אַזייגער האָט ער ענדלאַך אויסגערופן:
—איצט שפיר איך שוין נישט קיין איין-איינציקן פינגער אויף די פיס!
—באַלד וועט די זון אויפגיין!
אַ פערטל אויף פיר האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג. מיר זיינען געווען אַזוי שטאַרק דורכגענומען פון קעלט, אַז מיר האָבן זיך קוים געקאָנט אויפהויבן. די נויט האָט אונז אָבער געצוואונגען זיך אויפצוהויבן און זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. מיר האָבן אַלץ געקוקט אויפן וויייטן מזרח, אפשר וועט זיך שוין אַמאָל באַווייזן די זון. צולעצט האָבן די שפּיץ בערג באַקומען אַ שוואַכע זון-באַפאַרבונג. אַרום פינף אַזייגער האָבן די העכסטע שניי-שפּיצן פון די בערג זיך באַגאָסן מיט אַ פּורפּור-פאַרב און פון

אונז איז שוין געפאַלן אַ לאַנגער שאָטן צום מערב. דאַן האָט זיך באַוויזן די זון-קאַלט און געל האָט זי אַרויסגעפּריזעט אויפן באַרגרוקן.
איצט האָבן מיר דערשפּירט, ווי עס פליסט אין אונז אַריין פריש לעבן. אַלי איז פאַרשוואונדן געוואָרן מיט אַ שעה פריער. איצט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן פּאַק האָלץ, און באַלד זיינען מיר געזעסן פאַר אַ קנאַקעדיקן פייער. מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און דערוואַרימט דאָס נאַקעטע לייב אויפן פייער. אונזער פאַר-גליווערטקייט איז פאַרשוואונדן, כאָטש אונזערע קליידער זיינען נאָך געווען גוט נאַס.
אָבער אָט האָט אינדערוויייטן זיך באַוויזן אַ רייטער! באַלד איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און, נאָכדעם ווי ער האָט אים גע-פּענטעט מיט אַ שטריק און איבערגעלאָזט שטיין פאַרן זומפּ, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו אונז צופוס. דאָס איז געווען מוהאַמעד איזאַ. איך האָב שוין געהאַט אָנגעגרייט פאַר אים אַ גוטע פאַר-ציע מוסר, אָבער ווען ער איז צוגעקומען נעענטער, האָב איך אַלע מייַנע טענות פאַרגעסן, ווייל אויך ער איז געריכט געווען.
דער קאַראַוואַן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זומפּ, און די מענטשן האָבן געהאַט פיל צו טאָן מיטן אַריבערטראָגן די משאות אויף זיך.
מיר זייַנען צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען אין לאַגער אַריין, און ווען די זון איז מיטאָגצייט געשטאַנען אויפן מיטן הימל, בין איך נאָך געלעגן אין טיפן שלאָף, ווי אַ שטיין, אין מיין וואַרימען בעט.

פיבערקראַנקהייט.

מיר זיינען וואָכנלאַנג געגאַנגען ווייטער צו מזרח. כל זמן מיר זיינען נאָך געגאַנגען אין די טאָלן, האָט דער קאַראַוואַן זיך געהאַלטן גוט. דאַן אָבער האָב איך געמוזט ענדערן די ריכטונג און זיך לאָזן גיין צו דרום-מזרח, ווייל איך האָב דאָך געוואָלט זיין ביי דער הייליקער אָזיערע דאַנגראַ-יום-טשאָ, וואוהין איך האָב באַשטעלט מיין פּאָסט. צוליב דעם אָבער, וואָס אַלע בערג אין טיבעט ציען זיך פון מערב צו מזרח, האָבן מיר געמוזט אַריבערקלעטערן די בערג, וועלכע האָבן אונז פאַרשטעלט דעם וועג צו דעם אינערלאַכן טיבעט.

און אָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט פאַר מיינע אָרעמע פערד. ס'איז אויסגעקומען צו גיין באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ, און ווען מיר זיינען גליקלאַך אַרויפגעקומען אויף אַ דורכגאַנג פון 5500—5600 מעטער הויך, האָבן מיר, צו אונזער שרעק, דערזען אין דרום נאָך איין לאַבירינט פון באַרג-רוקנס,—אַ גאַנצער ים פון פאַרגליווערטע ריזיקע כוואַליעס, בערג און טאָלן, וועלכע מיר האָבן געמוזט אַריבערקלעטערן. וואָס העכער מיר האָבן זיך אויפגעהויבן, אַלץ טיפער האָבן מיר זיך נאָכדעם געמוזט אַראָפּלאָזן דורך שניי אין טאָל. קיין ברען-מאַטעריאַל האָבן מיר אין ערגעץ נישט געפונען, און אין שניי-שטורם האָבן מיר פאַרלאָרן אַ טייל פון אונזער קאַראַוואַן. אַזויאַרום האָבן מיר געמוזט פאַרלירן אַ גאַנצן טאָג צו געפינען דעם פאַרלאָרענעם טייל. פּאַשע פאַר די פערד איז געוואָרן זייער קנאַפּ. וואו-נישט-וואו האָט זיך געזען

אַ קליינער אַזיס פּאַשע אינם גרויסן לערן מדבר. מיר האָבן דעריבער געמוזט נעמען אַ טייל פון אונזער פּראָוויאַנט, באַזונדערס רייז, און צומישן עס מיטן גערשטן און מאַיס פאַר די פערד. מיט טרינק-וואַסער האָט איך געהאַלטן שלעכט, און מיר האָבן געמוזט שמעלצן שניי צו באַקומען וואַסער. דערצו האָט מען אָבער געמוזט האָבן ברען-מאַטעריאַלן! אונזערע זאַפּאַסן זיינען זייער שנעל צושמאָלצן געוואָרן. אָבער נאָך שנעלער איז צע-שמאָלצן געוואָרן אונזער קאַראַוואַן. איינמאָל זיינען אונז אין אַ פּאָר שעה צייט אַוועקגעפאַלן ניין מוילאייזלען. גרויסע מחנות וועלף האָבן אונז באַגלייט און זיך כהרף-עין געוואָרפן אויף יעדן לאַגער, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט, כדי אויפצופרעסן די געפאַלע-נע פערד און מוילאייזלען. גרויסע קראָען-מחנות זיינען אונז אויך נאָכגעפלויגן. איז אַוועקגעפאַלן אַ פערד אָדער אַ מוילאייזל, פלעגן זיי זיך באַלד אַראָפּלאָזן און אויספּיקן אים די אויגן. דעם 28-טן אָקטאָבער האָבן מיר שוין געהאַט נאָר זעקסאונדרייסיק פערד מיט מוילאייזלען,—כמעט נאָר אַ דריטן פון אונזער קאַראַוואַן, מיט וועלכן מיר זיינען אַרויסגעטראָטן פון לעה.

מוהאַמעד איזאַ פלעגט מיך טרייסטן מיט די ווערטער: „די שטאַרקסטע לעבן נאָך!” אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַ קנאַפּע טרייסט, וואָרום ווען דאָס זאָל אַזוי גיין ווייטער, איידער מיר וועלן זיך אָנשטויסן אויף די טיבעטער וואַנדער-שבטים, ביי וועלכע מיר וועלן קאָנען קויפן נייע משא-שלעפּער, זיינען מיר מיטן קאַראַוואַן פאַרלאָרן אין אַזאַ קאַלטן וויסטן מדבר! אונזערע טעגלאַכע מאַרשן זיינען געוואָרן אַלץ קלענער. עפטער האָבן מיר זיך געמוזט אָפּשטעלן אויפן וועג זיך אויסצערוען, ווייל די מענטשן, ווי די בהמות, זיינען געווען טויט-מיד. לסוף זיינען מיר געבליבן ליגן פיר טעג אויף איין אָרט, ווייל דעם 29-טן אָקטאָבער בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַ פיבער. איך האָב גע-האַט ביז איינאונפערציק מיט אַ האַלבן גראַד היץ און אין דרויסן איז געווען אַ פראָסט פון זיבנאונצוואַנציק גראַד.

ווי נאָר דאָס פיבער איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן, האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו מאַרשירן ווייטער, ווייל איך האָב בשום אופן

נישט געקאָנט דערלויבן צו ברייגען אַ קרבן דעם קאַראַוואַן מיט די מענטשן צוליב מיין פערזענלאַך גורל. האָב איך מיך איינגע-וויקלט אין אַ פעלץ, מיט גרויסע צרות זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין אין קורצע מאַרשן ווידער באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפ.

איצט איז שוין נישט געווען ווייט ביז אַ ישוב. דאָ און דאָרט האָבן מיר שוין געזען שפּורן פון מענטשן: רעשטן פון שטיינער-נע בנינים, וועלכע האָבן אפשר געדינט אַלס באַשיצונג פון ווינט, אַלטאַרן פון דריי שטיינער, גריבער מיט זאַמדבערגלאַך אַרום,— קענטיק, אַז מען האָט דאָ געזוכט גאָלד, און פגרים פון יאַקן. אונזער יעגער, טונדופ סאָנאַם האָט זיך איינמאָל אָנגעשטויסן אויף אַ דערשאָסענעם יאַק, וועלכער האָט נאָר-וואָס געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן. אפנים, אַז דאָ זיינען נישט לאַנג געווען יעגער. דאָ איז דאָך טאַקי די היים פון די ווילדע יאַקן. גרויסע מחנות פון יאַקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג אין די טאָלן, צו טרינ-קען וואַסער. אונזער יעגער האָט איינעם פון זיי דערשאָסן, און אַזוי־אַרום האָבן מיר באַקומען אַ צוגאָב פלייש צו אונזער קאַרגן פּראָוויאַנט.

דער יאַגד אויף ווילדע יאַקן איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט סכנת-נפשות. איין יאַגד-אַוואַנטורע וויל איך דאָ באַשרייבן.

דאָס איז געווען ביים לאַגער זעקסאונפופציק. מיר זיינען געווען ווייט פון אונזערע געצעלטן נאָר אַ פּאָר מינוט גאַנג. איך בין נאָך געווען שוואַך פון פיבער, און אָט בין איך מיט עטלאַכע מענטשן אָפּגעשטאַנען, און פלוצלונג האָבן מיר דערזען אַ גאַנץ גרויסן שוואַרצן יאַק, וואָס האָט זיך געמיטלאַך געפּאַשעט צוזאַמען מיט אונזערע פערד און מויל־אייזלען. רעהים אַלי, וואָס איז גע-גאַנגען פאָרויס, האָט אונז אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אָבער מיר האָבן זיך ווייניק וואָס געקימערט וועגן דעם. איך האָב גראָד געהאַלטן ביים אַראָפּנעמען אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון אונ-זערע געצעלטן און האָב סקיצירט מיט אַ בלייפעדער די אומגעגנט אויפן בלאַט פּאַפּיר. פלוצלונג האָט מוהאַמעד איזאַ אויסגעשאָסן

פון זיין געצעלט, און דער געטראָפּענער יאַק האָט, ווי אַ שטורם־ווינט זיך אַוועקגעוואָרפן...

פון זיין געצעלט, און דער געטראָפענער יאַק האָט, ווי אַ שטורם-ווינט זיך אַוואָרף געטאָן צוריק ווייט אין פעלד אַריין. מיר האָבן געקוקט, וואוהין ער לויפט, אין דער האָפנונג, טאָמער וועט ער נישט ווייט אַנידערפאַלן. אָנשטאָט דעם אָבער האָט ער זיך פלוצלונג אויסגעדרייט צוריק און זיך געלאָזט שפּרינגען שטראַקס אויף אונז. רעהים אַלי האָט זיך דערשראָקן און נישט טויט נישט לע-בעדיק אויסגערופן: „אַלאַ, אַלאַ, מיר זיינען פאַרלאָרן!" דער יאַק האָט אויסגעריסן מיט די קאָפּיטעס גאַנצע וואָלקנס שטויב. דעם קאָפּ האָט ער שוין געהאַט איינגעבויגן צו דער ערד, מיט די הערנער גרייט צום קאַמף. איך האָב נאָך אַלץ געגלויבט, אַז ער האָט אונז נישט געזען און ער וועט זיך באַלד אומקערן צו-ריק, אָבער ער האָט געהאַלטן אין איין לויפן גלייך אויף אונז. די פערד זיינען ווילד געוואָרן און האָבן זיך געלאָזט לויפן גאַ-לאָפּ. רעהים אַלי האָט אין גרויס אימה אָנגעכאַפּט ראָבערטס פערד פאַרן ווייַדל, און אָט אַזוי האָבן מיר זיך געטראָגן אויפן פלאַץ, ווי די רוחות. דער יאַק איז צוגעקומען אַלץ נענטער, און פון זיינע נאָזלעכער איז געפלויגן אַ פּאַרע, ווי אַ געדיכטער רויך. מיט דער מאָרדע האָט ער כמעט באַרירט די ערד: ער איז גע-ווען גרייט אויפצונעמען זיין קרבן מיט די הערנער, צעמורשטן אים אין דער לופטן און צעטרעטן אים מיט די פיס. איך האָב שוין געהערט זיין סאָפּען און כראָפּען הינטער זיך און, אַז איך האָב מיך אומגעדרייט אויף מיין זאָטל, האָב איך געזען, אַז ער האַלט שוין סך הכל ביי אַ צוואַנציק מעטער ווייט פון מיר. זיי-נע קליינע אויגן האָבן געגליט, ווי קוילן פייער, און כ'האָב גע-זען, ווי זיי זיינען פאַרלאָפן מיט בלוט פון ווילדער צערייצטקייט.

די נאָנטסטע סעקונדע האָט געדאַרפט באַשליסן אונזער גורל. איך בין געפאָרן רעכטס. מיך און מיין פערד האָט ער די ערשטע געדאַרפט נעמען אויף זיינע הערנער. תיכף ומיד האָב איך אַראָפּ-געכאַפּט פון זיך מיין רויטן באַשליק און אַוואָרף געטאָן אים צוריק, כדי אָפּצוהאַלטן דעם יאַק דורך דער רויטער פאַרב. ער האָט זיך אָבער גאָרנישט אומגעקוקט דערויף. דעמאָלט האָב איך

אַראָפּגעכאַפּט מיין גאַרטל—איך זאָל קענען אַראָפּציען פון זיך מיין פּעלץ און וואַרפן דער ווילדער בעסטיע אין די אויגן אַריין. דער יאַק איז שוין געווען אַזוי נאָנט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אָט-אָט הויבט ער אויף דאָס פערד מיט מיר צוזאַמען אויף זיינע הערנער. אָבער אָט האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ווילד פאַר-צווייפלט געשריי! אַ שנעלער בליק צוריק: רעהים אַלי איז לויפנדיק אַנידערגעפאַלן, דער יאַק האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַן אַרויסגעהאַנגענער פאַר-בלוטיקטער צונג און מיט שאַרפע הערנער... דערשראָקן דורכן געשריי, האָבן די פערד אַזוי שטאַרק זיך געלאָזט לויפן, אַז מיין פערד האָט מיך שיער נישט אַראָפּגעשליידערט פון זיך. ווען איך האָב מיך ווידער אומגעקוקט צוריק, האָב איך דערזען, ווי דער יאַק לויפט שוין אין אַ וואָלקן שטויב צום טאָל.

מיר האָבן זיך באַלד אומגעקערט צום געפאַלענעם אַלי: אויף דער ערד, מיטן פּנים אַראָפּ איז ער געלעגן, און מיר האָבן גערעכנט, אַז ער איז שוין טויט. אָבער אַז מיר זיינען אַראָפּגע-שפּרונגען צו אים פון די פערד, האָט ער לאַנגזאַם אַ קער גע-טאָן דעם קאָפּ צו אונז, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן: „לאָזט מיך צורו, כ'בין שוין סיי-ווי-סיי טויט!" מיר האָבן זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. מיר האָבן אים איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט, אַ שטייגער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ קאָטלעטל. דאַן האָבן מיר אים אַרומגעטאַפּט די ביינער און די זייטן, די הענט און פיס—ער איז אָבער גאַנץ, דער יונג, ס'פעלט אים גאָרנישט: דער יאַק איז נאָר אַריבערגעשפּרונגען איבער אים און האָט אים געלאָזט אַ צייכן אויפן לייב.

צוויי שטאַרקע מענטשן האָבן אַריבערגעטראָגן דעם העלד צו כּוהאַמעד איזאַ אין געצעלט אַריין. דאָרט האָט מען שוין גע-זאָרגט פאַר אים. אָבער עטלאַכע טעג צייט איז ער נאָך אַלץ געווען אַזוי ווי באַטויבט פון שרעק. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען און מען האָט אים געמוזט שטאַרק אָפּהיטן. אָבער אַז ער איז געקומען צו די קלאָרע רעיונות, האָט ער מיר דער-ציילט פאָלגענדיקס:

בשעת ער האָט דערזען, אַז דער יאַק גרייט זיך אָנצופאַלן אויף מיין פערד, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. משמעות, אַז דער יאַק האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר זיין רויטן מלבוש — האָט ער זיך פלוצלונג אָפּגעקערט פון מיין פערד און זיך אַ וואָרף געטאָן צו אַלין. אינסטינקטיוו האָט רעהים אַלי זיך אַ נויג געטאָן אָן דער זייט, און די הערנער האָבן געטראָפן נישט אים נאָר אין דער ערד. ער האָט נאָר דערשפּירט אויף זיך דעם הייסן אָטעם פון ווילדן אָקס. דאַן האָט ער געחלשט און מער געדיינקט ער גאָרנישט.

ער האָט זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען און האָט נאָר צערייצט דעם אָקס, און אַזוי־אַרום האָט ער מיך געראַטעוועט. פון יענער צייט אָן האָט רעהים אַלי זיך געהאַלטן אַ מייל ווייט פון אַ יאַק. איך האָב אָבער שטענדיק געטראַכט, אַז ער האָט מיך אומבאַוואוסטזיניק מציל געווען פון אַ גרויזאַמען טויט.

די ערשטע מענטשן.

מיין קאַראַוואַן האָט זיך אַלץ געמינערט און געמינערט. פון אַכטאונפופציק פערד זיינען געבליבן נאָר זעכצען, פון זעקס־אונדרייסיק מוילאייזלען—אויך נאָר זעכצען. איצט מוזן מיר שוין אָנקומען צו מענטשן, וואָס זאָלן אונז העלפן. מיר געפינען זיך ביי דער צפון־גרענעץ פון די פּאַשע־טאָלן. מיר האָבן דאָ געפונען פּאַרלאָשענע פייערן, וועלכע זיינען ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק פאַנאַנדערגעלייגט געוואָרן. אָבער ווי אַזוי וועלן זיי אונז אויפנעמען?

די הונגעריקע וועלף זיינען אונז אַלץ מער און מער נאָכגעגאַנגען. ביינאַכט האָבן מיר שטענדיק געהערט זייער הוילען האַרט ביי אונזער לאַגער. איינמאָל האָבן זיי אָנגעהויבן אַ יאַגד אויף אונזערע פערד און פאַרטריבן זיי אַ טאָג גאַנג ווייט אין צפון. אונזערע באַוואָפנטע שומרים האָבן זיך נאָכגעיאָגט און מיט צרות געבראַכט צוריק די פערד.

דעם 10־טן נאָוועמבער האָבן מיר אויפן ברעג פון אַ קליינער אָזיערע דערזען שפּורן פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געטריבן פינף היימישע יאַקן צום וואַסער. מיר זיינען, אַלזאָ, געווען נאָנט נעבן אַ ישוב. ביז אַהער האָבן מיר געהאַט געגן זיך די נאַטור. איצט אָבער מוזן מיר זיך רעכענען דערמיט, אַז אויך די מענטשן קאָנען שלעכט זיין צו אונז. מען דאַרף, אַלזאָ, זיין פאָרזיכטיק. אונזער אומרוהיקייט און שפּאַנונג איז געוואַקסן פון שעה צו שעה.

ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ טאָל, און זיך מישב געווען, וואָס מיר האָבן צו טאָן, איז טונדופ סאָנאַם געקומען צו לויפן אָן אַן אָטעם: אין מערב-זייט האָט ער געזען אַ שוואַרץ געצעלט.

איך האָב תּיכף אַרויסגעשיקט צוויי מענטשן מיט אים. אין געצעלט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט געוואוינט אַ פרוי מיט דריי קינדער. זי האָט געשטאַמט פון קאַנט גערטסע. אירע ביידע מענער—אין טיבעט האָט אַ פרוי פיל מענער—זיינען איצט נישט געווען אינדערהיים. וועגן דער געגנט האָט זי אונז גאָרנישט געקאָנט זאָגן. זי האָט אָנגערופן דאָס אָרט גאָמאָ-סעלונג. פאַרקויפן האָט זי אונז גאָרנישט געקאָנט: נישט קיין יאַקן, נישט קיין שעפּסן, נישט קיין מילך. פאַר אונז איז דאָס געווען אַ ביטערע אַנטטוישונג, ווייל מיר האָבן נאָר-וואָס געהאַט פאַרלאָרן דריי פערד און אונזער משא איז געווען צו-שווער פאַר די געבליבענע פערד.

צוויי טעג שפּעטער, ווען מיר זיינען געווען באַשעפטיקט אין לאַגער מיטן אויפשלאָגן מיין געצעלט, איז געקומען טונדופ סאָנאַם מיט צוויי טיבעטער! סוף-כּל-סוף האָבן מיר פאָרט דערלעבט צו זען מענטשן נאָך אַ נסיעה פון איינאונצוואַנציק טעג אין דער קאַלטער אייז-וויסטעניש!

טונדופ סאָנאַם האָט געמוזט אָנווענדן זיין גאַנצן רעדנערישן טאַלענט, בדי צו פועלן ביי די מענטשן, זיי זאָלן גיין מיט אים צו אונז אין לאַגער. אָבער אַז זיי האָבן דערזען אונזערע פיר געצעלטן, האָבן זיי זיך זייער שטאַרק איבערגעשראָקן. זיי האָבן גערעכנט, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ רוצחים-באַנדע. דער עלטערער פון זיי, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, ענלאַך מיט זיינע לאַנגע האָר מער צו אַ גאָרילאַ, ווי צו אַ מענטשן, האָט געריטן אויף אַ פערד, דער יונגערער, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, איז געגאַנגען צופוס. נישט ווייט פון אונזערע געצעלטן האָבן זיי אָנידערגעלייגט זייער געווער, דאַן זיינען זיי לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו מיין געצעלט. באַלד דערויף זיינען זיי געפאַלן אויף די קני און אַרויסגעשטעקט די צונג, ווי ווייט זיי האָבן נאָר

געקאָנט. אָט אַזוי ווייזט מען אַרויס אין טיבעט אונטערטעניקייט, און דאָס דאַרף הייסן: איר קאָנט אייך זען טיף ביי אונז אין מויל, מיר וועלן ריידן גאָר ערלאַך און גוט. אַלס מתּנה האָבן זיי אונז געבראַכט צוויי שעפּסענע מעגעלאַך: איינער איז געווען אָנגעפּילט מיט פּוטער, דער אַנדערער מיט ציגנמילך.

כּדי צו באַרוהיקן די פרעמדע, האָט זיי מוהאַמעד איזאַ אָנגענומען ביי דער האַנט, און אָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס:

—צי ווילט איר אונז פירן מיטן נאָנטסטן וועג צום דאַנגראַ-יום-טסאָ און שיגאַטסע?

—יאָ, ווען מען זאָל אונז באַצאָלן.

—וויפיל פאַרלאַנגט איר?

—דאָס מוז באַשטימען אַליין דער באָמבאָ טשימבאָ (ס'הייסט דער אָנפירער).

—צי האָט איר פערד צו פאַרקויפן?

—מיר האָבן צוויי פערד, אָבער פאַרקויפן קאָנען מיר זיי נישט.

—אָבער יאַקן קאָנט איר באַקומען?

—מיר קאָנען אייך געבן פינף יאַקן, אויב איר וועט צאָלן צו צוואַנציק רופּיען פאַר אַ שטיק.

—קאָנט איר אונז אויך פאַרקויפן שעפּסן?

—יאָ, זעקס שטיק, צו פיר רופּיען אַ שטיק.

—און ציגן?

—זיי קאָסטן צו דריי רופּיען.

—גוט. ברייענגט אונז אַלץ אַהער, איר וועט תּיכּף באַקומען באַצאָלט.

—דער באָמבאָ טשימבאָ מוז דאָ בלייבן ביז מאָרגן, כּדי מיר זאָלן קאָנען אַלץ ברייענגען.

—גוט. דאַן זייט איר מיינע געסט. צומאָרגנס וועלן מיינע לייט גיין מיט אייך און איבערנעמען ביי אייך די געקויפטע פי.

מוהאַמעד איזאַ האָט אַריינגעפירט צו זיך אין געצעלט ביידע

לייט. אייגער פון זיי האָט געהייסן פונטשוק און דער אַנדערע טסערינג-דאַווא. ביים טיי, בעת מען האָט צוגעשפּילט אויף אַ פייפל, זיינען די לייט געוואָרן אַ ביסל היימישער, און האָבן נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט געהאַקט מיט דער צונג און שטאַרק געאַרבעט ביי זייערע תּפילות.

אין דעם אָוונט איז די שטימונג פונם קאַראַוואַן, צום ערשטן מאָל נאָך פיל וואָכן, געוואָרן ווידער זיכערער. איצט האָט מען זיך דערשפּירט רוהיקער, כאָטש אין דער נאַכט איז געווען מורא-דיק קאַלט. דאָס וויסטע טיבעט האָט זיך אונז פּלוצלונג באַוויזן היימיש און פריינטלאַך.

דאָס לעבן פון די נאָמאַדן

נאָך אין דערפרי האָבן מיר באַקומען גרויסאַרטיקע פינף יאַקן, וואָס יעדער פון זיי האָט געקאָנט טראָגן משא פאַר צוויי פערד. אונזערע מידע פערד האָבן איצט געקאָנט גיין מיט ווייניק משא און אונזערע עלף שעפּסן און ציגן האָבן מיר אויסגעטוישט אויף בעסערע און דערביי צוגעצאָלט גאַנץ ווייניק געלט.

איך בין געווען אַזוי גליקלאַך און צופריין, אַז מיר האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויפן האַלז אונזערע אָרימע טיבעטער, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען געווען זייער שמוציק אין זייערע גראָבע פעלצן און זיינען געגאַנגען, מחילה, אָן תחתונים... די שוואַרצע האָר זיינען זיי אין לאַנגע צופּלאָנטערטע פּאַטלעס געהאַנגען איבער די אַקסלען און אויפן רוקן. יאָרנלאַנג נישט געשאָרן, נישט געוואַשן און נישט אויסגעקעמט, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גלאַנציקן קראַנץ מיט אַ גאַנץ שלעכטן ריח... אין גאַרטל האָבן זיי געהאַט אומגעלומפּערטע שווערדן און מעסער, אַ טאַבאַק-בייטל מיט אַ לולקע, אַ קרעמענשטיין מיט אַ פייעראייזן און אויף די אַקסלען האָבן זיי געטראָגן אַלטפרייַנקישע ביקסן.

אין דערדאָזיקער געגנט הייסן די טיבעטער טשאַנגפּאַ, דאָס הייסט: צפון-לייט. דעם ווינטער פאַרברייַנגען זיי אינם דאָזיקן אייז-מדבר און נערן זיך פון יאַגד. פון די ציגן און יאַקן האָבן זיי מילך און פּוטער, פון די דערהרגעטע חיות — פלייש און פעלצן

פלייש עסן זיי אָדער רויערהייט, אָדער געטריקנט, האַרט און קאַלט. געוויינלאַך טראָגן זיי מיט זיך אונטערן פעלץ אַ שטיק אייזל אָדער יאַק, וואָס זעט אויס, ווי האַרט האָלץ, און ווען זיי זייגען הונגעריק, שניידן זיי אויס דערפון שטיקער און פרעסן. זייער גרעסטן תענוג געפינען זיי אין כינעזישן טיי, צוגעפּראַוועט מיט שטיקער פּוטער, באַזונדערס, ווען דאָס פּוטער איז רעכט שמוציק און איינגעוויקלט אין בלעטער. ווייל דאָס לאַנד איז זייער אָרים אין צמחים, זייגען אפילו די פערד צוגעוויינט צו קייען פלייש. מיט אַ באַזונדער פאַרגניגן קייען די פערד האַרטע שטיקער פלייש.

די נאָמאַדן, ס׳הייסט, די וואַנדער-שבטים, זייגען גוט באַקאַנט מיט די קוואַלן און פּאַשע-ערטער, וואו זייערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבן נאָך אַרומגעבלאָנקעט מיט גרויסע טשערעדעס. זיי שטעלן אויס נעצן פאַר די אַנטילאָפּן און לויערן אויף ווילדע אייזלען הינטער אַלטע פעלזן און ווענט. שטיל און לאַנגזאַם גנבעט זיך אונטער דער יעגער צום ווילדן יאַק. אין איין אויגנבליק האַקט ער אויס פייער דורך זיין קרעמענשטיין, צינדט אָן אַ שנירל, לייגט עס אַריין אין רער פון זיין ביקס און שיסט. צילן צילט ער אויסגעצייכנט,—דער יאַק פאַלט על-פּי-רוב פונם ערשטן שאָס. דער יעגער מוז קאַרגן מיט פּולווער און שראָט, ווייל ער האָט עס זייער קנאַפּ. דאָס פלייש פונם דערשאָסענעם יאַק ווערט באַלד צעשניטן און צוזאַמענגעלייגט אונטערן געצעלט.

די ווייבער באַזאָרגן אין געצעלט די בהמות, און ווען דער יעגער קומט פאַרנאַכט אַהיים, ליגן זיך זיינע היימישע יאַקן געמיטלאַך פאַרן געצעלט און זייגען מעלה-גרה. דאָרט בלייבן די יאַקן ליגן די גאַנצע נאַכט, און אַזוי אַרום האָט מען זייער מיסט צום הייצן. קיין אַנדער ברענמאַטעריאַל איז דאָ נישטאָ. די שעפּסן נעכטיקן ביי די שטיינבערגלאַך און די ווילדע הינט האַלטן שמירה און פאַרטרייבן די וועלף.

פאַרנאַכט לייגט זיך אויס די גאַנצע משפחה אַרום אַ פייער, אויף וועלכן ס׳קאָכט זיך דער טיי-קעסל. מען פאַררויכערט די לאַנגע

כינעזישע לולקע, וועלכע גייט איבער פון מויל צו מויל. נאָכדעם
שמועסט מען פונם לעצטן יאַגד, פון וועלף, פון דעם, וואָס מען
דאַרף מאָרגן טאָן און אַזוי ווייטער. אַמאָל אַרבעט מען אויך
אין געצעלט: איינער גאַרבט אַ פעל פון אַ יאַק, אַ צווייטער פאַר-
ריכט די שטיוול מיט די אָדערן פון אַ יאַק, אַ דריטער שניידט
פאַסן פון אַן אייזלפעל. דאָס ווייב שלאָגט אויס פוטער אין אַ
גרויסן קרוג און די קינדער שפּילן זיך אַרום ביים פייער. נאָכ-
דעם וויקלט זיך יעדער איין אין זיין פעלץ און ווערט אַנט-
דרעמלט. אָבער נאָך איידער די ערשטע רויטע שטראַלן פון דער
זון באַפאַרבן די שפּיצן פון די בערג, בלאָזט מען שוין פאַנאַנ-
דער מיט אַ בלאָזזאַק דאָס פאַרלאָשענע פייער און די גאַנצע
משפּחה איז זיך פון דאָסניי מכין צו דער אַרבעט.

אַט אַזוי לעבן און וואַנדערן דידאָזיקע שבטים פון גאָר-גאָר אַל-
טע צייטן אינם טשאַנגטאַנג, אָדער צפון-לאַנד, אין זייער אָרימער
היים, וואו מען ראַנגלט זיך מיט גרויס אָנשטריינגונג פאַרן קיום.
די שטורמס זיינען זייערע שטענדיקע שכנים, און דאָך וואָלט
דאָס לעבן ערגעץ אַנדערש-וואו קיין שום חן נישט געהאַט ביי
זיי. נאָר דאָ, אין דער גרויסער איינזאַמקייט פילן זיי זיך היי-
מיש און פולקום פריי,—דאָ, אין דער אייזיקער קעלט, אינם
טאַנצנדיקן שניישטורם און אינם ווייסן לבנה-ליכט פון די טיבע-
טער ווינטער-נעכט.

אין אַ געוויסן טאָג קומט דער טויט אין געצעלט אַריין. אין דרויסן
הוילט דער ווינט, אין געצעלט אָבער הערט מען מורמלען. אָן
אויפהער אַ תּפילה: „אָם מאַני פּאַדמע הום". מען האַלט אין איין
באַשווערן די בייזע רוחות. אָבער אומזיסט! דער גראָער יעגער,
מיטן צוקנייטשטן פּנים, הויכט-אויס זיין לעצטן אָטעם. און דאַן
טראָגט מען אַרויס דעם מת אין דרויסן און מען לייגט אים אַני-
דער אויף די הויכע בערג, כדי די וועלף און די רויבפייגלען
זאָלן אים אויפפרעסן. קינדער און קינדס-קינדער ווייסן נישט,
וואו מען האָט זייער מת אַנידערגעלייגט. דער טיבעטער וואַנ-
דערער ווייס נישט פון אַ שטענדיקער היים און נאָכן טויט האָט
ער אויך קיין קבר נישט! און קיינער פרעגט זיך גאָרנישט אויפן
טויטן, וואָרום דאָרט, וואו דער מת ליגט, געוועלטיקן בייזע רוחות...

מ׳ין האָט מיך דערקענט.

במשך פון פיר טעג האָבן ביידע טיבעטער אונז געדינט אַלס וועגווייזער, נאָכדעם אָבער האָבן זיי געמוזט גיין צוריק אַהיים. יעדער פון זיי האָט באַקומען באַצאָלט—דריי רופּיען אַ טאָג, אויסערדעם, אַ מעסער מיט אַ שייד און אַ גאַנצן פּעקל פּאַפּיראָסן-שאַכטעלאַך. זיי זיינען געווען איבערגליקלאַך מיט די דאָזיקע מתּנות און האָבן אונז פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן נאָך אין לעבן נישט געזען אַזעלכע ליבע מענטשן, ווי מיר זיינען.

אין דער לעצטער נאַכט האָבן מיר געהאַט דרייסיק גראַד פראָסט און צומאָרגנס איז געווען אַ שניידיקער פראָסט. ווען מען האָט אַרויפגעגאָסן אויפן פעלץ הייסן טיי, איז פון אים תּיכּף געוואָרן אַ שטיקל אייז.

פון דער איינזאַמקייט אָבער זיינען מיר פּטור געוואָרן. אַדורכגעמאַכט דעם נאָנטסטן באַרגדורכגאַנג, האָבן מיר דערזען אין טאָל אַ סטאַדע פערד און אויף די שפּיצן פון די בערג האָבן, ווי מוראַשקעס, זיך נעפּינטלט שעפּסן און יאַקן. אין איין טאָל זיינען געשטאַנען זעקס שוואַרצע געצעלטן, און אַז מיר זיינען פאַרביי-געגאַנגען, האָט זיך פון דאָרט אַ וואָרף געטאָן אויף אונז אַ מחנה בייזע הינט. פון די געצעלטן זיינען באַלד אַרויסגעלאָפן מאַנס-לייט, ווייבער און קינדער.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער לאַגער ביים ברעג פון אַן אָזיערע. דאָס אָרט איז שוין געווען נישט אַזוי שטאַרק הויך, ווי געוויינלאַך, סך הכּל 4914 מעטער—אַלץ נאָך העכער ווי די שפּיצן פון מאָנבלאַן.

אין די געצעלטן האָבן געוואוינט אַ פערציק נפשות, וועלכע האָבן געהאַט טויזנט שעפסן, זעכציק יאַקן און פערציק פערד. דאָס זיי- נען שוין נישט געווען קיין אָרימע יעגער, נאָר רייכע פי-פלעגער. זייער סטאַראָסטע האָט געהייסן לאָבזאַנג-טסערינג. דאָס איז גע- ווען אַ רירעוודיקער, מונטערער מאַן, פאַרברענט פון די וועטערס, מיט אַ פנים אין קנייטשער, אָן אַ באָרד, ווי אַלע טיבעטער. ער האָט גאַנץ ברייטלאַך געשנייצט די נאָז, מיט גרויס רעש און געפּילדער און זיך אָפּגעווישט מיט אַ נאָזטיכל, וואָס ער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געוואַשן. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע להאַסאָס באַפעלן, נישט אַריינצולאָזן פרעמדע אין לאַנד. ער האָט אונז פאַרקויפט דריי שיינע יאַקן צו דרייאונצוואַנציק רו- פּיען אַ שטיק, און ווייל איינער פון זיינע לייט האָט נישט גע- קאָנט ביישטיין דעם נסיון פון אונזער זילבערגעלט, האָבן מיר אין אָוונט געהאַט שוין גאַנצע צען אויסגעצייכנטע יאַקן. פון אונזער פריערדיקן קאַראַוואַן זיינען שוין געבליבן סך-הכל פינפ- אונצוואַנציק קעפּ, ווייל ניינאונזעכציק פערד מיט מוילאייזלען זיינען אַוועקגעפאַלן אין וועג. די יאַקן האָבן אונז פּשוט גערא- טעוועט דאָס לעבן. זיי האָבן אונז אויסגעזען ווי מלאכים, געשיקט פון הימל. אמת, ווי מלאכים מיט הערנער, אָבער מיט שטאַרקע רוקנס און פעסטע ביינער, און אונזערע אָרימע פערדעלאַך און מוילאייזלען האָבן כמעט באַקומען דעמיסיע. אָבער אונזערע גערשטן און מאַאיס האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין, רייז האָבן מיר אויך געהאַט בלויז איין זאַק און ביז שיגאַטסע האָבן מיר נאָך באַדאַרפט וואַנדערן כמעט גאַנצע דריי חדשים צייט.

דער שטורעם האָט ווידער אויסגעבראָכן. האַלב טויט פון קעלט, בין איך געזעסן אויף מיין פערד, וועלכער האָט זיך געגנויטיקט אין רו. מיין פנים איז פאַרגליווערט געוואָרן, די אויגן האָבן פון קעלט און שטויב אָנגעהויבן צו טרערן, וואָס זיינען מיר באַלד איינגעפראָרן. די ליפּן זיינען געשוואָלן געוואָרן און האָבן געפּלאַצט. יעדע באַוועגונג האָט אונז פאַרשאַפט גרויסע יסורים. אַ גליק נאָך, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט פון וואָס צו לאַכן, ווייל דאָס וואָלט פאַרשאַפט פיל ווייטיק די ליפּן. מיר האָבן אַזוי געביינקט

נאָך וואַרימקייט, אַז מיר וואָלטן מיט פאַרגניגן אַריינגעשפּרונגען אין פלאַמען פייער.
פון דערווייטן האָט געשטורעמט דער ווינט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פאָרן פערד און שפּאַן מיט שווערער אַרטילעריע איבער אַ שלעכטן ברוק. דאָס טוך פון אונזער געצעלט איז שטאַרק אויפגעבלאָזן געוואָרן, די באַמבוקשטאַנגען האָבן זיך אויסגעבויגן און אַ ליאַדע מינוט געקאָנט זיך איבערברעכן.
ווידער זיינען ביי אונז אומגעפאַלן פיר מוילאייזלען און די וועלף האָבן ווידער געפונען ביי אונז געננוג צו פרעסן. פיר טעג שפּעטער זיינען מיר געקומען אין אַ נייעם געצעלט-דאָרף.
אָבער אַז מוהאַמעד איזאַ האָט פאַרפירט אַ שטיקל שמועס מיטן סטאַראָסטע מכח אַ קניה פון יאַקן, איז צוגעקומען אַן אַלטער מאַן און האָט שאַרף דערקלערט: „איר האָט דאָ אַן אייראָפּייער און פאַר אייראָפּייער איז פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין אונזער לאַנד. מיר האָבן גאָרנישט בדעה צו פאַרקויפן אייך יאַקן, און איך גיב אייך אַן עצה צו גיין בעסער וואָס שנעלער צוריק, ווייל אַנישט וועט זיין שלעכט.
דאָס איז געווען אַ קריגס-דערקלערונג, מען מוז זיין פאָרזיכטיק.

ביי אַ פראָסט פון איינאונדרייסיק גראַד זיינען מיר ווידער אַרויסגעטראָטן אין וועג. די קעלט פון דער נאַכט האָט ווידער אַוועקגעלייגט איינעם פון אונזערע מוילאייזלען, און נאָך איידער מיר האָבן פאַרלאָזט דעם לאַגערפּלאַץ פון אונזערע אויגן, האָבן אים די וועלף שוין אויפגעפרעסן. איצט האָבן מיר זיך שוין געהיט צו באַזוכן די געצעלטן אויפן וועג, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן קיין גוטס פון זייערע איינוואוינער.
בשעת מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער 77-טן לאַגער, זיינען צוגעגאַנגען צו אונז צוויי טיבעטער. יעדער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין כינעזישן צאָפּ, אויסגעבונדן מיט סטיינגעס און באַפּוצט מיט רינגען פון העלפאַנדביין און זילבערנע געצן-בילדער. זיי האָבן געטראָגן פעלצן מיט רויטע און גרינע זוימען, שווערדן

און זילבערנע, באַפּוצט מיט ביליקע קאָראַלן און טורקוסן. אויף די אַקסלען האָבן זיי געהאַט ביקסן אויף גראָבע רימענר

—פונוואַנען קומט איר?—האָב איך געפרעגט.

—מיר האָבן עולה-רגל-געווען: מיר האָבן באַזוכט דעם הייליקן קאַילאַס און די הייליקע אָזיערע מאַנאַסאַראָ וואַר. איצט פאָרן מיר אַהיים קיין נאַקטשו.

—זענט איר אַליין?

—מיר זיינען פינפאונדרייסיק מאַן און מיר האָבן הונדערט יאַקן מיט זעקסהונדערט שעפסן.

—ווילט איר אונז פאַרקויפן יאַקן?

—יאָ, מאָרגן פאַר באַגינען, ווייל אויב מען וועט זען, אַז מיר האָבן געמאַכט געשעפט מיט אַ „פּעלינג" (אייראָפּייער) וועלן מיר שלעכט אָפּשניידן.

—איר באַדאַרפט זיך נישט שרעקן. איך וועל אייך נישט פאַר-ראַטן און וועל גוט באַצאָלן.

—זייער שיין. אָבער זאָגט, צי זענט איר נישט אַמאָל יענער „פּעלינג", וואָס איז מיט פינף יאָר צוריק געקומען קיין נאַקטשו און דער גובערנאַטאָר האָט אים דעמאָלט געצוואונגען, ער זאָל פאָרן צוריק?

—יאָ, איך בין עס.

—דאָס גאַנצע לאַנד האָט דעמאָלט גערעדט פון אייך. שערעב לאַמאַ איז געווען אייער פירער און איר האָט געהאַט אַ גרויסן קאַראַוואַן מיט אַ סך רוסן, אַלס משרתים.

מען האָט מיך, אַלזאָ, שוין דערקענט, און די ידיעה וועגן מיין קומען צוריק האָט זיך געשווינט פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. די ווירקונג דערפון וועט זיך זיכער באַלד אַרויסווייזן.

שפּיאָנען.

נאָך איידער די זון האָט באַגולט די שפּיצן פון די הויכע בערג, האָבן זיך באַוויזן די עולה-רגל-לייט. אונזערע מענטשן האָבן זיי אייגנטלאַך געהאַלטן פאַר שפּיאָנען. פאַר אונזערע גע-צעלטן האָט זיך געעפנט אַ גאַנצער מאַרק. מיינע לייט האָבן באַ-טראַכט די יאַקן, די פאַרקויפער האָבן שטאַרק געלויבט זייער סחורה און בעת מעשה געמאַכט מיט די הענט און מיט די פיס. לסוף האָבן מיר געקויפט זעקס יאַקן, צוויי פעקלאַך טיי, אַ זאַק טאַבאַק און אַ פּאָר מעגעלאַך פוטער. מיר האָבן באַצאָלט מיט זילבער-רופּיען און מיט פּאַפּיראָסן-שאַכטעלאַך אַלס מתנה.

—צי איז אייך באַקאַנט דער וועג קיין דרום?—האָב איך געפרעגט.

—געוויס איז ער אונז באַקאַנט.

—ווילט איר אונז אפשר באַגלייטן? איך צאָל דריי רופּיען אַ טאָג.

—געוויס וואָלטן מיר געוואָלט, אָבער מיר שרעקן זיך.

—פאַרוואָס האָט איר מורא?

—מיר האָבן געהערט, אַז אין דרום פון דעמדאָזיקן באַרג-דורכ-גאַנג געפינען זיך סאָלדאַטן, וועלכע וועלן אייך פאַרשטעלן דעם וועג.

—מאַרש פאָרויס!—האָב איך תיכף אויסגערופן, און מיר האָבן באַלד זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר האָבן איצט געהאַט אַכ-צן יאַקן. טונדופּ סאָנאַם מיט צען מאַן האָבן זיי געפירט. פון

דעם נאָנטן באַרגשפּיץ האָבן מיר אין דער דרום-ריכטונג דערזען אַ וועלט מיט בערג, אָבער באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ שניי-שטורם, וואָס האָט אונז פאַרדעקט די גאַנצע וועלט.

ווי געוויינלאַך, בין איך אַ ביסל אָפּגעשטאַנען, כּדי צו מאַכן מיינע באַאָבאַכטונגען. מיט מיר איז פאַרבליבן ראָבערט און אַ מאַכ־מעדאַנער, וועלכער איז שוין געווען אין מעקא און האָט דעריבער געהייסן האַדשי. און אָט זיינען געקומען צו אונז דריי שוואַרצע רייטער. מיר האָבן תּיכּף זיך געלאָזט צו אונזער קאַראַוואַן, אָבער די פרעמדע האָבן אונז אָנגעיאָגט. דער ערשטער, אַ גראָער קערל, איז צוגעריטן האַרט צו מיר און האָט קורץ און ברייטלאַך אַ פרעג געטאָן:

—וואָס זענט איר פאַר מענטשן?

—עולה-רגל-לייט.

—פונוואַנען קומט איר?

—פון לאַדאַק.

—וואוהין פאָרט איר?

—צום דאַנגראַ-יום-טשאָ.

—מענטשן פון לאַדאַק קומען קיינמאָל נישט פון צפון.

באַלד דערויף האָבן זיי מיט די שפּאָרן אַ זעץ געטאָן די פערד, אָנגעיאָגט דעם קאַראַוואַן און אויסגעפרעגט מוהאַמעד איזאַ. דאַן זיינען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער מערבריכטונג.

ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אַזעלכע פּאַטרולן מאַרשירן שוין זיבער איבערן גאַנצן לאַנד און מען וועט פאַרזאַמלען אַלע באַוואָפנטע מענטשן. נאָך מיט פינף יאָר צוריק האָב איך שוין פאַרזוכט דעמדאָזיקן טעם.

צוויי טעג שפּעטער זיינען מיר געקומען קיין באָגטשאַנגטשאַנגפּאָ,—אַ טייך, וואָס ציט זיך קיין מזרח און גיסט זיך אַריין אין אַ גרויזאַלצענער אָזיערע. ווען מיר האָבן זיך היימיש איינגעאָרדנט ביים דרום־ברעג פון געפראָרענעם טייך, האָבן זיך באַוויזן אין אונזער לאַגער זעקס פאַרשוין. דער חשובסטער פון זיי האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט:

—איך בין דער גאָוואַ (סטאַראָסטע) פון דער היגער געגנט און פון צפון האָב איך דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז איר געפינט זיך אין וועג קיין דרום. מיט פינף יאָר צוריק זענט איר געקומען מיט פינפאונצוואַנציק קעמלען. וויפיל בהמות און משרתים האָט איר איצט? וואוהין ווילט איר פאָרן?

—פאַרוואָס פרעגט איר עס?

—ווייל איך מוז צושטעלן אַ באַריכט דעם גובערנאַטאָר פון נאַקטשאַנג, אויב נישט, וועט ער מיר אָפּשניידן דעם האַלז.

איך האָב אים געגעבן די פאַרלאַנגטע ידיעות. דאַן האָט ער ווי־דעראַמאָל געפרעגט:

—צי וויל דער באָמבאָ טשימבאָ זיין אַזוי גוט אָפּצעוואַרטן דאָ, ביז איך וועל דערהאַלטן אַן ענטפער פון גובערנאַטאָר?

—ווען קאָנט איר באַקומען דעם ענטפער?

—אין צוואַנציק טעג אַרום.

—אַ שיינעם דאַנק. מיר פאָרן מאָרגן ווייטער.

צוואַנציק טעג האָבן מיר נאָך אַלזאָ צייט! מיר זיינען געפאָרן לייגנגאויס דעם טייך באַגטשאַנג-טשאַנגפאָ. דאַן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט צו פאַנגען פיש. פינף נעכט האָבן מיר געהאַלטן לאַגער אויף זיינע ברעגן. ווען מיר זיינען, ענדלאַך, האַלב-טויט פון קעלט, אַראָפּ אין אַ טאָל, האָבן מיר פּלוצלונג באַקומען אַ ווי־זיט פון דריי טיבעטער.

—ווער ביזטו?—האָב איך אַ פרעג געטאָן ביים חשובסטער פון זיי, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך אַ בלוט-רויטן פעלץ און אַ ציגל־רויטן פוקסן-הוט.

—איך בין קאַרמאַ טאַמדינג פון טאַנג-יונג,—האָט ער געענטפערט,— אינם היגן קאָנט גייען אַרום וויסטע קלאַנגען. מען זאָגט, אַז רוצחים-באַנדעס האָבן באַרויבט די נאָמאַדן אין צפון. אַנדערע, ווידער, זאָגן, אַז עפּיס אַ פרידלאַכער אייראָפּייער קויפט אויף ביי אונזערע איינוואוינער יאַקן, שעפסן, פוטער און מילך. איך בין דעריבער געקומען פערזענלאַך צו באַקענען זיך מיט די פרעמדע

און איך פריי מיך זייער, וואָס איך האָב געטראָפן מענטשן אָני שטאָט גזלנים.

—האָט אפשר נאָכגעפרעגט אויף אונז אַ שליח פון שיגאַסע?

—ניין, אָבער מען האָט געשיקט שליחים קיין להאַסאַ.

—ווילסטו אונז פאַרקויפן יאַקן?

—יאָ, גערן. איבעריגנס, האָב איך אייך שוין געזען מיט פינף יאָר צוריק אין באָגטשאַנג-טשאַנגפאָ.

קאַרמאַ טאַמדינג האָט מיר אויסגעזען אַזוי סאָליד, אַז איך האָב אים פאָרויסבאַצאָלט פאַר דריי יאַקן, און ער האָט געהאַלטן וואָרט. אין צוויי טעג אַרום איז ער געקומען אין אָוונט, אין דער באַגלייטונג פון צוועלף טיבעטער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען דריי ווייבער. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום אונזער פייער, און מיר האָבן נייגיריק באַטראַכט איינאַנדער. די ווייבער זיינען געווען גוט איינגעהילט אין זייערע פעלצן און האָבן זיך כמעט נישט אַרויסגעזען. אָבער שוין דאָס ביסל, וואָס האָט זיך דאָך געלאָזט זען, איז געווען שרעקלאַך שמוציק. די עלטערע האָט געטראָגן אויפן שטערן אַ קאָראַלנפוץ מיט זילבערנע מטבעות.

דאַן איז די גאַנצע געזעלשאַפט אַריינגעקראָכן צו מוהאַמעד איזאַ אין געצעלט און נאָך אַלאַנגן דינגען זיך האָבן זיי אונז פאַרקויפט מעל און גערשטען פאַר אַכטאונזעכציק רופּיען. איצט האָבן אונזערע קאַראַוואַן-בהמות געקאָנט זיך גוט אָנפרעסן און אָנפאַקן די זייטן ווי ס'געהער צו זיין. זיי האָבן זיך שוין אַלאַנגע צייט גענערט מיטן מאָגערן גראָז פון די טאָלן אין מדבר פון טיבעט.

דער ערלעכער קאַרמאַ טאַמדינג האָט זיך צוזעגנט מיט אונז און איז אַוועק זיין וועג.

חגאות אין טיבעט.

דעם 24-טן דעצעמבער האָבן מיר אויפגעשלאָגן אונזער לאַ-
גער אין אַ טאָל, נעבן דער קליינער אָזיערקע, דומבאָק-טסאָ.
ביי־טאָג האָט די זון געשיינט, און דער ווינט האָט אַ ביטל נאָכ-
געלאָזט, אָבער ס'איז געווען גוט טאָלט, ווי אין די ווינטער-
חגאות, און אין וועג איז מיין גרויס עפעל-פערד אַוועקגעפאַלן.
איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס איך האָב מיך איצט געפו-
נען אונטער אַ דאַך, וואו עס איז געווען וואַרים און מיט גרויס
אומגעדולט האָב איך געוואַרט אויף דער יום-טובדיקער סעודה,
וואָס טסערינג האָט צוגעגרייט נעבן מיין בעט אויף דר'ערד:
מילך, געבראָטן שעפסנפלייש, חלה און אַ קענדל טיי. אין מיינע
אויערן האָבן געקלונגען קירכען-גלאָקן און דער געזאַנג פון די
פריילאַכע קינדער אין דער קריסטוס-נאַכט.

איך מיט ראָבערטן זיינען געווען די איינציקע קריסטן אין אונ־
זער חברותא, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו פייערן אונזער יום-
טוב אַזוי, אַז אויך די געצין-דינער זאָלן דערביי האָבן אַ שטיקע-
לע תענוג. איך האָב געהאַט אָפגעשפאָרט אויף דידאָזיקע חגאות
לערך פערציק שטיקלאַך ליכט. און אָט האָבן מיר זיי אָנגעצונדן
אויפן קאַנט פון מיין קאַסטן אינמיטן פון אונזער געצעלט, בשעת
מוהאַמעד איזאַ האָט אין דרויסן פאַרזאַמלט אַלע מיינע לייט,
און ווי נאָר מיר האָבן אָנגעצונדן די ליכט, האָט ער זיי אַריינ-
געפירט צו מיר אין געצעלט. אַ העלער שיין האָט באַלויכטן אַלע

פון פראָסט אָפּגעבּרענטע פּנימער און דער עולם האָט גענומען מורמלען פון גרויס חדוש.

איצט זיינען אַרויסגעטראָטן די לייט פון לאַדאָק און האָבּן געשפּילט אויף זייערע פליטן און געזונגען זייערע היימישע לידער. סוקור אַלי האָט געפּויקט מיט אַלע כּוחות אויף אַ פּאַטעלנע, און די איבּעריקע האָבּן געטאַנצט און געאַרבּעט מיט די פיס צום טאַקט. דאַן האָט יעדערער באַקומען זיין חגאות-מתּנה—זילבּערגעלט, ווייל קיין אַנדער זאַך צו שיינקען האָבּ איך נישט געהאַט.

וואָס האָבּן די טיבּעטער געקאָנט טראַכטן וועגן אַזאַ פייערונג? זיי האָבּן געוויס געהאַלטן דעם קאַסטן פאַר אַן אַלטאַר און האָבּן מסתּמא געגלויבּט, אַז מיר צינדן אָן אַלע אָוונט אַזעלכע קרבּנות פאַר אונזערע געטער. ס'איז געווען אַ תּענוג צו קוקן אויף אַ יונגן טיבּעטער, וועלכער איז אין די לעצטע טעג געווען אונזער וועגווייזער. אויך אים האָט מען אַריינגערופן. ער האָט זיך געזעצט אויף דער שוועל פון געצעלט, די פיס אייסגעצויגן, ווי אַ קאַץ, וואָס לויערט אויף אַ מייזל, און האָט געקוקט אַמאָל אויף די פייערלאַך און אַמאָל אויף מיר.

—איז עס שיין?—האָבּ איך אים עטלאַכע מאָל געפרעגט, אָבּער איך האָבּ קיין שום וואָרט נישט געקאָנט אַרויסבּאַקומען פון אים, אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט באַקומען זיין מתּנה. ווען די פייערונג האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבּן און איז אַוועק צו זיינע חברים. אין אונזער לאַגער האָט ער שוין בּשום אופן נישט געוואָלט מער שלאָפן און ווען ער האָט זיך צומאָרגנס עטוואָס בּאַרוהיקט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו טונדופּ סאָנאַם, אַז ער האָט שוין אין זיין לעבּן פיל זאַכן געזען, אָבּער אַזאַ מערקווירדיקע זאַך נאָך קיינמאָל נישט! קיין זאַך האָט אים נישט געקאָנט בּאַוועגן צו גיין מיט אונז ווייטער, און ער איז געשווינט אַנטלאָפן צו זיך אַהיים.

ווען דאָס לעצטע ליכטל פון אונזער פייערונג האָט זיך אויסגעלאָשן, איז זיך יעדערער אַוועק צו זיך אין לאַגער. טשעריני

האָט מיר נאָך אַריינגעבראַכט אַ פייער-טאָפּ אין געצעלט צו דער-וואַרימען זיך, און איך האָב ביים פייער נאָך אַ לייגגערע צייט געלייענט די ביבל און געטראַכט פון מיינע ליבע לייט אין דערהיים. אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין חגאות-פייערונג אין טיבעט.

אויפֿן אייז פֿונם נגאַנטסע־טסאַ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען מיר געקומען צום נגאַנטסע-טסאַ, וואו מיר האָבן זיך געוואָלט אויסרוען עטלאַכע וואָכן, צוליב אונזערע מידע בהמות. ראָבערט און מוהאַמעד האָבן באַדאַרפט בלייבן מיטן קאַראַוואַן אין לאַגער, און איך האָב מיך פֿאַרנומען מיין צוזאַמענשטעלן אַ מאַפּע פון דער אָזיערע: דאָס בילד פון אירע ברעגן און איר פֿאַרשידענע טיפקייט. די אָזיערע איז גע-ווען באַדעקט מיט אַ דיקן אייז, וועלכן איך האָב דורכגעהאַקט אין פֿאַרשידענע ערטער און אַזויאַרום געמאָסטן די טיפקייט. איך האָב מיר געלאָזט מאַכן אַ שליטל פֿאַר מיין אונטערנעמונג, כדי צו פירן אויף אים מיינע אינסטרומענטן. אַ געצעלט, בעטן און פּראָוויאַנט אויף צען טעג האָבן אונז געדאַרפט ברייגען אייניקע פון מיינע לייט. דעם שליטל האָבן געפירט מיינע צוויי באַגליי-טער.

איך האָב זיך איינגעהילט אין מיין שעפּסן-פעלץ, זיך אַריינגעזעצט אין שליטל, וואָס איז געקלאָפּט איבערן גלאַטן אייז כמעט אַליין. דער שליטל איז געפלויגן איבער גרויסע אייז-שפּאַלטן. אין מאַנ-כע ערטער האָט דאָס וואַסער אַרויסגעשפּריצט פון די שפּאַלטן, ווי פון אַ פאָנטאַן.

איך האָב געמאָסטן די טיפקייט אין אַכט ערטער: זי האָט באַ-טראָפן ניין מיט אַכט צענטל מעטער. דידאָזיקע אַרבעט האָט ביי מיר צוגענומען אַ גאַנצן טאָג צייט. ווען די זון האָט זיך געזעצט הינטער די פּורפּורוואָלקנס, איז געוואָרן שטאַרק קאַלט, און איך

האָב זיך געלאָזט בעסער מאַרשירן צופוס. ווייט און ברייט אַרום אונז האָט זיך געצויגן דער גלאַטער אייז-שטח, ענלאַך צו אַ גרויסן מדבר. מען האָט נישט געהערט קיין לעבעדיקע שטים, אויסער דעם סקריפּ פון אונזערע שריט.
ענדלאַך זיינען מיר געקומען צו אַ ברעג אָזיערע, וואו ס'איז געשטאַנען אַ הויכער פעלז. דאָ האָבן מיר אָפּגעוואַרט די טרעגער, וואָס האָבן אונז געדאַרפט ברענגען אונזערע פעק. ראַבוזאַנג האָט זיך דערווייל גענומען צענויפקלייבן ברענמאַטעריאַל. ווען אַ לוסטיק פייערל האָט צוגעקנאַקט ביי אונז אויפן ברעג, זיינען אונטערגעקומען מיט די פעק צוערשט פיר, דערנאָך פינף פון מיינע לייט.
אין פאַרשידענע ערטער פונם אָזיערע-ברעג האָט געשפּאַרט אַ רויך פון פאַרלייגטע פייערן: מיר זיינען, ווייזט אויס, אַרומגערינגלט געווען פון נאָמאַדן.
אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך געלאָזט גיין ווייטער קיין צפון-מערב. די שטענדיקע מערב-שטורמס האָבן דאָס אייז ריין אָפּגעקערט פונם שניי, און דער טונקעל-גרינער שטח האָט אויסגעזען פון דערווייטן, ווי אַן אָפן וואַסער. אינמיטן וועג האָט אונז לאַנג פאַרהאַלטן אַ שפּאַלט אָנדערטהאַלבן מעטער ברייט. לסוף האָבן מיר געפונען עפּיס אַ דורכגאַנג און דער שליטל האָט אונז געדינט פאַר אַ בריקל.
נאָר אָט זיינען מיר געקומען צו אַן אָרט אויפן ברעג, וואו אַ פּאַסטוך האָט געפּאַשעט זיינע שעפּסן. ווען ער האָט דערזען אונזערע לייט, האָט ער זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט תיכּף ומיד געמאַכט פליטה. מיר האָבן ווידער צענויפגעקליבן אַ ביסל ברענמאַטעריאַל און דאָ, אין דער לעצטער נאַכט פון יאָר, האָבן מיר אויפגעשטעלט אונזער לאַגער נומער 100.
ביי-יאָר 1907 אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט גיין קיין דרום-מזרח, און איך האָב ווידער אין פיל ערטער געמאָסטן די טיפקייט פון דער אָזיערע. אין אָוונט האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורמווינט. אַ געדיכטער נעבל האָט זיך ארויפגעלאָזט איבער דער גאַנצער געגנט, און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מיינע לייט, וועלכע האָבן זיך געלאָזט זוכן

בּרענמאַטעריאַל, וועלן געפינען צוריק דעם וועג אין לאַגער אַריין. באַלד האָבן אָבער פון געדיכטן נעבל זיך באַוויזן די מענטשן איינער נאָכן אַנדערן מיט זעק, אָנגעפּילט מיט יאַקן-מיסט. מען האָט געמאַכט אַ פייער, דער ווינט האָט געטראָגן די פלאַמען אין פּנים אַריין. מיינע לייט האָבן דאָס אָבער אָנגענומען פאַר גוט, ווייל די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע.

אויף צומאָרגנס האָט דער שטורם נישט נאָכגעלאָזט. דאָס אייז האָט געהאַט אַ געבערגלטע פאָרם און האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון פאַרפראָרענע כוואַליעס. די משופּעדיקע זייטן פון די כוואַ-ליעס זיינען געלעגן אין דער ריכטונג פון צפון-מזרח, דאָס הייסט אין דער ריכטונג פון ווינט. ראַבזאַנג און טאַשי האָבן היינט געהאַט פיל אַרבעט מיטן אָפּרייניקן דעם שניי, און דער זאַלץ-שטויב האָט אונז אַזוי געפּאַטשט אין פּנים, אַז איך האָב קוים געקאָנט אָפּציען דעם אָטעם. לסוף האָט זיך אַזוי געשטאַרקט דער ווינט, אַז ביידע שליטן-שלעפּער זיינען אומגעפאַלן און דער ווינט האָט אַליין געטריבן דעם שליטן.

אינם זאַלץ-שניי האָבן מיר זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס, אָבער דער הוראַגאַן האָט זיך פון דאָסניי אַ וואָרף געטאָן אויף אונז. איך בין געזעסן אויפן שליטן, שטאַרק דורכגענומען פונם פראָסט. דער ווינט האָט מיך אונטערגעכאַפּט, ווי אַ זעקל און געטריבן, ווי אַן אייז-שיפל אויפן גלאַטן אייז. מיט די ווייכע פּאָדעשוועס פון מיינע פעלץ-שטיוול האָב איך מיך נישט געקאָנט פאַרהאַלטן אויפן אייז, און אָט אַזוי האָט מיך דער ווינט גע-טראָגן ווייטער מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט אין דער ריכטונג פון אונזער הויפּטקוואַטיר. אַזוי ווייט בין איך אָבער נישט גע-קומען, ווייל דער שליטן האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שפּאַלט, און איך בין אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ באַרג שניי.

באַלד איז אונטערגעקומען ראַבזאַנג, און מיר האָבן איינער דעם אַנדערן אַראָפּגעקלאַפּט דעם זאַלץ-שניי פון די פעלצן, פון די הענט און פון פּנים. דאַן זיינען מיר געגאַנגען צוריק. אָבער ווי ווייט מיר זיינען געווען פון נאָנטסטן ברעג, האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט, און זעלטן האָבן מיר זיך אַזוי לאַנגזאַם

געשלעפּט די שעהן, ווי דאָ, אויפן דאָזיקן וועג איבערן אייז פון דער אָזיערע נגאַנטסע-טסאָ, וואו דער זאַלץ-שניי האָט ווי כוואַליעס פון אַ טייך געשניטן די לופט. מיר זיינען ביידע געווען מער טויט, ווי לעבעדיק. לסוף זיינען מיר געקומען צום ברעג און דאָ האָבן מיר געפונען אַ פּאַסטוך-הייזל, וואו מיר האָבן זיך באַשיצט פון שטורם. צום גליק האָבן מיר דאָרט געפונען פיל יאַקן-מיסט, און באַלד האָט אַ לוסטיק פייער געברענט, און דאָס בלוט אין די אָדערן האָט אונז ווידער אָנגעהויבן שטאַר-קער צו צירקולירן.

ווען דער שטורם האָט נאָכגעלאָזט אויך אַזוי פּלוצלונג, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר אין דרום דערזען זעקס געצעלטן און גרויסע טשערעדעס פון יאַקן און שעפּסן. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אויך געמיטלאַך געפּאַשעט ווילדע אייזלען.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צוריק קיין דרום-מזרח. דזאָסמאָל האָבן מיר געהאַט דעם ווינט אין רוקן, און ראַבזאַנג און טאַשי האָבן, אָנשטאָט צו ציען דעם שליטן, גע-דאַרפט אים בלויז אָפּהאַלטן, ער זאָל זיך נישט טראָגן ווייטער, ווי אַ רוח, שמייסנדיק אונז אין פּנים אַריין מיטן אייז-פּולווער. דאַן האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג גערוט נעבן אַ געצעלט פון נאָמאַדן, ביי וועלכע מיר האָבן געקויפט אַ שעפּס, פּוטער און מילך, ווי אויך אַ ביטל טאַבאַק. דער טאַבאַק איז אונז באַזונדערס גוט צו-נוץ געקומען, ווייל מיינע לייט האָבן אין די לעצטע טעג גע-רויכערט נאָר—יאַקן-מיסט...

אַרומגערינגלט.

אין דעם אייגענעם טאָג, מיטאָגצייט, איז פלוצלונג געקומען אילזאַם אַהון פון אונזער הויפּטקוואַטיר. פּיראונצוואַגציק שעה האָט ער אונז געזוכט אויפן אייז אין דער לייַנג און אין דער ברייט פון דער אָזיערע, ביז ער האָט ענדלאַך אַנטדעקט אונזערע שליטן־שפּורן און געפונען אונזער געצעלט. נאָכדעם, ווי ער האָט אַ ביסל זיך אויסגערוט, האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ דרינגלאַכן בריוו פון ראָבערטן.

אינם בריוו האָב איך געפונען גאַנץ פריילאַכע ידיעות! דעם ו-טן יאַנואַר 1907 זיינען געקומען אין לאַגער זעקס באַוואָפנטע טיבעטער און שטאַרק אויסגעפרעגט מיינע לייט. אויף צומאָרגנס זיינען זיי געקומען שוין מיט אַ גרעסערער מחנה און האָבן דערקלערט, אַז דער גובערנאַטאָר פון נאַק־טסאַנג האָט שטריינג באַפוילן, מיר זאָלן ווייטער נישט גיין, נאָר זיך אומקערן צוריק קיין צפון. איצט וואַרטן די מענטשן אויף אַן ענטפער, וואָס באַדאַרף איבערגעגעבן ווערן דעם גובערנאַטאָר.

עס פרעגט זיך אָבער, צי האָבן מיר אויסגעהאַלטן דעם שווערן טיבעטער הערבסט מיטן ווינטער און פאַרלאָרן דערביי כמעט דעם גאַנצן קאַראַוואַן, כדי מען זאָל פאַר אונז, איצט, אין לעצטן אויגנבליק, פאַרשפּאַרן סאַמע אונטער דער נאָז די טיר פון טיבעט? ניין, הער גובערנאַטאָר! אַזוי לייכט וועט איר מיט אונז נישט פאַרטיק ווערן!

נאָכדעם ווי אילזאַם אַהון האָט זיך גוט אויסגערוט און איז גע-

קומען צו די כוחות, האָב איך אים איבערגעגעבן מיין באַפעל פּאַר ראַבערטן: ער זאָל בעטן דעם אָנפירער פון די טיבעטער רייטער, אַז אויב יענער פאַרלאַנגט עפּיס פון מיר. טאָ זאָל ער קומען צו מיר מיט זיין קאַוואַלעריע דעם 5-טן יאַנואַר נאָכמי-טאָגצייט אויפן צפון-ברעג פון דער אָזיערע. אויב ער וועט נישט קומען, קאָן ער האָבן טענות צו זיך אַליין, און נישט צו מיר.

צומאָרגנס, ווען מיר האָבן זיך אין שטאַרקן פראָסט געריקט צום צפון-ברעג פון דער אָזיערע, האָבן מיר אינמיטן וועג, אין דער ריכ-טונג פון דער הויפּטקוואַרטיר באַמערקט אַ שוואַרצן פונקט אויפן אייז, וואָס האָט זיך געצויגן צו אונז. דאָס איז געווען איינער פון אונזערע לייט, וועלכער האָט מיר געבראַכט אַ נייע שליחות, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט דער גובערנאַטאָר פון נאַק-טסאַנג, בכבודו ובעצמו קומען צו מיר. אָבער צופיל כבוד, הער גובער-נאַטאָר! אויך מיט פינף יאָר צוריק האָב איך מיט דעם אייגענעם גובערנאַטאָר געהאַט צו טאָן, דעמאָלט האָט ער געהייסן הלאַדשע טסערינג. אויב אָט דער אַלטער פריינט מיינער פאַרנעמט נאָך אַלץ דיזעלבע שטעלע, וועט ער זיכער זיין אויף מיר מוראדיק בייז, פאַרוואָס איך פאַרשאַף אים ווידער אַזעלכע אומאַנגענעמ-לאַכקייטן. און דערצו נאָך אין רעכטן מיטן ווינטער!

דעם 6-טן יאַנואַר זיינען מיר ווייטער געגאַנגען אויף דער אָזיע-רע און איך האָב עפּעטער געמאָסטן איר טיפקייט. פלוצלונג האָט זיך באַוויזן מוהאַמעד איזאַ מיט צוויי באַגלייטער. די לייט האָבן שטאַרק געסאָפּעט און זיינען געווען שרעקלאַך אויפגערעגט.

—האַר,—האָבן זיי אויסגערופן שוין פון דערווייטן,—פינפאונצוואַנ-ציק טיבעטער האָבן אַרומגערינגלט אונזער לאַגער און אויפגע-שטעלט דאָרט זייערע געצעלטן, און ווען מיר האָבן היינט גע-וואָלט אַריבערטראָגן אונזער הויפּטקוואַרטיר, צו זיין נענטער נעבן אייך, האָבן זיי אונז געצוואונגען אויסצושפּאַנען די פערד און יאַקן און בלייבן דאָרט, וואו מיר זיינען.

—וואָס קאָנט איר מיר זאָגן וועגן דעם גובערנאַטאָר?

—ער ווערט דאָ אָפּגעוואַרט אין דריי טעג אַרום. טעגלאַך קומען און גייען רייטער־שליחים אַהין און צוריק.

—וואָס זאָגן די טיבעטער דערויף, וואָס איך געפין מיך אַזוי לאַנג אויסערן לאַגער?

—זיי זיינען זייער בייז און אויפגערעגט און האַלטן אין איין פרעגן, וואָס טוט דער האַר אויף דער אָזיערע. זיי גלויבן, אַז איר שעפּט גאָלד פון גרונט, און זיי האָבן געשיקט שפּיאָנען, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף אייער אַרבעט.

—ווי האַלט עס מיט אונזער קאַראַוואַן?

—אייערנעכטן איז אַ מוילאייזל אַוועקגעפאַלן, נעכטן אַ פערד. דער רעשט—אַכט פערד און איין מוילאייזל האַלטן זיך גוט.

—איצט קאָנט איר גיין צוריק און באַגריסט דאָרט אַלעמען אין מיין נאָמען. כ׳וועל באַלד אויך קומען.

אויף צומאָרגנס האָב איך געענדיקט מיין אַרבעט און אין אָוונט בין איך געקומען אין דער הויפּטקוואַרטיר. די טיבעטער האָבן בעת־מעשה אַרויסגעקוקט פון זייערע געצעלטן ווי די מייז פון זייערע לעכער. דאַן האָב איך געהייסן רופן זייערע אָנפירער צו מוהאַמעד איזאַ אין געצעלט.

זיי זיינען תיכף געקומען, האָבן זיך פאַרנויגט און אַרויסגעשטעקט די צונג, ווי אַ רויטע פאַן, פון מויל. דאָסמאָל האָט מיר דידאָזיקע באַגריסונג אויסגעוויזן, ווי אַ חוזק־גרימאַסע. דער חשובסטער פון זיי, אַ מאַן מיט אַ רויטן באַנד אויפן קאָפּ, מיט אַ טונקל־בלאָען פעלץ און אַ שווערד אין גאַרטל, האָט מיך גוט געקענט. אין יאָר 1901 איז ער געווען אין הלאַדשע טסערינגס סוויטע, ווען מיר האָבן צוזאַמען געהאַלטן לאַגער ביים ברעג פון דער אָזיערע טשאַרגוט־טסאָ.

—איז הלאַדשע טסערינג נאָך אַלץ גובערנאַטאָר פון נאַק־טס צַנג?

—יאָ! און ער קומט איבערמאָרגן.

—צי קומט ער ווידער מיט אַכטהונדערט רייטער, ווי דעמאָלט?

—ניין, באָמבאָ טשימבאָ, ער וויס, אַז די רייטער־מחנות דער־

שרעקן אייך נישט. דאָך האָפט ער, אַז איר וועט זיך אונטער־
געבן זיין באַפעל.
אויף צומאָרגנס האָבן זיך באַוויזן נייע רייטער און האָבן זיך
אָנטשולדיקט פאַרן גובערנאַטאָר, פאַרוואָס ער איז נאָך נישט גע-
קומען. איך האָב מיך שוין אַפילו געשראָקן, אַז אַלץ איז דאָ
בלויז אַ קונץ-שטיק, אַ כיטרע שפּיצל, כדי אונז אָפּצוהאַלטן לייג-
גער. אָבער די טיבעטער האָבן מיך פאַרזיכערט:
—באָמבאָ טשימבאָ, ווען דער גובערנאַטאָר וועט נישט קומען אין
דריי טעג אַרום, קאָנט איר אונז אָפּשנייזן דעם האַלז.
—דאָס איז גאָרנישט נויטיק,—האָב איך געענטפערט,—אָבער ווען
ער וועט נישט קומען, וועט איר מיר מוזן צאָלן קנס צען פערד.

—גערן!—האָבן זיי געענטפערט און האָבן אַפילו שריפטלאַך אונ-
טערגעצייכנט דעמדאָזיקן אָפּמאַך. אָבער זיי האָבן זיך געקאָנט
בלייבן ביי זייערע פערד, ווייל אין אָוונט, דעם 11-טן יאַנואַר,
האָט אויף די בערג אין מזרח זיך באַוויזן אַ מחנה רייטער, און
באַלד איז אויסגעוואַקסן נישט ווייט אַ שורה געצעלטן, ווי
פון דר'ערד אַרויס. איינס פון דידאָזיקע געצעלטן, בלאָ-ווייס
געפאַרבט, איז געווען גרעסער, ווי די איבעריקע, און איז, קענ-
טיק, געווען באַשטימט פאַרן גובערנאַטאָר. דאַן איז געקומען אַ
נייע מחנה רייטער. דער ערשטער רייטער האָט אויסגעזען אַלט.
ער איז געזעסן קרום אויפן פערד און איז אינגאַנצן פאַרטרונקען
געוואָרן אין זיין געדיכט-האָריקן פעלץ און רויטן באַשליק. די
איבעריקע האָבן געטראָגן ביקסן מיט רויטע פאַנעס.
—דאָס איז הלאַדשע טסערינג,—האָט מען אין לאַגער געזאָגט. די
אָנגעקומענע זיינען אַלנפאַלס געווען רעכט דורכגעפרוירן. זיי זיי-
נען כמעט ווי אַראָפּגעפאַלן פון די זאָטלען, אַנידערגעלייגט אויף
דר'ערד זייערע ביקסן און זיינען תיכף אַריין אין די געצעלטן.
די אָרטיקער טיבעטער האָבן אָפּגעפירט זייערע פערד אויף דער
פאַשע. מער האָט מען אין דעם אָוונט נישט געזען פונם גובער-
נאַטאָר קיין שום באַוועגונג.

מיין אַלטער פֿריינט הלאַדשע טסערינג.

מיטן טאָג האָט דער גובערנאַטאָר געלאָזט אָנפרעגן, ווער פון אונז ביידן זאָל מאַכן דעם ערשטן וויזיט. איך האָב אים געלאָזט זאָגן, אַז איך וועל אים שפּעטער אויפנעמען. דאַן האָב איך זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און בין מיר געשלאָפן ווייטער. וואָס צו איילן זיך, איז נישט געווען.

נאָכדעם, ווי מען האָט שפּעטער געמאַכט אַן אָרדנונג אין מיין געצעלט און צוגעגרייט אַלץ אויפצונעמען דעם הויכן באַאַמטן, האָב איך אים געשיקט זאָגן, אַז איך וואַרט אויף אים מיט אַ „ברוך הבא". האָט מען צוגעפירט צוויי פערד צו זיין געצעלט, צוויי רייטער האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף זיי און אַלע טיבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דעמדאָזיקן פּלאַץ. די מחנה האָט זיך אַזויאַרום לאַנגזאַם געלאָזט צו אונזער לאַגער.

איך בין זיי אַרויסגעקומען אַנטקעגן. דער גובערנאַטאָר איז אַראָפּ פון פערד. דאָס איז ווירקלאַך געווען מיין אַלטער פריינט הלאַדשע טסערינג, וועלכן איך האָב אין יאָר 1901 פאַרשאַפט אַזויפיל אַרבעט און עגמת-נפש. מיר האָבן איינאַנדער האַרציק באַגריסט. ס'איז שיער נישט געקומען דערצו, אַז מיר זאָלן זיך גאָר אַרומנעמען! כ'האָב דעם גאַסט אַריינגעפירט פאַר דער האַנט אין מיין גוט-אָנגעהייצטן געצעלט און צוגעפירט אים אויבנאָן. זיין באַגלייטער און סעקרעטאַר, אַ לאַמאַ, האָט זיך געזעצט נעבן אים און איך קעגנאיבער אויף מיין בעט. אין טיר איז געשטאַנען מוהאַמעד איזאַ, אַלס טאָלמאַטש. ער האָט געטראָגן אַ קאַרשן-

רויט יום-טובדיקן מלבוש און אַ גאָלד-געשטיקטן טורבאַן און האָט געשײַנט מער פֿאַר אונדז אַלעמען אין זײַן פּוץ און עלעגאַנץ.

נאָכדעם, ווי מען האָט זיך מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן, האָבן מיר צוערשט גערעדט וועגן דעם, וואָס דאָס מזל האָט, נאָך פֿינף יאָר, אונדז ווידער צוזאַמענגעפֿירט אויף די גרענעצן פֿון נאַק-טסאַנג. דאַן האָט הלאַדשע טסערינג אָנגעהויבן מיט אַ זייער באַזאָרגטער מינע:

—איך בין פּערזענלעך געקומען אין אײַער לאַגער ווײַל, איך וויל אײַך בעטן, איר זאָלט תיכף פֿאַרלאָזן מײַן פּראָווינץ נאַק-טסאַנג. נישט-געקוקט אויף דער ענגלישער עקספּעדיציע קיין להאַסאַ, איז נאָך אַלץ פֿאַרבאָטן פֿאַר יעדן אייראָפּייער אַרײַנצוקומען אין טיבעט. איר ווייסט דאָך, וואָסערע צרות איך האָב געהאַט מיט פֿינף יאָר צוריק: איך האָב דעמאָלט געמוזט צאָלן און צאָלן און בין אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. מיר זײַנען אַלטע פֿרײַנט, אָבער איר קאָן דאָך נישט האָבן צוליב אײַך אַזויפֿיל אומאָנגענעמלעכקייטן.

—אָבער איר, הלאַדשע טסערינג, קאָנט דאָך נישט פֿאַרלאַנגען, אַז איך זאָל פֿון אייערטוועגן מאַכן אַ נײַע ווינטער-נסיעה דורך טשאַנג-טאַנג. מיט אַ האַלב יאָר צוריק בין איך אַרויסגעטראָטן פֿון לאַדאַק מיט הונדערטדרײַסיק פֿערד און מוילאייזלען. איצט האָב איך נאָר ניין. אויסערדעם, האָט איר דאָך קיין שום מאַכט נישט איבער אַן אייראָפּייער.

—פֿאַר מיר פּערזענלעך איז גאַנץ גלײַכגילטיק, וואוהין איר פֿאָרט. פֿאָרט זיך פֿון מײַנטוועגן קיין שיגאַטסע, אָבער נישט דורך מײַן פּראָווינץ. אויב איר ווילט אַהין פֿאָרן פֿון דאַנגראַ-יום-טסאָ, אַרט מיר אויך נישט.

—דער טאַשי לאַמאַ וואַרט מיך אָפּ אין זײַן הויפּטשטאָט. ווער זשע קאָן מיך שטערן צו קומען.

—נאַק-טסאַנג געפֿינט זיך אונטער דעם דעוואַזונג (אונטער דער רעגירונג פֿון דאַלאַי לאַמאַ אין להאַסאַ) און נישט אונטער טאַשי לאַמאַ (דעם גלײַכהײליקן קירכנפֿירשט אין טאַשי לונפּאָ).

—איך וועל אַלנפאַלס נישט פאַרלאָזן נאַק־טסאַנג, ביז דער טאַשי לאַמאַ וועט מיר אַליין דערקלערן, אַז דער וועג צו זיין הויפּט־שטאָט איז פאַר מיר פאַרשפּאַרט. אויסערדעם, וואַרט איך אויף דער פּאָסט, וועלכע דאַרף געשיקט ווערן קיין דאַנגראַ־יום־טסאָ פון גיאַנגטסע.

—מיט וואָס קאָנט איר דערוויזן, אַז דער טאַשי לאַמאַ האָט איבערהויפּט דערלויבט אַרייַנצובריינגען אייער פּאָסט אין לאַנד? האָט איר דען אַ פּאַספּאָרט פון אים אָדער פון להאַסאַ?

—איך וועל שיקן צוויי פון מיינע לאַדאַקער אייַנוואוינער צום פאַרטרעטער פון דער אינדישער רעגירונג אין גיאַנגטסע און ווען איך וועל אויך פון דאָרט באַקומען די מעלדונג, אַז די פּאָליטישע לאַגע איז געגן מיין וויטערדיקער נסיעה, וועל איך פאַרלאָזן נאַק־טסאַנג.

—איך האָב נישט קיין אָנווייזונג אייך צו דינען. אויך פאַר אייערע לייט איז דאָס לאַנד פאַרשלאָסן. איך וועל בשום אופן נישט אַוועק פונדאַנען, ביז איר וועט זיך אומקערן צוריק קיין צפון.

—און איך גיי נישט צוריק, ביז איך וועל האָבן דערהאַלטן אַ מעלדונג פון גיאַנגטסע.

—מיר קאָנען דאָך אָבער בשום אופן נישט פאַרבלייבן חדשים־לאַנג אין דעמדאָזיקן מדבר! פון וואָס וועט איר דאָ לעבן? דאָס ביסל היגע נאָמאַדן זיינען אָרים.

—גאָט באַהיט! אויפן דרום־ברעג פון דער אָזיערע זיינען פאַראַן געצעלטן און טשערעדעס לרוב. אין ערגסטן פאַל קאָנען מיר לעבן פון יאַגד.

הלאַדשע טסערינג האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף מיין דאָזיקער עקשנות. ער איז אַוועק זיך באַראַטן מיט זיינע לייט.

נאָכמיטאָגצייט האָב איך אים אָפּגעגעבן אַ וויזיט אין דער באַ־גלייטונג פון ראָבערטן און מוהאַמעד איזאַ. איך האָב אים גע־פונען אין זיין גרויסן געצעלט, וואו ס׳האָט געברענט אַ גרויס פייער אין דערמיט. דאָס געצעלט איז געווען ענלאַך צו אַ שפּיי־

כלער מיט כלערליי סחורות און פראָדוקטן. דאָ זיינען געלעגן זעק מיט רייז און טשאַמבאַ (געברענט מעל), פעק מיט טיי און רויטן כינעזישן פאַפיר, גאַנצע געשאָכטענע שעפסן און אַנדער עסנוואַרג. ס׳איז קלאָר, אַז דער גובערנאַטאָר איז געקומען אַהער מיט דער כונה לאַנג צו וואַרטן. אויסערדעם אָבער האָט ער געפירט מיט זיך אַ גאַנצן אַרסענאַל: ביקסן, שווערדן, שפּיזן, פיילן און מעסערס, לייצעס, געשפּאַן, זאָטלען מיט דעקן,—פונקט ווי אין אַ וויטן קריגסמאַרש.

מיר האָבן זיך אָנידערגעזעצט ביי דער שמאָלער וואַנט, קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג אין געצעלט, אויף קישנס באַדעקט מיט די וואַנעס פון להאַסאַ. איך בין געזעסן נעבן הלאַדשע טסערינג פאַר אַ קליינעם רויט-לאַקירטן טישל. אין רעכטן עק פון געצעלט האָבן געפלאַקערט פוטער-קנויטן אין בלאַנקע מעשענע שאַלטעלאַך מיט גאָלדענע געטער-בילדער.

מען האָט דערלאַנגט טיי אין טאַסן, און די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן. אָבער דער ענין האָט זיך נישט גערוקט פאָרויס, ווייל הלאַדשע טסערינג האָט איצט אַנטגילטיק דערקלערט, אַז ער וועט מיך בשום אופן נישט לאָזן גיין צום דאַנגראַ-יום-טסאָ, ווייל דידאָזיקע אָזיערע איז הייליק און זי איז שוין אַרומגערינגלט מיט אַ מיליטערישער וואַך.

—דער וועג קיין מערב איז אַלזאָ פאַרשפּאַרט?—האָב איך געפרעגט.

—יאָ. איר טאָרט נישט פאָרן—נישט קיין דרום, און נישט קיין מזרח אָדער מערב. פון דער אַנדער זייט אָבער פאַרשטיי איך אויסגעצייכנט, פאַרוואָס איר ווילט נישט פאָרן צוריק קיין צפון.

—טאָ וואו-זשע, צו אַלדי רוחות, זאָל איך פאָרט גיין? זאָל איך פליען צום הימל אָדער צום גיהנם אין דר׳ערד אַריין?

—ניין, איר מוזט דאָ וואַרטן.

—צי קען איך דען, לפחות, שיקן שליחים קיין גיאַנגטסע?

—איך וועל אייך דערין נישט שטערן, אָבער דאָס איז אויף אייער אייגענע אחריות. אויך קיין פערד קאָן איך אייך דערויף

נישט געבן, ווייל מען וואָלט געמיינט, אַז איך בין דורך אייך אונטערגעקויפט.

—איר זענט מיר אַ שיינער גובערנאַטאָר, הלאַדשע טסערינג! איך חעל, אַלזאָ, מוזן שיקן מיינע לייט צופוס, און דאָס וועט דויערן טאָפלט לייגגער.

—איך וועל זיך מישב זיין. מאָרגן וועט איר באַקומען אַן ענט-פער.

אַזױאַרום האָבן מיר זיך צוזעגנט און איך האָב צוגעגרייט טונ-דופ און רוב דאָס צו אַ שליחות קיין גיאַנגטסע. זאָל נאָר ביי הלאַדשע טסערינג נישט פלאַצן די געדולט—איך קאָן וואַרטן!

די פּאָסט פֿון שיגאַטסע.

אויף צומאָרגנס, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, איז הלאַד־שע טסערינג געקומען צו רייטן מיט זיין גאַנצער סוויטע און איז אַריין צו מיר אין געצעלט. איך האָב קוים געגלויבט מיינע אויערן, ווען ער האָט מיר דערקלערט:

—נישט איר און נישט איך—מיר ביידע האָבן נישט קיין צייט צו בלייבן דאָ זיבן חדשים־לאַנג און וואַרטן. איך האָב מיר די זאַך איבערגעלייגט. דאָס איינציקע, וואָס איר קאָנט טאָן, איז,— איר ציט אייך קיין דרום אין געביט פֿון לאַבראַנג, קיין טאַשי לונפּאָ. איך בעט אייך, איר זאָלט זיך טאַקי איבערמאָרגן אַוועק־לאָזן אין וועג אַריין.

וואָס באַדייט דאָס? נאָך קיינמאָל האָב איך נישט דערלעבט אין טיבעט אַזאַ מין אָנגענעמע איבערראַשונג. הלאַדשע טסערינג האָט מיך געבעטן, איך זאָל גלייך פֿאָרן דורכן לאַנד צווישן גגאַנטסע טסאָ און שיגאַטסע אינם מזרח־טייל פֿונם גרויסן ווייסן פֿלעק אויף דער מאַפּע פֿון טיבעט, וועלכע איז די אייראָפּייאישע געאָ־גראַפֿן באַקאַנט נאָך ווייניקער ווי דער שטח פֿון דער לבֿנה, ווייל מיט דער לעצטער קאָן מען זיך דאָך אַמאָל אַן עצה געבן דורך אַ טעלעסקאָפּ. צי איז עס געווען אַזאַ מלחמה־פֿאָרטל, כּדי מיך שנעלער איבערצוגעבן אין די הענט פֿון דער טיבעטער, כינעזי־שער אָדער איינגלישער מאַכט?

אָבער וואָס גייט עס מיך אָן! זאָל זיך זיין, וואָס עס וויל! איך דאַרף דידאָזיקע געלעגנהייט נישט אַדורכלאָזן, און איך האָב

געגנטפערט געלאַסן און האָב מיך קוים איינגעהאַלטן פון אַ שטאַר-קער אינערלאַכער פרייד:

—גוט, איבערמאָרגן גיי איך קיין דרום, אויב איר וועט מיך נאָר באַזאָרגן מיט פערד.

—איך האָב שוין געשיקט מכּוח דעם צו די אַרומיקע נאָמאַדן. דאָס גלייכסטע וואָלט אָבער געווען, ווען איר לאָזט זיך מיטן וועג קיין מזרח פון נגאַנגטסע טסאָ, ווייל דאַן וועט איר שנע-לער פאַרלאָזן מיין פּראָווינץ.

—ניין, איך מוז דאָך גיין צום דאַנגראַ-יום-טסאָ, וואו איך וועל אָפּוואַרטן די שליחים פון טאַשי לאַמאַ מיט מיין פּאָסט.

—צום דאַנגראַ-יום-טסאָ קאָנט איר אין קיין פאַל נישט גיין. איר מוזט מיר געבן אייער ערנוואָרט, אַז איר וועט אַהין נישט גיין.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך פאַרעקשנט, אָבער אַזוי ווי איך האָב גאָר אומגעריכטערהייט דערגרייכט אַזויפיל, האָב איך זיין בקשה דערפילט און זיך אָפּגעזאָגט פון מיין וואונטש, צו זען די דאָזיקע הייליקע אַזיערע.

אָבער אויף צומאָרגנס האָט מיך געטראָפן נאָך אַ פיל גרעסערע איבערראַשונג. איך האָב דעמאָלט גראָד אָבסערווירט די דעמאָל-טיקע לקוי-חמה. עס איז געוואָרן פינסטער. די הינט זיינען פאַרקראָכן אין געצעלט אַריין, די שעפּסן זיינען דערשראָקן גע-קומען צולויפן צוריק פון דער פּאַשע, די לאַדאַקלייט זיינען גע-זעסן ביים פייער און געמורמלט תּפילות און אַן אָדלער האָט מיט שווער-געוואָרענע פליגלען זיך געהאַלטן אין דער לופטן כּמעט האַרט איבער דער ערד. דאַן האָט דער זונסערפּ זיך ווידער פאַרגרעסערט, די שאָטנס זיינען געוואָרן אַלץ בולטער, די שעפּסן זיינען תּחילת געוואָרן אַ ביסל תּמעוואַטע, אָבער דאַן זיינען זיי ווידער לאַנגזאַם אַרויסגעגאַנגען אויף דער פּאַשע, די הינט האָבן אָנגעהויבן אויפסניי זייער שפּיל און דער אָדלער האָט מעכטיק אַ פּאָך געטאָן מיט זיינע פליגלען און זיך אויפגעהויבן הויך—הויך צו דער זון.

ווען איך האָב שפּעטער באַזוכט הלאַדשע טסערינג, האָב איך מיך

אָנגערופן צו אים:
—צי ווייסט איר, פאַרוואָס ס'איז אַזוי טונקל־פינסטער געוואָרן? די געטער פון דאַנגראַ־יום־טסאָ זיינען בייז געוואָרן, פאַרוואָס איר האָט מיר דערלויבט צו באַזוכן זייער אָזיערע.
—ניין, נישט דאָס,—האָט דער טיבעטער פילאָזאָף געענטפערט.—אַ גרויסער הינט גייט אויפן הימל שפּאַצירן און באַדעקט אָפּט די זון, אָבער איך און מיין לאַמאַ האָבן די גאַנצע צייט תפילה געטאָן, און איר האָט נישט מער וואָס מורא צו האָבן, דער הונט איז שוין אַוועקגעגאַנגען ווייטער.
דאַן האָב איך געפּרובט אים דערקלערן די נאַטורדערשיינונג מיט דער הילף פון אַ טאַס און צוויי מטבעות—אַ גרויסע און אַ קלע־נערע, די טאַס האָט געדאַרפט פאָרשטעלן די זון. די גרעסערע מטבע—די ערד און די קלענערע—די לבנה. הלאַדשע טסערינג האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיין דערקלערונג, פאַרשטענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערביי אָבער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

—פאַר אייך איז אַזאַ דערקלערונג אפשר גאַנץ גוט, אָבער פאַר טיבעט שטימט עס נישט.
אין דעם אויגנבליק האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון געצעלט, ראַבזאַנג איז אַריינגעפאַלן אָן אָן אָטעם און האָט אויסגערופן:

—די פּאָסט איז געקומען!
מוהאַמעד איזאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך געלאָזט לויפן. איך האָב אָבער צוזאַמענגעפּרעסן מיינע פיס אויפן באָדן, כדי נישט אַרויסצעווייזן מיין אויפרעגונג, און בין געזעסן גאַנץ שטיל. צי איז עס דען געווען מעגלאַך? בריוו פון דערהיים, פון אינדיע, דאָ, אין דער טיפעניש פון טיבעטער מדבר? אפשר גאָר אַ ידיעה פון טאַשי לאַמאַ?...
—ווער האָט געבראַכט די פּאָסט?—האָב איך געפרעגט געלאַסן, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען.
—אַ מאַן פון שיגאַטסע מיט צוויי באַגלייטער,—האָט ראַבזאַנג געענטפערט.

—זאָל ער ברייגגען אַהער דעם זאַק מיט דער פּאָסט!—האָב איך באַפוילן.—זאָל הלאַדשע טסערינג אַליין זען, אַז מיינע טענות וועגן דער פּאָסט זיינען נישט געווען קיין אָנשטעל, כדי אויסצו-פועלן פאַר זיך אַ פרייען דורכגאַנג אין פאַרבאָטענעם לאַנד.

—מיין האַר,—האָט ראַבזאַנג זיך אָנגערופן,—דער שליח זאָגט, אַז ער דאַרף אָפּגעבן די פּאָסט נאָר אין אייער אייגענעם געצעלט.

דאָס געשפּרעך האָט זיך געפירט צווישן אונז אין דשאַגאַטאַיש-טערקיש און הלאַדשע טסערינג האָט דערפון קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ער איז דעריבער געזעסן פאַרוואונדערט מיט אַ פראַגע-צייכן אויפן פּנים:

—וואָס איז פאָרגעקומען?

איך האָב זייער רוהיק געענטפערט:

—איך האָב נאָר-וואָס דערהאַלטן אַ ידיעה פון טאַשי-לאַמאַ.

דער גובערנאַטאָר האָט ממש געגאַפט. ער האָט אַרויסגעשיקט צוויי פון זיינע לייט, וועלכע זיינען באַלד צוריקגעקומען און דערקלערט, אַז די זאַך איז ריכטיק. דאַן האָט זיין פאַרזאָרגט פּנים אָנגעהויבן צו שיינען פאַר שמחה. ער האָט מיר פריינטלאַך געקלאַפּט איבערן אַקסל און געזאָגט:

—העדין סאַהיב, דאָס איז פאַר מיר אַ פיל וויכטיקערע נייס, ווי פאַר אייך. ס'איז קלאָר, אַז טאַשי לאַמאַ וואַרט אויף אייך, און דאָס געביט פון לאַבראַנג שטייט אָפן פאַר אייך. איך האָב, אַלזאָ, געהאַנדלט ריכטיק, ווען איך האָב נעכטן אייך געגעבן די דערלויבעניש אַהין צו פאָרן. איצט קאָנט איר טאָן, וואָס איר ווילט. איך פאָר מאָרגן צוריק אַהיים.

איצט האָב איך געקאָנט גיין צו זיך אין געצעלט און באַרוהיקן מיין נייגיריקייט און ביינקשאַפט. איך האָב מיך צוזעגנט מיטן גובערנאַטאָר און געאיילט אין מיין געצעלט אַריין. דער שליח מיוחד איז געווען אַ יונגער טיבעטער, וועלכער האָט געדינט ביים הערצאָג קונג גושוק פון שיגאַטסע, וואָס איז געווען אַ ברו-

דער פֿון טאַשי לאַמאַ. ער האָט באַקומען אַ פּאַספּאָרט און דאָס רעכט צו רעקווירירן אויפֿן וועג, ביז דאַנגראַ-יום-טסאָ, פֿערד און פּראָוויאַנט. אַזוי איז ער געפֿאָרן נאָך מיר. אָבער אַז דער שליח איז געקומען צו דער אָזיערע, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איך געפֿין זיך ביי נגאַנטסע-טסאָ. דעמאָלט איז ער דירעקט געפֿאָרן צו מיר.

דאָס איז געווען אין אָוונט דעם 14-טן 1907. מען האָט באַלד אויפֿגעעפֿנט דעם קאַסטן מיט די בריף. קודם האָב איך אַדורכ־געלייענט די בריוו פֿון דערהיים: איך האָב געוואָלט וויסן, צי דאָרט גייט אַלץ כּשורה. שפּעטער ... איך געזעסן איבער די־דאָזיקע בריוו, די צייט איז געפֿלויגן. ס׳איז שוין געוואָרן נאַכט, מען האָט אָנגעצונדן פֿייער און איך בין נאָך אַלץ געלעגן איבער מיינע בריוו, בשעת אין דרויסן האָבן מיינע משרתים, אָנגעשטעקט מיט מיין פֿרייד, געשפּילט אויף אַ פּייפֿל און געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ווען איך האָב מיך סוף-כּל-סוף געלייגט שלאָפֿן, איז געווען פֿינפֿאונצוואַנציק גראַד פֿראָסט.

איבערן טראַנסהימאַלאַי.

צוויי טעג שפּעטער האָט הלאַדשע טסערינג גענומען אָפּשייד פון מיר, און מיר האָבן מיט פרישן מוט זיך געלאָזט גיין ווייטער קיין דרום. דער וועג קיין שיגאַטסע איז, אפּנים, געלעגן אָפּן פאַר אונז. דאָ האָב איך דערלעבט די גרעסטע איבעראַשונג, דען איך האָב געמאַכט אַ וויכטיקע אַנטדעקונג: ס'האָט זיך, נעמלאַך, אַרויסגעשטעלט, אַז פון טאָל טשאַנגדאָ אָדער פונם אויבערשטן בראַמאַפּוטראַ, אויף וועלכן שיגאַטסע ליגט, טיילט אונז אָפּ נאָך איין געוואַלטיקע באַרג-קייט—אָדער אַ גאַנץ פאַרוויקלט סיסטעם פון בערג, וואָס נאָר אייניקע פּונקטן פון זיי זיינען ביז איצט באַקאַנט געווען. איצט האָב איך געקאָנט באַווייזן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זיי און אָט דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער רעזולטאַט פון מיין נסיעה.

איך האָב דיזאָזיקע בערגקייט אַ נאָמען געגעבן טראַנסהימאַלאַי, ווייל דיזאָזיקע קייט ציט זיך פּאַראַלעל מיט די הימאַלאַי-בערג און שניידט אַדורך טיבעט פון מערב צו מזרח. נאָך די הימאַלאַיען איז דער טראַנסהימאַלאַי די וויכטיקסטע בערגקייט אויף דער ערד. די לייג פון דער קייט באַטרעפט 2300 קילאָמעטער, אָבער מען קאָן זאָגאַר רעכענען פּירטויזנט, אויב ס'וועט נאָר דערוויזן ווערן דער צוזאַמענהאַנג צווישן אַלע אַרומיקע בערג מיטן טראַנסהימאַלאַי. איר ברייט איז אַפילו קלענער פון די הימאַלאַיען און אירע שפּיצן זיינען נידריקער, אָבער די דורכגאַנגען אין טראַנסהימאַלאַי ליגן דורכשניטלאַך העכער מיט פינפ-

הונדערט מעטער. די רוקנס פון די הימאַלאַיען זיינען שאַרף און שפּיציק, זייער העכסטער שפּיץ, דער באַרג עווערעסט, דער העכסטער קאָנטינענטאַלער באַרג אויף דער ערד, פאַרנעמט אַ הויך פון 8840 מעטער און ער שטייגט אַריבער די העכסטע בערג פון טראַנסהימאַלאַי אויף 1540 מעטער. די רוקנס פונם טראַנסהימאַלאַי זיינען פלאַכער און זיינע טאָלן זיינען נישט אַזוי טיף און ברייטער פון די הימאַלאַיען. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער הימאַלאַי נעמט אויף דעם גרעסטן טייל פון די רעגנס, וועלכע ווערן געבראַכט דורכן מערב-מאָנסון. במשך פון פיל טויזנטער יאָרן האָבן די מבול-רעגנס אַדורכגעשווייבקט די טאָלן פון די הימאַלאַיען, בשעת דער טראַנסהימאַלאַי נעמט אויף זייער ווייניק פון דידאָזיקע רעגנס. דער טראַנסהימאַלאַי האָט אָבער אַ ג׳עסערע באַדייטונג אַלס וואַסער-גרענעץ, ווי דער הימאַלאַי אויף יענער זייט טשאַנפּאָ. יעדער וואַסער-טראָפּן, וואָס פאַלט-אַרונטער פון די וואָלקנס אויף דער הימאַלאַישער בערג-קייט, זאַמלט זיך אָן אין אָזיעראָס און פליסט דורך טייכן אין אינדישן אָקעאַן אַריין. דער טראַנסהימאַלאַי איז, פאַרקערט, אַ גרענעץ צווישן דעם אינדישן אָקעאַן און דער גרויסער יבשה פון צענטראַל-אַזיע: די רעגנס, וואָס פאַלן דאָ, דערגרייכן שוין נישט דירעקט דעם אינדישן אָקעאַן, נאָר זיי גיסן זיך אַריין אין אָזיערעס און פליסן דורך טייכן קיין צפון, וואו עס איז קיין אָקעאַן נישטאָ. אויסער דעם אינדוס, וועלכער ברעכט זיך דורך אַ וועג קווער אין די בערג צום אינדישן אָקעאַן, שטרעמען אַלע טייכן פונם צפון-שפּוע פון טראַנסהימאַלאַי אין די זאַלץ-אָזיערעס פון טיבעט.

דעם 28-טן יאַנואַר, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געשטאַנען אויפן באַרגדורכגאַנג, אויף אַ הויך פון 5506 מעטער, מיטן נאָמען סעלאַ-לאַ, וואָס קיין שום מענטש האָט אים נאָך נישט באַטראָטן, אויסער די טיבעטער יעגער, האָב איך צום ערשטן מאָל געפונען אַ באַשייד צו דערדאָזיקער געאָגראַפישער רעטעניש. פון איצט אָן האָב איך עס געהאַלטן פאַר מיין העכסטער אויפגאַבע איינצואָרדנען מיין נסיעה ווייטער אַזוי, אַז איך זאָל אין דער ניי-אַנטדעקטער באַרג-קייט אַריבערגיין וואָס מער פּונקטן, כדי צו קאָ-

יען דערווייזן דעם צוזאַמענהאַנג פון אַלע אַרומיקע בערג-כוואַליעס.

דאָסדאָזיקע געאָגראַפישע פּראָבלעם קאָן איך דאָ נאָר קורץ אָנ-
ווייזן. זיין לעזונג וועט דער לייענער געפינען אין מיינע דריי
בענד: „טראַנסהימאַלאַי."

איך האָב זיך געאײלט צו פאָרן וואָס גיכער קיין שיגאַטסע. וואָ-
רום אויב דער גובערנאַטאָר פון נאַגטשאַנג האָט מיר אַפילו גע-
לאָזט פריי דעם וועג, האָט דאָך געקאָנט אַ ליאַדע מינוט אָנקו-
מען אַ באַפעל פון להאַסאַ מיט אַ פאַרבאָט צו פאָרן ווייטער. ס'איז
כמעט זיכער געווען, אַז הינטער אונז זאַמלט זיך אַ נייער שטורם.
ס'האָבן זיך פלוצלונג געקאָנט באַווייזן נייע רייטער-מחנות און
דאַן וואָלט מען אונז זיכער דערקלערט: „ביז אַהער און אַ שריט
נישט ווייטער!" כ'האָב דעריבער געוואָלט מיט יעדער מעגלאַכ-
קייט אויסמיידן אַזאַ מין פאַל. איבערגעלאָזט אונזער יאַקן-קאַראַ-
וואַן מיט אייניקע באַגלייטער, האָבן מיר זיך געלאָזט וועג אין מיט
געדונגענע יאַקן, וועלכע די נאָמאַדן האָבן אונז אומעטום זייער
פריינטלאַך געגעבן. מיר האָבן זיי אויך געקאָנט עפּטער טוישן
אויף פרישע יאַקן, וואָס זיינען נאָך נישט געווען אויסגעמאַטערט,
ווי מען טוט עס מיט פּאָסט-פערד, כדי צו קומען געשווינט קיין
שיגאַטסע.

ענדלאַך זיינען מיר אַריבערגעקומען דעם לעצטן באַרג-דורכגאַנג,
וועלכער האָט אונז פאַרשטעלט דעם וועג, נעמלאַך, דעם 4440
מעטער-הויכן לאַ-ראַק. אונטן האָט זיך געשליינגלט, ווי אַ שמאָ-
לער באַנד דער טשאַנגפּאָ. די אויסערלאַכע פאַרצווייגונגען פונם
טראַנסהימאַלאַי זיינען אַראָפּגעפאַלן אין טאָל אַריין, ווי אַ ריי
אויסגעשטרעקטע לאַפּעס פון אַ טיגער און אונטן, אין טאָל, אויף
די טריט פון די לאַפּעס, האָבן זיך געזען דערפער, גאָרטנס, פעל-
דער און לאָנקעס. דאַן האָבן מיר זיך געדרייט אויף אומצייליקע
טרעפּ. מיר זיינען אַרונטער אין טאָל איבער די שפּוערים פון
די בערג.!

וואָס פאַר אַ פאַרגניגן דאָס איז—ווידער צו האָבן אַ גלאַטן שטח
אונטער די פיס! וואָס פאַר אַ תענוג פאַר די אויגן צו קאָנען

רייטן צווישן קאָרן-פעלדער, פאַרביי הויפן און דערפער מיט ווייסע הייזער און פילפאַרביקע פאָנעס אויף די דעכער און מיט אומציילקע קלויסטערס אין דער ווייטקייט,—קלויסטערס פון לאַמאַיטישע מאָנאַכן און מנישקעס. נאָכדעם ווי מיר האָבן צוגעבראַכט דעם ווינטער אין עלנטן טיבעט-מדבר, וואו מיר זיינען שיער נישט אומגעקומען, האָט זיך אונז דאָסדאָזיקע שיינע לאַנד געוויזן, ווי אַ גן־עדן און מיר האָבן געמוזט ביישטיין אַ שווערן נסיון נישט אָפּצושטעלן זיך דאָ אויף אַ פּאָר וואָכן און אויסרוען זיך נאָך אַזויפיל שוועריקייטן און אָנשטריינגונגען. אָבער ווער וועט מיר געבן די גאַראַנטיע, אַז איך וועל איבערהויפּט קומען קיין שיגאַטסע? אין דערדאָזיקער גרויסער טעמפּלשטאָט (נאָך להאַסאַ) פון לאַמאַאיזם האָט מען איצט אין קלויסטער טאַשי-לונפּאָ געפּייערט די גרעסטע יאָר-חגאות, דעם טיבעטער ניי-יאָר, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק חשק געהאַט ביי צוזוווינען. אַלזאָ, פאָרויס, פאָרויס, אָן אויפהאַלט!

פון אַלע זייטן זיינען שוין געגאַנגען עולה-רגל-לייט קיין מזרח, צום פאָרשטייענדיקן יום-טוב. אומעטום האָבן מיר ביי די פויערן געפונען פריינטלאַכע הילף, אַ שטייגער, ווי מיר וואָלטן אַליין געהערט צו פרומע עולה-רגלניקעס, און מיר האָבן נישט באַמערקט קיין זכר פון שליחים, אָדער אזהרות געגן אונז. דעם לעצטן טאָג, דעם 9-טן פעברואַר, האָב איך זיך אָבער צושיידט מיט מיין קאַראַוואַן. איך האָב אים איבערגעלאָזט אונטער דער השגחה פון מוהאַמעד איזאַ, ער זאָל גיין מיטן גרויסן שליאַך, און איך, ראָבערט און ראָבזאַנג האָבן געדונגען אַ שיף און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן שטראָם אַראָפּ. אויב מען וואָלט איצט, אינם לעצטן מאָמענט, געוואָלט שטערן אין מיין ווייטערדיקער נסיעה, וואָלט מען געפינען נאָר מיין קאַראַוואַן און איידער מען וואָלט מיך אַנגעיאָגט וואָלט איך שוין געווען אין שיגאַטסע.

אָבער דידאָזיקע קריגסקונץ איז אַפילו גאָרנישט נויטיק געווען. וואָס ווייטער מיר זיינען געפאָרן מיטן וואונדערשיינעם טייך אַראָפּ, אַלץ באַלעבטער איז דער וואַסערוועג געוואָרן. פוןביידע זייטן, אויף די ברעגן, האָבן זיך דערהויבן הויכע גראַניט-פעלזן, צווישן

וועלכע ס'איז יעדע מינוט צודיסגעשוואומען אַ נייע שיפל מיט יום-טובדיק אויסגעפּוצטע עולה-רגלניקעס, וועלכע זיינען געפאָרן פון די אַרומיקע הויפן און דערפער. דער גרויסער עולם איז געווען זייער לוסטיק: מען האָט געפּלוידערט, געלאַכט, געטרונקען טיי, געגעסן טשאַמבאַ, זיצנדיק אונטער דער תפילה-פאָן, וואָס האָט געפּלאַטערט איבער דער שיף. אויף די ברעגן האָט מען צוגע-צויגן ליידיקע שיפן, כדי אויפצונעמען פרישע פּאַסאַזשירן. אין דערמיט פון דעמדאָזיקן המון, זיינען מיר דעם 9-טן פעברואַר אין אָוונט אַריינגעקומען אומגעשטערט אין שיגאַטסע, וואו איך האָב שוין געטראָפן מוהאַמעד איזאַ מיטן קאַראַוואַן, געזונט און פריש אין אַ זיכערן אָרט, וואָס דער הערצאָג קונג גושוק, דעם טאַשי לאַמאַס ברודער, האָט מיר אָפּגעגעבן. האָבן מיר אויפגע-שטעלט אונזערע געצעלטן, און ווען מיינע לייט האָבן זיך אַרומ-געזעצט אַרום אַ פייער, האָבנדיק בלויז דעם אָרימען רעשט פון מיין קאַראַוואַן, פינף פערד מיט איין מוילאייזל, האָט כיך פאַר-כשופט דער געדאַנק, אַז מיר געפינען זיך ווירקלאַך אין שיגאַטסע, ווייל איך האָב זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז דאָס זאָל מעג-לאַך זייר

חגאות פון די טיבעטער: ניי־יאָר און פרילינג.

אויף צומאָרגנס איז אַריינגעקומען אין מיין געצעלט הער מאַ, דער אָנפירער פון כינעזישן גאַרניזאָן אין שיגאַטסע, וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערטפערציק מאַן. וואָרום שוין עטלאַכע יאָר האָט טיבעט געלעבט אונטער דער ממשלה פון די כינעזער. מאַ אַליין איז ערשט מיט פינף טעג פריער געקומען פון להאַסאַ קיין שיגאַטסע און ער האָט מיר דערקלערט:

—ס'איז גאָר אומבאַגרייפלאַך, ווי אַזוי איר האָט געקאָנט קומען אַהער אומגעשטערט.

—יאָ,—האָב איך געענטפערט,—אויך איך האָב זיך געוואונדערט.

—איך האָב קיין וואָרט נישט געהערט וועגן דעם, אַז איר פאָרט אַהער, ווייל אַנדערש וואָלט מיין פליכט געווען אָפצושטעלן אייך אין וועג.

—ס'איז, אַלזאָ, געווען אַ גליק פאַר מיר, וואָס איר זענט אַהער נאָר-וואָס געקומען.

—געוויס. אָבער כ'האָב מורא, אַז די מעשה וועט מיר טייער קאָסטן.

אויף צומאָרגנס, דעם ערשטן חגא-טאָג, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, זיינען אַריינגעקומען צו מיר צוויי השובע לייט—דער לאַמא לאָבזאַנג טסערינג און דער כינעזער דואַן זוען, פאַר וועלכע איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין וואונטש בייצולעבן זייער ניי-יאָר-פייערונג.

—פאַר אַן אייראָפּייער איז דאָס נאָך קיינמאָל נישט דערלויבט געוואָרן.

—אָבער דער טאַשי לאַמאַ וואַרט אויף מיר. ער האָט מיר אַפילו צוגעשיקט מיין פּאַסט.

—זיין הייליקייט פאַרנעמט זיך נישט מיט וועלטלאַכע ענינים. דאָס באַזאָרגט זיין ברודער, דער הערצאָג קונג-גושוק.

דאַן האָב איך אַרויסגענומען מיין כינעזישן פּאַספּאָרט, וועלכער איז אַפילו נישט געווען גילטיק אין טיבעט. איך האָב אים אומישנע געוויזן, אפשר וועלן זיי איינזען, אַז זיי האָבן נישט צו טאָן מיט עפּיס אַ שלעפּער. דאַן זיינען זיי אַוועק אין קלויסטער טאַשי לונפּאָ, וואָס זיין גאָלדענער דאַך האָט נאָך פון ווייטן געלויכטן. באַלד נאָכדעם זיינען זיי צוריקגעקומען מיט אַ מעלדונג, אַז פאַר מיר און אייניקע פון מיינע באַגלייטער איז צוגעגרייט געוואָרן אַן אָרט אויף דער פייערונג!

האַלב ניין אַ זייגער איז געקומען נאָך מיר דער קאַמערהער פון טאַשי לאַמאַ, מוהאַמעד איזאַ, ראָבערט און נאָך דריי פון מיינע לייט זיינען געגאַנגען מיט מיר. די גאַסן זיינען געווען פול געפּאַקט מיט אַ היימישן עולם און מיט פרעמדע, אָנגעקומענע געסט, עולה-רגל-לייט פון ווייט און פון נאָנט, פרויען אין זייערע מלבושים און רייכער צירונג און בעטלער אין שמאַטעס, כינעזער און מאָנגאָלן, קינדער, הענדלערינס מיט זיסע זאַכן, רייטער, אייזלען און אַנדערע בהמות. דורך איינגע גאַסן, צווישן הויכע רויטע שטיינערנע הייזער, אין וועלכע די מאָנאַכן האָבן געהאַט זייערע קעמערלאַך, זיינען מיר געריטן צום קלויסטער באַרג-אַרויף. אונזערע פערד האָבן מיר איבערגעלאָזט ביים טויער און איצט האָבן מיר אָנגעהויבן גיין דורך טונקעלע וועגן, איבער שטיינערנע און הילצערנע טרעפּ, וואו די לאַמאַס האָבן זיך אומעטום געדריינגט אין זייערע קאַרשן-רויטע מלבושים. די לאַמאַס האָבן מיך פריינטלאַך באַגריסט. מיר זיינען ענדלאַך אַרויסגעגאַנגען אינם קלויסטער-הויף, צום יום-טוב-פּלאַץ פון הייליקן שוישפּיל, אונז האָט מען אָנגעוויזן אַן אָרט אויף אַן אָפענער גאַלעריע.

אַן אומגעהויער גרויסער המון האָט זיך געשטויסן אויף די אַרו-

מיקע גאַלעריען, באַלקאָנען און דעכער. אַפילו הויך איבער אונז, אונטער די גאָלדענע דעכער איבער די קברים פון די פריערדיקע טאַשי־לאַמאַס, זיינען געלעגן הונדערטער מענטשן. דאָס איז געווען אַ פילפאַרביקע לעבעדיקע מאָזאַאיק פון אַלערליי פאָלקס-מלבושים פון טיבעט, פון בוטאַן ביז סיקים, פון נעפּאַל ביז לאַדאַק, פון צענטער פון כינע ביז ווייט אין די מאָנגאָלישע סטעפּעס. אויף חשובן אַלטאַן זיינען געזעסן די רעגירונגס-לייט אין געלע און רויטע מלבושים, פילפאַרביקע גאַרטלען אַרום לייב מיט היט, גרויס ווי אַ זון-שירם. די פרויען האָבן געהאַט זייערע באַזונדערע ערטער. מען איז געזעסן אויף מיטגעבראַכטע קישנס אָדער גלאַט אויף דער פּאָדלאָגע. בעטלער זיינען געשטאַנען אַרום די ווענט. מען האָט געפּלוידערט, זיך געוויצלט, געקייט זיסע זאַכן און געטריקנטע פאַרזיכעס. די נאָז האָט מען זיך געשנייצט מיט די פינגער, דערביי האָט מען געריוכערט לולקעס און מוראדיק געפילדערט. די צאָל עולה-רגלניקעס איז דאָס מאָל געווען פיל גרעסער, ווי שטענדיק, ווייל דער דאַלאַי לאַמאַ איז מיט אַ קורצער צייט פריער אַנטלאָפן פון להאַסאַ, און דער טאַשי לאַמאַ איז איצט געווען דער איינציקער העכסטער גלח פון טיבעט.

און אָט האָבן די גלאָקן אָנגעהויבן צו קלינגען, און פון די העכסטע דעכער פון דער טעמפּל-שטאָט האָט מען מיט לאַנגע טענער פון טרומייטן געמעלדעט, אַז די ניי-יאָר-פייערונג הויבט זיך אָן. פון פאַרמאַסקירטע עפענונגען אונטער דער גאַלעריע האָט זיך דערהערט אַ פייערלאַכער געזאַנג, דער כאָר פון יינגלאַך, קינדער און מאַנסלייט, האָט זיך אַלץ מער און מער צעוואַקסן, ביז ער איז געוואָרן אַ הויכער נצחון-הימן. נאָכדעם האָט ער זיך ביסלאַכווייז אַראָפּגעלאָזט און ווידעראַמאָל אויפגעהויבן אין שטייגנדיקע כוואַליעס. אָט אַזוי זינגט מען איין דעם פרילינג אין טאַשי לונפּאָ.

די ניי-יאָר-פייערונג (לאָזאַר) האָט אייגנטלאַך אַן אָנדיינק-באַדייטונג פון בודאַס נצחון איבער דער פאַלשער לערע. אָבער דאָס פאָלק פייערט דערמיט אויך די נייע פרילינגס־זון, דעם נצחון פון ליכט איבער דער ווינטערנאַכט, די אַלגעמיינע אויפלעבונג

אין דער נאַטור—מיט איין וואָרט: דעם גרילינג. לאָזאַר איז דער וואַלפּורגיס-יום-טוב פון די טיבעטער.
אַ ווײַלע שפּעטער האָבן די קופּער-קלאַנגען געגעבן אַ נייעם סיגנאַל: דער טאַשי לאַמאַ קומט אַרויס פון זיין פּאַלאַץ. ס'ווערט שטיל, און אַלעמענס אויגן גיבן זיך אַ קער צו דער טיר פון דער גאַלעריע, פון וועלכער ער דאַרף אַרייַנקומען. אָט קומט ער אַריין! דער עולם הויבט זיך אויף פון אָרט מיט אַ געפיל פון הייליקער התלהבות. ער טראָגט אַ העל-זיידענעם מלבוש, אויפן קאָפּ אַ קאַפּל און אין די הענט—אַ ראָזנקראַנץ. ער גייט לאַנגזאַם צו זיין אָרט, וואו ער זעצט זיך אַנידער צווישן די העכסטע לייט אויף אַ ווייכן קישן.
וואָס קריכט עס עפּעס אַרום אונז? אייניקע לאַמאַס ברענגען אין דער שטיל אויף נידריקע טישעלאַך מעשענע שאָלעכלאַך מיט געטריקנטע פרוכטן און טיבעטער קוכן.
—זיין הייליקייט איז דערמיט מכבד!
איך באַגעגן זיך מיטן בליק פון טאַשאַ לאַמאַ, הויב איך מיך אויף און פאַרנויג מיך,—שאָקלט ער מיר צו פריינטלאַך מיטן קאָפּ און שמייכלט.
דאַן הויבט זיך אָן דאָס פייערלאַכע שפּיל. צוויי טענצער אין שוידערלאַכע מאַסקעס קומען אַריין אין הויף, הינטער זיי גייען מאָנאַכן מיט פאָנעס. ווייטער גייען נאָך לאַמאַס אין ווייסע מאַסקעס און ווייסע קליידער, אַנדערע טראָגן טעמפּל-געפעס, גאָלדענע שאָלן, בעכערס און בשמים-פעסער פון רויטן גאָלד. ס'קומען מוזיקאַנטן מיט דריי מעטער-לאַנגע קופּער-טרומייטן, באַצויגן מיט מעש, וואָס זייערע עפענונגען ליגן אויף די אַקסלען פון די כאָר-קינדער. ס'קומען פלייט-שפּילער, פּויקן-קלאַפּער, צימבל-און גלאָקן-שפּילער. די מוזיקאַנטן געפינען זייער אָרט אויף אַ פּירקאַנטיקן דיוואַן.
לסוף זיינען אַריינגעקומען די גייסטלאַכע שוישפּילער אין שרעקלאַכע מאַסקעס פון חיות מיט בייזע אויגן, צעררייצטע פּנימער און געוואַלדיקע הערנער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שדים-טאַנץ, וועלכער באַשווערט די בייזע רוחות, די פיינט פון דער מענטש-

הייט. די טענצער ציען זיך לאַנגזאַם איבערן הויף. פון צייט-צו-צייט ווערט די מוזיק האַסטיקער און דער טאַנץ גייט געשווינטער.

לסוף צינדט מען אָן אַ גרויס פייער אין מיטן הויף. צוויי לאַמאַס האַלטן אַ פאַפיר איבערן פייער: אויפן פאַפיר זיינען פאַרצייכנט אַלע פורעניות, פון וועלכע מען וויל זיך באַפרייען צו ניי-יאָר. מיט ספעציעלע באַשווערונגס-ווערטער שיט אַריין אַ דריטער לאַמאַ אַ פולווערל אין פייער, די פלאַמען פלאַקערן אויף און דאָס פאַפיר ווערט פאַרברענט. דער עולם לאָזט אַרויס אַ פרייד־געשריי, אַלע זיינען איבערגליקלאַך: די מאַכט פון די שדים איז געבראָכן. דאָס נייע יאָר הויבט זיך אָן אונטערן צייכן פון זיכערן גליק.

זיך אומגעקערט צוריק אין אונזער גאָרטן, האָבן מיר געפונען אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט אייזלען, וועלכע זיינען געווען באַלאָדן מיט טשאַמבאָ, רייז, מעל, געטריקנטע פרוכטן און גערשטן.—דאָס איז געווען אַ מתנה פון טאַשי לאַמאַ. דידאָזיקע מתנה האָט אונז באַפרייט אויף העכער אַ חודש צייט פון דער זאָרג וועגן פראָוויאַנט. אָבער מיט וואָס פאַר אַ מתנה האָב איך אים געקאָנט אָפדינען דערפאַר? איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער זאַך, ווי מיין רייזע-אַפטייק, וועלכע איז געווען זייער שיין אין דעם געטאָקטן אַלומיניום-קעסטל. אָט דאָס האָט געדאַרפט אָפגעגעבן ווערן דעם טאַשי לאַמאַ. מיר האָבן דאָס קעסטל אַזוי לאַנג געפוצט, ביז ס'האָט אָנגעהויבן גלאַנצן, ווי זילבער. האָבן מיר עס איינגעהילט אין אַ שטיק געלן זייד און געשיקט דעם טאַשי-לאַמאַ, אַלס צייכן פון מיין דאַנקבאַרקייט דעם הויכן מכניס-אורח. יענע רפואות, אין וועלכע מיר האָבן זיך גענויטיקט, האָב איך אָבער פריער אַרויסגענומען.

ביים טאַשי לאַמאַ.

הויך איבער דער קלויסטער-שטאָט שטייט דער לאַבראַנג, דער פּאַלאַץ פון טאַשי לאַמאַ, און אַהין האָב איך געוואַנדערט אויף צומאָרגנס, כּדי אויסצודריקן מיין דאַנק און פאַרערונג זיין באַהערשער. אַ הויכער גלח האָט מיך אויפגענומען, און אַז ס'איז געקומען די צייט פון דער אוידיענץ, האָבן מאָנאַכן אין רויטע מלבושים מיך געפירט דורך טרעפּ אין קאָרידאָרן און היילן, אין וועלכע די לאַמאַס זיינען געשטאַנען אין געדיכטע גרופּעס. זיי האָבן מיך באַטראַכט מיט פאַרוואונדערונג און אין דער שטיל זיך געשעפּטשעט. פאַר די לעצטע טרעפּ זיינען אַלע געבליבן שטיין, נאָר דער טאָלמאַטש האָט מיך באַגלייט.

ווי איינפאַך, פּראָסט, גאָר אָן צירונג איז דער זאַל, אין וועלכן ס'געפינט זיך דער הייליקסטער מאַן פון דער לאַמאַאיטישער וועלט און וואָס פאַר אַ עניו איז ער אַליין! אין אַ רויטער טאָגא (אַ מין טלית) און מיט נאַקעטע אָרעמס זיצט ער אויף אַ באַנק און קוקט פאַרטראַכט דורכן פענסטער אויף די באַגולטע דעכער, אויף דער שטאָט אין טאָל און אויף די ווייטע בערג. ער שטרעקט מיר אויס זיינעביידע הענט, בעט מיך זיצן נעבן אים און באַגריסט מיך מיט אַ ווייכער, כמעט שרעקעדיקער שטים. דאַן פרעגט ער זיך נאָך וועגן מיינע איבערלעבונגען און באַלד פאַרפירן מיר אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך וועגן די ווילדע יאַקן אין די טיבעטער שניי-בערג, וועגן די אייראָפּייאישע מלכים, וועגן דעם קייזער פון כינע און וועגן אַמיטאַבאַ בורא, וואָס ער איז זיין פאַרקער-

פּערונג אויף דער ערד. דריי שעה לאַנג איז אים דער ליכטיקער שמייכל נישט אַראָפּ פון פנים, און מיר וואָלטן נאָך לאַנג געשמועסט, ווען איך וואָלט זיך נישט אויפגעהויבן פון אָרט.

נאָכן געזעגענען זיך, האָבן די פריינטלאַכע מאָנאַכן מיך אַרייַנגעפירט אין אַ פּראַכטפולער קברים-קאַפּעלע, וואו ס'רוען די פריערדיקע טאַשי לאַמאַס. פון דער מינוט אָן בין איך כמעט די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין שיגאַטסע, געווען טעגלאַך אַ גאַסט אין קלויסטער. איך האָב געהאַט די דערלויבניש זיך אָפּצושטעלן אין די טעמפּל-זאַלן און צייכנען, בשעת די פרומע מתפללים זיינען געשטאַנען פאַרבליפט פאַר די געטערבילדער. די זילבערנע און גאָלדענע שאָלען האָבן זיי אָנגעפילט מיט קרבנות פון רייז און פּוטער. איך האָב געהאַט דאָס רעכט זיך אַרומצעדרייען צווישן דעם עולה-רגל-המון, וועלכער האָט געוואַרט אין קלויסטער-הויף אויף דער ברכה פון טאַשי לאַמאַ. כ'האָב אויך געקאָנט אַריינקומען אין גרויסן זאַל פון די געטער, וואו ס'איז געווען אַ גאַנצער וואַלד מיט פאָנעס, באַמאָלט מיט בילדער פון בודאַס לעבן. צווישן די לאַנגע שורות פון פּולטן און בענק מיט רויטע קישנס האָבן זיך פאַרזאַמלט יונגע גלחים פון דער קלויסטער-שולע. אַ קרעפּטיטער באַס האָט דאָרט געזונגען און די שילער פלעגן ענטפערן אויף זיין געזאַנג. פון דער געדיכטער הייסער לופט בין איך נאָכדעם אַרויס אויף די פלאַכע דעכער פון דער קלויסטער-שטאָט, כדי אָפּצופרישן מיך מיט דער ריינער לופט פון די בערג. אַמאָל פלעג איך אַריין אין די שטאַלן, וואו איך פלעג צו-וואַרפן ברויט די העלפאַנדן פון טאַשי לאַמאַ. אַפילו אין די קיכן פלעג איך אַריינקומען. דאָס איז געווען אַ גרויסער בנין, ענלאַך צו אַ הייל. דאָרט שטייען גרויסע אויוונס. איינער פון די זעקס איינגעמויערטע ריזיקע קופּערנע קעסלען האָט אַנטהאַלטן אַ טיי-פּאָרציע פאַר דרייטויזנטאַלטהונדערט מאָנאַכן פון קלויסטער. דורך שטיגן איז מען אַרויף צום פייער. די באַדינערמאָנאַכן גייען דאָ אַרויס און אַראָפּ און שאָקלען זיך בעת מעשה, ווי געננז, פון איין פוס אויפן אַנדערן. דאָרט ליגן זיי אַריין דעם

ציגל-טיי אין קעסל, דער קוכֿער, ווידער, מישט דערין מיט אַ געוואַלטיקן שטאַנג און די הייצער אַרבעטן אין פייער מיט געוואַלטיק גרויסע גאָפּלען. ווען דער טיי ווערט פאַרטיק, שעפּן אין אים די מאָנאַכן אין שיינע קופּערנע קענדלאַך און טראָגן אים פאַנאַנדער אין די לערזאַלן, טעמפּל-האַלעס און מאָנאַכן-קעמערלאַך. אַ שטאַרקע פּייף-מאַשין גיט שטענדיק צו וויסן, אַז זיי גייען מיטן טיי.

אין איין געוויסן טאָג איז מיר אַפילו דערלויבט געוואָרן צו פאָטאָגראַפירן זיין הייליקייט, דעם טאַשי לאַמאַ און באַאַרבעטן די פּלאַטן אין איינעם פון זיינע טונקעלע זאַלן. ס'איז שוין געווען נאַכט, ווען מוהאַמעד איזאַ האָט מיך אָפּגעפירט צוריק אין געצעלט אַריין אין דער באַגלייטונג פון אַ לאַמטערנע-טרעגער. ווען מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם טעמפּל-זאַל טשאָנגקאַפּאַס, האָבן מיר דערהערט די געדיכֿטע קלאַפּעריי פון געבעט-פּויקן און מיר זיינען אַריין אין זאַל, צו זען דעם נאַכטלאַכן געטערדינסט. פערציק פּוטער-קנויטן האָבן געברענט אין די שאָלן און געוואָרפן פ״אַמען ליכט אויף די פאַרגאָלדעטע געטער-בילדער. אויף לאַנגע בענק, צווישן סלופּעס, זיינען געזעסן מאָנאַכן אין געדיכֿטע רייען און האָבן הויך געזונגען, און אין דעמדאָזיקן געזאַנג האָט מען פון צייט-צו-צייט געהערט די ווערטער „לאַמאַ" און „אָם מאַני". דער גרויסער טונקעלער זאַל איז אויך באַלויכֿטן געוואָרן פון די אייל-קנויטן ביים אַלטאַר, און די מאָנאַכן, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין זאַל, האָבן אויסגעזען, ווי רוחות. ווי אַ מעשהלע האָט אויסגעזען דער קלויסטער-הויף און די גאַסן, אויף אַלע דעכער-לייסטן זיינען געהאַנגען מעשענע גלאָקן, וועלכע האָבן געקלונגען ביים קלענסטן ווינטעלע און אָנגעפילט די לופט מיט אַ הימל-מוזיק.

איינגעמויערטע מאָנאַכן.

זעקסאונדרייסיק שעה נאָך מיין אָנקומען אין שיגאַטסע זיינען אַהין אויך געקומען די רייטער-פּאַטרולן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן הינטער מיר. דידאָזיקע אָרימע שדימלאַך האָבן באמת געהאַט אַ מאוסע מפּלה, די נאָמאַדן אויפן נגאַנטסע-טסאָ האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז מיר זיינען אַוועק צו דער הייליקער אָזיערע דאַנגראַ-יום-טסאָ, און אָט האָבן זיי אונז דאָרט אומזיסט געזוכט צוויי־אונצוואַנציק טעג נאָכאַנאַנד, ביז זיי האָבן אַנטדעקט אונזערע שפּורן און האָבן זיך געלאָזט הענדום-פּענדום נאָך אונז. הגם זיי זיינען אין איין טאָג אַדורכגעלאָפן אַזויפיל, ווי מיר אין דריי טעג, דאָך האָבן זיי פאַרשפּעטיקט. איצט האָבן זיי געמוזט גיין צוריק קיין להאַסאַ און אָפּגעבן דאָרט אַ באַריכט וועגן זייער צרהדיקן יאַגד. וואָס פאַר אַ מיטלען מען וועט דאָרט אָננעמען געגן אונז,—איצט איז עס מיר ווייניק אָנגעגאַנגען. די כינעזישע באַאַמטע האָבן מיך באַהאַנדלט העפלאַך און פריינטלאַך, נישט קוקנדיק אויף מיין נישט גאַנץ כשרן פּאַספּאָרט, זיי זיינען אַפילו זייער נישט צופרידן געווען מיט מיין אָפּטן אַריינקומען אין קלויסטער און לסוף האָבן זיי אַזוי שטאַרק אָנגעשראָקן דעם טאַשי לאַמאַ, אַז ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל מער נישט באַזוכן דעם טאַשי לונפּאָ. דעם 4-טן מערץ בין איך דאָרט געווען צום לעצטן מאָל. און די לאַמאַס און באַאַמטע, וואָס האָבן מיר שטענדיק געמאַכט אָן אַ שיער וויזיטן, האָבן מיך איצט איג-

גאַנצן פאַרלאָזט, פונקט ווי מען וואָלט מיך אַריינגעלייגט אין חרם.

אין דערזעלבער צייט האָבן די כינעזער עפּטער מיך צוגערעדט, איך זאָל פון שיגאַטסע פאָרן גלייך קיין אינדיע, אָבער איך האָב מיך לחלוטין אָפּגעזאָגט דערפון, און אַז איך האָב מיך פעסט געהאַלטן ביי דאָס מייניקע, האָט מען מיר דערלויבט צו מאַכן מיין נסיעה צוריק דורך דער מערב-ריכטונג. מען האָט מיר אויך דערלויבט צו באַזוכן דעם צפון־ברעג פון טשאַנגפּאָ צוזאַמען מיט אַ זייטיק נסיעהלע אין די אומבאַקאַנטע בערג פון דעם טראַנסהי־מאַלאַי. און מער ווי דאָס האָב איך גאָרנישט פאַרלאַנגט. איך האָב זיך אָבער געמוזט פאַרפּליכטן צו גיין צוריק קיין לאַדאַק. מען האָט מיר אויסגעשטעלט אַ נייען פּאַספּאָרט און מען האָט מיר געגעבן אַ וואַך פון צוויי כינעזער און צוויי טיבעטער. מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אומעטום וועלן מיר געפינען צוגעגרייטע יאַקן, כדי צו פירן די זאַפּאַסן, וואָס מיר האָבן איינגעקויפט. דאַן האָבן מיר דעם 27־טן מערץ פאַרלאָזט שיגאַטסע, נאָכדעם ווי מוהאַמעד איזאַ האָט איבערגעגעבן דעם טאַשי לאַמאַ מיין גרוס צום אָפּ־שייד און מיין דאַנק פאַר די טייערע זיידשטאָפן, שאָלן און געטערבילדער, וואָס ער האָט מיר געשאָנקען און וועלכע באַפּוצן איצט מיינע צימערן אין שטאָקהאָלם.

באַלד האָבן מיר די גאָלדענע טעמפּל־דעכער געהאַט הינטער אונז, און מיר זיינען געפאָרן אונטער דער באַשטימטער באַגלייטונג פון דאָרף-צו-דאָרף, פון קלויסטער-צו-קלויסטער, שטענדיק מיטן הויפּט-שליאַך ביים ברעג טייך, וועלכער איז געווען באַצייכנט אומעטום מיט אַלטאַרן, מויערן מיט געבעטשטיינער, בודאַ־טורמס און גאַנצע פּעק מיט פאָנעס. דאָס זיינען אַלץ פרומע נדבות, וואָס דאַרפן דערמאָנען די עולה-רגל-לייט אין דער נאָענטקייט פון די קלויסטערס אָדער אין די געבעטן פון דער בודיסטישער תורה, וואָס זי אַליין איז נאָר בכוח גליקלאַך צו מאַכן די מענטשן.

איך האָב שטודירט אויף מיין דאָזיקער נסיעה דאָס טיבעטער קלויסטער־לעבן מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט. מיר איז דערלויבט געוואָרן אַריינצוקומען אין די קלויסטערס פראַנק און פריי. וואָס

פאַר אַ וואונדערלאַכע וועלט פון מענטשלאַכן שגעון האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט פאַר מיר! און דאַך בין איך טיף גערירט געווען פון דער געוואַלטיקער אמונה אין אַ בעסערער וועלט, אין עולם־הבא,— אַן אמונה, וועלכער מען ברענגט אַ קרבן דאָס גאַנצע לעבן. איך וועל דאָ ברענגען נאָר צוויי ביישפּילן, וואָס האָבן אויף מיר גע־מאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק.

אין קלויסטער לינגאַ־גומפּאַ, וועגן וועלכן איך דערמאָן זיך באַ־זונדערס גערן, האָב איך באַטראַכט דעם פּעוּז־טעמפּל, צו וועלכן איך בין אַרויפגעקומען דורך משופּעדיקע טרעפּ אין אַ פינסטערער שאַכטע. איבער דער קנאַקעדיקער פּאָדלאָגע פון פּאָדער־זאַל בין איך אַריין אין טעמפּל־זאַל, וואו איך האָב, ווי אומעטום, דערזען באַגולטע געטער־בילדער פון בראָנז, באַהאָנגען מיט פּאָנעס. פאַר די בילדער זיינען געשטאַנען שאָלן מיט גערשטן, מאַאיס און וואַסער—אַ שפּייז פאַר די געטער.

—וויפיל צייט פאַרברויכן די געטער, דאָס אַלץ אויפצועסן?—האָב איך געפרעגט ביים לאַמאַ, וועלכער האָט מיך באַגלייט.

—מיין האַר,—האָט ער געענטפערט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסווייכן דעמדאָזיקן שמועס,—די שאָלן מוזן שטענדיק זיין פול.

איך האָב אָבער איצט באַמערקט די שטשורעס, וועלכע זיינען ביי אונזער אַריינקומען זיך צולאָפן אין אַלע זייטן!...

פון קלויסטער לינגא זיינען מיר געפאָרן צו איינער פון די פיל פּרושים־וואוינונגען, וועלכע ליגן דאָ צעוואָרפן אין די בערג ביי די ברעגן פון טשאַנגפּאָ. אונטער איין באַרג איז געשטאַנען אַ שטיינערן הויז נעבן אַ כּרישן וואַסער־קוואַל. די געמויערטע ווענט פון הויז זיינען געווען אומגעוויינלאַך דיק און אָן פענסטער. די שמאָלע טיר—פאַרמויערט. אינם דאָזיקן פינסטערן שטיינערנעם שטייג האָט געלעבט אַ לאַמאַ:

—ווי הייסט דערדאָזיקער פּרוש?—האָב איך אַ פרעג געטאָן.

—ער האָט נישט קיין נאָמען. מיר רופן אים: דער לאַמאַ רינ־פּאָטשע, ס'הייסט: דער הייליקער מאָנאַך.

—פון וואַנעט שטאַמט ער?
—פון נגאַר אין נאַקטשאַנג.
—צי האָט ער קרובים?
—דאָס ווייסן מיר נישט, אָבער זיינע קרובים, אויב ער האָט זיי יאָ, ווייכן נישט, אַז ער געפינט זיך דאָ.
—ווי לאַנג איז ער איינגעמויערט?
—שוין דריי יאָר.
—און ווי לאַנג וועט ער דאָ נאָך בלייבן?
—ביזן טויט.
—צי וועט ער שוין קיינמאָל נישט זען די ליכטיקע זון?
—ניין, ער האָט זיך אַ נדר געטאָן צו פאַרלאָזן דעמדאָזיקן בנין ערשט נאָכן טויט.
—ווי אַלט קאָן ער זיין?
—אַ יאָר פערציק, וואַרשיינלאַך.
—און טאָמער ווערט ער קראַנק? וואָס טוט איר דעמאָלט?

—מוז ער געדולדיק וואַרטן, ביז ער וועט געזונט ווערן, אָדער שטאַרבן. ער טאָר מער מיט קיין מענטשן נישט ריידן.
—מען וועט זיך, אַלזאָ, קיינמאָל נישט דערוויסן, ווי אַזוי ס׳לעבט זיך אים?
—ניין. יעדן טאָג שטעלט מען אַריין אַ טעלער טשאַמבאַ אין דער עפנונג, דאָרט, אונטערן מויער, און יעדן זיבעטן טאָג - אַ שטיק ציגלטיי מיט פּוטער. ביי דער נאַכט רוקט ער אַרויס דעם ליי־דיקן טעלער צוריק. אויב מיר וועלן געפינען דאָס עסן נישט גע־רירט, ווייסן מיר, אַז ער איז קראַנק, און אויב דער טעלער וועט נישט גערירט ווערן גאַנצע זעקס טעג, וועט עס הייסן, אַז ער איז נפטר געוואָרן... ברעכן מיר אויף די טיר.
—צי איז שוין אַזאַ פאַל פאָרגעקומען?
—יאָ, מיט דריי יאָר צוריק איז געשטאָרבן אַ לאַמאַ, וועלכער איז געווען איינגעמויערט גאַנצע צוועלף יאָר. מיט פופצן יאָר צוריק איז ביי אונז געשטאָרבן אַ לאַמאַ, וועלכער האָט פערציק יאָר צייט געלעבט אינדערפינסטער, און אין דער פרושים־הייל

ון קלויסטער לונג-גאַנדען-גומפאַ האָט געלעבט אַ לאַמאַ, אָפּגעזונ-
דערט פון דער וועלט גאַנצע נײַנאונזעכציק יאָר, פאַרבאָרגן פון
דער ליכטיקער זון.
—צי כאַפּט אַמאָל אַ שמועס דער פּרוש מיטן מאָנאַך, וואָס ברײַנגט
אים דעם טעלער?
—ווען ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ער פאַרשאָלטן געוואָרן
אויף אײביק און קײן תּקומה נישט געהאַט אויף יענער וועלט.
קײן שום תּשובה וואָלט אים שוין נישט געהאָלפן.
—צי הערט ער אינעווײניק אונזער שמועס?
—נײן, די מויערן זײַנען צו-דיק דערצו. און ווען ער וואָלט אונז
יאָ געהערט, וואָלט ער דערויף קײן אַכט נישט געלײגט, ווײַל
ער איז תּמיד פאַרנומען מיט תּפילות, אָדער ער קוקט אַרײַן, בײַ
דעם קלײנעם אײַללעמפּל אין די הײליקע ספרים. ווען דער לאָמפּ
ווערט דאָרט אויסגעלאָשן, ווערט דאָרט שטאָק-פינסטער.
—און ווען ער שטאַרבט?
—דאַן וויקלט מען אים אײַן אין אַ ווײַסן קלײד און מען פאַר-
ברענט אים אויפן שײַטערהויפן. דאָס אַש קנעט מען אויס מיט
לײם און מען מאַכט דערפון אַ פּיראַמיד, וואָס ווערט אַוועקגע-
שטעלט בײַם אַלטאַר אַלס הײליקע מצבה. ווען אַ געוויינלאַכער
לאַמאַ שטאַרבט, צושנײַדט מען זײַן לײַב אויף שטיקלאַך און
מען שפּײַזט דערמיט די רויבפײגלען.
טעג און וואָכן האָב איך מיך נישט געקאָנט באַפרײַען פונם אײַנ-
דרוק פון דיזאָזיקע שרעקלאַכע הכנות צו דער נירוואַנאַ—צום
לעבן נאָכן טויט!

א שווערער שאָדן.

פון קלויסטער לינגא האָבן מיר ווידער זיך געלאָזט גיין רעכטס׳ צום טאָל מי-טשו-טשאַנגפּאָ. אונזערע באַגלייטער האָבן געגן דעם גאָרנישט געהאַט, און באַלד זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ צווישן די ראַיאָנען פון לאַנד-אַרבעט און פי-האָדאָ-וואַניע, אָדער צווישן די שטיינערנע הייזער און שוואַרצע געצעלטן. מיר האָבן זיך ווידער געפונען אינם געביט פון שניי-שטורמס און מיר האָבן נאָר געהערט, ווי דאָס וואַסער פון די טייכן בורבעלט זיך אונטערן אייז. אויפן דאָזיקן וועג האָב איך באַזוכט די הייל פון אַ באַרימטן הונדערט-יעריקן פרוש גאַנגזאַנג נגורבו. זיין לאַגע איז פאָרט געווען בעסער, ווי די פון די איינגעמויערטע מאָנאַכן, ווייל פון זיין הייל אַרויס האָט ער דאָך, לפחות, געזען די זון, די שטערן, דעם הימל מיט זיינע וואָלקנס, דעם טאָג און די נאַכט, די שניי־שטורמס און דאָס לינדע שיינע וועטער.

אין עטלאַכע טעג אַרום בין איך צום צווייטן מאָל געשטאַנען אויפן רוקן פון טראַנסהימאַלאַי, אויפן דורכגאַנג טשאַנג-לאַפּאָד-לאַ, 5573 מעטער הויך. דאָס איז אויך אַזאַ וויכטיקע וואַסער-גרענעץ ווי דער סעלאַ-לאַ. אין דרום האָט געשטראָמט דאָס וואַסער צום אינדישן אָקעאַן, אין צפון איז געגאַנגען דאָס וואַסער צו דער אָזיערע דאַנגראַ-יום-טסאָ.

דידאָזיקע הייליקע אָזיערע, וואָס אַן אייראָפּייער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען, איז איצט געווען דער נאָנטסטער צוועק

פון מיין נסיעה. די נייע באַגלייטער, וועלכע זיינען אונז דאָ בעגעבן געוואָרן, האָבן גאָרנישט געהאַט איינצעווענדן געגן אונזער אָפּקערן זיך פונם וועג קיין לאַדאַק איבער ראַגאַ־טאַסאַם. זיי האָבן נאָר געפאָדערט אַ טאָפּלען פּרייז פאַר די געדונגענע יאַקן. אונזער לאַגער איז איצט געווען ענלאַך צו אַ נאָמאַדן-דאָרף, ווייל צוליב דער נייגיריקייט צו זען אַן אייראָפּייער, האָבן זיך דאָ פאַרייניקט מיט אונזער קאַראַוואַן פערציק נאָמאַדן מיט זייערע הונדערט יאַקן.

מיר זיינען אָבער צוגעקומען בלויז אונטערן הייליקן באַרג טאַרגאָ-גאַנגרי מיט זיינע זעכצען שפּיצן און פינף גלעטשערס. דאָ האָט אונז אָבער פאַרשפּאַרט דעם וועג אַ באַוואָפנטע מחנה, וואָס זייערע אָנפירער, לונדופ טסערינג מיט הלאַדשע טסערינג, זיינען געווען ביים נגאַנטסע-טסאָ, און זיי האָבן מיר איצט אָנטשיידן דערקלערט:

—זעט איר דאָרט דעם רויטן שטיין גלייך אונטערן לאַגער? אָט דאָרט איז די גרענעץ צווישן טאַשי לונפּאָ און נאַקטשאָנג. ביז דאָרט קאָנט איר גיין, ווייטער אָבער אַ טריט נישט, דען מיר האָבן אַ באַפעל צו שיסן!

איך האָב אָבער גאָרנישט געהאַט בדעה צו פאַרפירן אַ קריג מיט הלאַדשע טסערינגס לייט, ווייל הלאַדשע טסערינג האָט ווידער, ווי איך האָב געהערט, געמוזט באַצאָלן צוליב מיר אַ גרויסע געלט-שטראָף. דעריבער האָב איך זיך באַנוגנט מיטן באַטראַכטן די הייליקע אָזיערע פונם רויטן שטיין, וואָס איז געלעגן ביי צוויי טעג גאַנג ווייט פון אים. כ'האָב די אָזיערע געזען, ווי אַ בלאָען שמעטערלינג אין דערווייטן. דאַן האָבן מיר זיך צוריק אַ קער געטאָן קיין דרום-מערב, לייגגאויס דעם ברעג פון שורו-טסאָ. דעם 6-טן מאַי בין איך אַריבערגעגאַנגען דעם טראַנסהימאַלאַי צום דריטן מאָל אויפן 5643 מעטער-הויכן דורכגאַנג אַנגדען-לאַ. באַלד דערויף זיינען מיר ווידער געגאַנגען באַרג-אַראָפּ מיטן גרויסן שליאַך צווישן להאַסאַ און לאַדאַק, וואו מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ נייער וואַך פון באַגלייטער.

איצט האָב איך שוין נישט געקאָנט גיין אין דער ריכטונג פון

צפון. די וואַך-אָנפירער האָבן אָנגעוויזן אויף די שטרענגע באַ-
פעלן פון להאַסאַ, און זיי האָבן זיך אַפילו אָפּגעזאָגט מיר צו
ליפערן פּראָוויאַנט, אויב איך וועל זיי נישט געהאָרכן. ווייל
אָבער איך האָב מיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון צו
באַזוכן נאָך איינ׳קע דורכגאַנגען איבערן טראַנסהימאַלאַי, האָב איך
ביינאַכט בשתיקה געשיקט צוויי שליחים קיין שיגאַטסע מיט בריף
צו די כינעזישע מאַנדאַרינען אין להאַסאַ, כדי אויסצעפועלן ביי
זיי אַ דערלויבעניש אָפּצונויגן זיך פונם וועג, וואָס זיי האָבן
אָנגעצייכנט פאַר מיר. דורך מיין עקשנות האָב איך געצוואונגען
אָבער אויך די אָנפירער אין ראַגאַ-טאַסאַם נאָכצוגעבן מיר סוף-
כל-סוף. איך האָב על-כל-פנים געקאָנט גיין ביז באַזאַנג, צו מערב
פון די בערג און פון דאָרט קיין דרום צום טשאַנגפּאָ ביז זאַ-
קאַדזאָנג, בשעת דער קאַראַוואַן איז זיך געגאַנגען איבערן גרויסן
שליאַך. אַזויאַרום האָב איך מיך אויך דאָ אויסגעדרייט פון דער
נויטווענדיקייט צו גיין מיט די וועגן, וואָס די פריערדיקע פאָר-
שונגס-רייזנדער האָבן שוין באַנוצט.

דעם 1-טן יוני האָבן מיר אין זאַקאַ-דזאָנג ווידעראַמאָל זיך צו-
זאַמענגעטראָפן מיטן קאַראַוואַן, נאָכדעם ווי מיר האָבן אויף אונזער
וועג געהאַט אַ געפערלאַכן צוזאַמענשטויס מיט אַ ראָטע באַוואָפנטע
טיבעטער. אָבער ווען מיר זיינען אין אָוונט אַריין אין אונזער
געצעלט, האָט צווישן די לייט, וואָס זיינען געקומען אונז באַ-
גריסן, געפעלט איינער פון מיינע בעסטע מענטשן: מיין אויסגע-
צייכנטער קאַראַוואַן-פירער מוהאַמעד איזאַ. ער איז געלעגן קראַנק
אין זיין געצעלט. איך בין באַלד אַריין צו אים, אָבער ער האָט
מיך כמעט גאָרנישט דערקענט, דען ער האָט שוין געהאַט פאַר-
לאָרן דעם דעת: אים איז באַפאַלן אַ שטאַרקער האַרץ-אַטאַק, און
צומאָרגנס איז ער געשטאָרבן. זונטאָג, דעם 2-טן יוני, האָט מען
אים ביים זונאויפגאַנג אַרויסגעטראָגן צו דער קבורה, און
זיינע חברים, די מאַכמעדאַנער, האָבן אים קובר געווען, לויט
זייערע מנהגים. אויף זיין קבר האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ שטיי-
נערנע מצבה מיט אַן אויפשריפט אויף איינגליש. איך האָב נאָך
צוגעגעבן די ווערטער: „אָם מאַני פּאַדמע הום״, כדי די טיבע-

טער זאָלן לאָזן צו-רו דעם קבר. אויך אַ שטיין-פּלאַטע האָבן מיר דערבײַ אַנידערגעלייגט, כּדי די פֿאַרבײַגייענדיקע מאַכמעדאַנער זאָלן קאָנען אויסשפּרייטן דערויף אַ דיוואַן און מתפּלל זײַן פֿאַרן נפֿטר.

נישט בלויז פֿאַר מיר איז מוהאַמעד איזאַס טויט געווען אַ שאָד, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער געאָגראַפֿישער וויסנשאַפֿט, וועלכער ער האָט געדינט מיט לייב און לעבן. דרייסיק יאָר לאַנג איז ער געווען אַ העלדישער פּיאָנער פֿון דער וויסנשאַפֿט, און אויב עמיץ פֿון די שפּעטערדיקע רייזנדער וועט פֿאַרבײַגיין פֿאַר דעם-דאָזיקן קבר, וועט ער דאָ זיכער בלײַבן שטיין מיט אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט. כּבוד פֿאַר זײַן אָנדענקען!

ביים קוואַל פון בראַמאַפּוטראַ.

פינף טעג לאַנג האָב איך נאָך געמוזט פאַרבלייבן אויף דעמדאָזיקן שרעקלאַכן אָרט, וואו איך האָב געהאַט אַזאַ שווערן פאַרלוסט. כ׳האָב געמוזט אויספועלן ביי דער כינעזישער מאַכט אַ דערלויבניש צו גיין מיטן צפון-וועג קיין טראַדום. דעם 7-טן יוני זיינען מיר ענדלאַך אַרויס אין וועג. אין ראַגאַ-טאַסאַם האָט דער פראָסט ביינאַכט דערגרייכט ביז זעקסאונצוואַנציק גראַד, אָבער דאָ האָבן מיר איצט געהאַט מיטאָגצייט איינאונצוואַנציק גראַד וואַרימקייט. אין דער לופטן האָבן פליגן געזשומעט, זומער-פייגעלאַך זיינען אַרומגעפלויגן איבער אונזערע קעפּ. אויף דער ערד זיינען אַרומגעקראָכן מוראַשקעלאַך, שפּינען און זשוקעס, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו געניסן פונם קורצן זומער. פריש גראָז האָט געשפּראָצט צווישן די שטיינער. דאָך אָבער האָט דער קלענסטער קושאַק נישט באַלעבט די נאַקעטע בערג און טאָלן, קיין זכר פון אַ קרייטעכל, קיין בלימעלע—אַ מדבר!

מיר זיינען דאָ געפאָרן פאַרביי אַ קלויסטער און געוואָלט אַריינדרינגען אין אים. אָבער ווען מיר האָבן געמאַכט אַ באַוועגונג צום טויער, האָבן די מאָנאַכן געדראָט מיט די ביקסן! די נאָמאַדן זיינען שוין געווען פריינטלאַכער: זיי האָבן אונז געליפערט נאַרונגסמיטלען, וויפיל מיר האָבן נאָר פאַרלאַנגט. אַפילו פיש, קאַפהינער און ווילדע גענז האָבן זיי אונז צוגעשטעלט. מיר האָבן געמאַכט בלויז קורצע טאָג-מאַרשן, ווייל כ׳האָב יעדע שעה אָפּגעוואַרט מיינע שליחים, אָדער, לפּחות, אַ ידיעה פון להאַסאַ, דעם

17-טן יוניביים זונאונטערגאַנג האָבן זיך באַוויזן פאַר מיין גע-צעלט צוויי פאַרשטויבטע וואַנדערער, אָנגעטאָן אין שמאַטעס מיט פעקלאַך אויפן רוקן. דאָס זיינען געווען מיינע שליחים, וועלכע האָבן זייער גוט אַדורכגעפירט זייער שליחות, אָבער אויפן וועג צוריק זיינען זיי באַרויבט געוואָרן פון טיבעטער גזלנים. זיי האָבן זיך אָבער אומזיסט באַמיט, ווייל דעמזעלבן טאָג, נאָך פריער פאַר זיי, איז געקומען צו מיר אַ קוריער פון להאַסאַ, וועלכער האָט מיר געבראַכט אַ שטרייגגן באַפעל פון דער כינעזישער מאַכט, איך זאָל מיך אומבאַדינגט האַלטן אויפן אָנגעצייכנטן וועג און אין קיין פאַל נישט גיין קיין צפון-מערב.

אָבער אויב די כינעזישע מאַנדאַרינען האָבן געמיינט, אַז זיי האַלטן מיך איינגאַנצן אין זייער צוים, האָבן זיי ווידער געהאַט אַ טעות. זייער עקשנות האָט נאָר פאַרשטאַרקט מיין חשק צו נייע אונטערנעמונגען. דעם מיטלסטן פאַס פון טראַנסהימאַלאַי, וועלכער איז אויף דער מאַפּע געלעגן, ווי אַ ווייסער פלעק, האָב איך באַשלאָסן אויסצופאָרשן פאַר יעדן פרייז.

דער סטאַראָסטע פון טראַדום, וואוהין מיר זיינען צומאָרגנס גע-קומען, איז געווען אַ כיטרער, איבערגעשפיצטער קערל, וואָס די באַפעלן פון להאַסאַ זיינען אים זייער ווייניק אָנגעגאַנגען. אמת, ער האָט מיר נישט דערלויבט צו גיין קיין צפון, אָבער ער האָט מיר געגעבן פערד און פירער, איך זאָל קאָנען אָפּטרעטן אָן דער זייט קיין דרום, און די הימאַלאַיען, צו דעם דורכגאַנג קאָרע-לאַ, פון וועלכן עס פליסט אַרויס דער קאַלי גאַנדאַק און פאַלט אַריין אין גאַנגע פון דער דרום-זייט. דערדאָזיקער דורכגאַנג איז אַלזאָ די וואַסער-גרענעץ צווישן צוויי באַרימטע טייכן פון דער ערד. דאָרט, אויבן, אין דערהויך, אויפן דורכגאַנג, האָט געבלאָזן אַן אייזיקער ווינט, און אונטן, אין טאָל, איז געווען זומער-לעב. ס'האָט מיך אָנגענומען אַ געוואַלטיקער חשק זיך צו באָדן אין זונשיין און זומערגרינס כאָטש אַ פּאָר שעה צייט. ביז די ערשטע דערפער פון די אונטערשטע טאָלן פונם נעפּאַל האָבן מיר גע-האָט סך הכל בלויז איין טאָג וועג, אָבער אויך נעפּאַל איז פאַרשלאָסן פאַר די אייראָפּייאישע רייזנדער. ווען מען זאָל מיך

דאָרט איצט פּאַקן, וואָלט מען מיך געוויס אַרויסגעשיקט קיין אינדיע, און מיין קאַראַוואַן וואָלט געוואָרן אַ הפקר פאַר יעדן צופאַל. איך האָב אָבער נישט געקאָנט גובר זיין מיין תאוה, צו געניסן, לפּחות, איין זומערטאָג אין די טאָלן פון הימאַלאַי.

מיר זיינען געריטן באַרג-אַראָפּ, און באַלד האָבן אונז אַרומגע־רינגלט שאָטנדיקע וועלדער און קאָרן־פעלדער, אין וועלכע דער ווינט האָט געטריבן די שטייענדיקע הויכע תבואה אין געדיכטע כוואַליעס. מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער אין אַן איינ-זאַמען הויפל, נאָר פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ דערשראָקענע פרוי פון אַ טיר.

—איז דער באַלעבאָס פונם הויף אין דערהיים?—האָב איך זי געפרעגט.

—ניין, דער הויף געהערט צו דעם קעניג פונם דרום-לאַנד לאָ גאַפּו. אָן זיין דערלויבניש טאָר קיינער אַהער נישט אַריינקומען.

—זייער שיין,—האָב איך געענטפערט, גריס מיר פונמיינטוועגן דעם קעניג און זאָג אים, אַז מיר שלאָפן די נאַכט ביי אים אין גאָרטן.

גערעדט און געטאָן. אויף צומאָרגנס האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז מיר זאָלן זיי דערקלערן, ווי אַזוי מיר האָבן זיך דערלויבט אַריינצוכאַפּן אין אַ פרעמדן הויף. ווען איך האָב זיי געזאָגט, ווער איך בין, האָבן זיי מיך פריינטלאַך איינגעלאַדן אין דער רעזידענץ פון לאָ גאַפּו, ביי אַ צוויי טעג רייזע פונדאַנען. זיי האָבן שוין געהאַט געשיקט אַהין אַ שליח מיוחד צו מעלדן, אַז איך בין געקומען. מיר איז די זאַך אויסגעקומען אַ ביסל ריזיקאַליש. מיט מיר איז נאָך געווען ראָ-בערט, טסערינג און ראַבזאַנג מיט צוויי טיבעטער. געלט האָב איך געהאַט מיט זיך סך הכל פינפאונדרייסיק מאַרק און מיר זיינען געריטן אויף פערד, וועלכע האָבן געהערט צום סטאַראָס-טע פון טראַדום. מיט ליידיקע הענט האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט קומען צום קעניג, און ווען די טיבעטער מאַכט וואָלט

מיך צוריק נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין לאַנד, נאָכדעם, ווי איך האָב דאָס לאַנד פאַרלאָזט, וואָלט דאָך געמוזט נעמען אַ סוף צו מיין פאָרשונגס-נסיעה דורך טיבעט, ווי אויך צו אַלע מיינע פּלענער אין עתיד. ניין, דאָס טאָר נישט פאָרקומען!

מיר האָבן דעריבער געלאָזט זיין מאַיעסטעט וואַרטן אויף אונז און, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אויסגערוט נאָך אַ טאָג אין זיין גאָרטן, אונטער די רוישנדיקע פּאַפּלען, האָבן מיר דעם 23 יוני, ווען די אויפגייענדיקע זון האָט נאָר-וואָס באַלויכטן די שפּיץ-בערג פון נעפּאַל, זיך געלאָזט רייטן ווידער באַרג-אַרויף, אָבער אַזוי שנעל, ווי נאָר די פערד האָבן אונז געטראָגן. קיינער האָט אונז נישט אָפּגעשטעלט אין וועג, און מיר האָבן זיך, ענדלעך, ווידער פאַרייניקט מיטן קאַראַוואַן.

דאַן האָבן מיר געוואַנדערט ווייטער, אַמאָל קיין צפון, אַמאָל קיין דרום פון טשאַנגפּאָ, דורך אַן אומבאַקאַנט לאַנד, ביז מיר זיינען אין עטלעכע וואָכן אַרום געקומען קיין שאַמזאַנג, וואו ס׳פאַרייניקן זיך די דריי קוואַל-טייכן פון טשאַנגפּאָ, אָדער בראַמאַפּוטראַ. וועלכער פון די דריי טייכן איז געווען דער הויפּטקוואַל? די געאָגראַפן האָבן ביז איצט געהאַט וועגן דעם פאַרשידענע מיינונגען. איך האָב דעריבער געמאָסטן די קוואַל-טייכן און, נאָכדעם, ווי איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז דער דרום-טייך איז פיר מאָל אַזוי ברייט, ווי די צוויי אַנדערע, האָב איך געלאָזט גיין דעם קאַראַוואַן פאָרויס צום געצעלט-דאָרף טאָק-טשען, און אַליין האָב איך מיך מיט אייניקע פון מיינע באַגלייטער און דריי טיבעטער, אַלס וועגווייזער, אַוועקגעלאָזט אויף גאַנצע זעקס טעג לייגנאויס מיטן דרום-טייך, אַרויף מיטן שטראָם. דעם 14-טן יוני בין איך שוין געשטאַנען בייםווירקלאַכן מקור פון טייך, וועלכער שטאַמט פון אַ גלעטשער אויפן באַרג גובי—גאַנגרי, אויף אַ הויך פון 4864 מעטער. ווייטער, ביז שאַמזאַנג הייסט ער קובי-טשאַנגפּאַ, דאַן גייט ער דורך טיבעט מיטן נאָמען טשאַנגפּאָ און פאַלט אַריין אין אינדישן ים. אַזוי אַרום לויפט ער דורך 29007 מעטער אונטערן נאָמען בראַמאַפּוטראַ, וואָס איז באַוונגען געוואָרן

אין די פאַרצייטישע אינדישע מעשהלאַך און לעגענדעס.
פון דער התחלה פון בראַמאַפּוטראַ זיינען מיר פאַרבייגעריטן דעם גלעטשער-קוואַל פון סעטלעדזש,—אַביי-טייך פון אינדוס,—וואָס קיין שום אייראָפּייער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט באַזוכט, און נאָך אַ נסיעה פון צען טעג, זיינען מיר געקומען אין געצעלט-דאָרף טאָקטסען, וואו דער קאַראַוואַן האָט געוואַרט אויף אונז.
פון דאָרט האָט אַ טייל פון מיינע לייט געדאַרפט אָפּגיין צוריק קיין לעה. אָבער פרייוויליק האָט קיינער דאָס נישט געוואָלט טאָן. איך האָב דעריבער אַליין אויסגעקליבן דרייצען מענטשן, וועלכע האָבן אונטער דער אָנפירונג פון גוסאַרו געדאַרפט נעמען מיט זיך אַלע אונזערע איבעריקע פעק. ביי זיך האָב איך איבערגעלאָזט צוועלף פון מיינע בעסטע לייט, צווישן זיי אויך ראָבערטן. די לייט, וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּפאָרן, האָב איך געגעבן צוויי פון אונזערע פינף ביקסן. דער אַלטער גוסאַרו האָט געוויינט, בשעת ער האָט איבערגענומען מיין פּאָסט, וועלכע ער האָט געדאַרפט אָפּפירן קיין לעה, און נאָך לאַנגע געזעגענישן און דאַנקען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין מיט זיינע לייט. די טיבעטער האָבן געטריבן זייערע יאַקן און אַליין געגאַנגען צופוס. שטיל און דערשלאָגן זיינען זיי אַנטרונען געוואָרן אין אַ טיפן טאָל.

טעג און נעכט אויף דער געטער־אָזיערע.

די טיבעטער האָבן קיין השגה נישט געהאַט פון מיין פּלאַן: זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז איך האָב אַ העלפט פון מיינע לייט אַוועקגעשיקט. זיי האָט אויסגעוויזן, אַז אַ טייל פון קאַראַוואַן איז אַוועק פאָרויס, און מיר וועלן זיך מיט אים פאַרייניקן אין אַן אַנדער אָרט. דעריבער האָבן זיי מיר קיין שוועריקייטן נישט געמאַכט, ווען איך האָב מיטן רעשט פון מיינע לייט זיך געלאָזט גיין צו דער אָזיערע מאַנאַסאַראָוואַר. כ'האָב געלאָזט אויפשלאָגן מיין לאַגער הארט ביי זיין ברעג.

אין די גאַנץ אַלטע אינדישע הימנען ווערט באַזונגען די דאָזיקע הייליקע אָזיערע, און טויזנטער עולה־רגלליט פון אינדיע באַזוכן זיי יערלאַך, כדי זיך צו באָדן אין אירע קלאָרע, זיסע וואַסערן און דאַדורך באַקומען אַ סליחה ומחילה פאַר זייערע עבירות און זוכה זיין צו עולם־הבא. אויף טיבעטיש הייסט די אָזיערע טסאָ־מאַוואַנס אָדער טסאָ־רינפּאָטסע—די „הייליקע אָזיערע“, די אָזיערע איז כמעט קיילעכדיק און איין ברעג פונם אַנדערן ליגט אויף אַ שטח פון פינפאונצוואַנציק קילאָמעטער. איר וואַסערשטח ליגט מיט 4602 מעטער העכער פאַרן וואַסער אין ים.ביים דרום־ברעג רייסט זיך צום הימל דער באַרג גורלאַ־מאַנדאַטאַ מיט זיין טאָפּעל־שפּיץ. ער האלט 7726 מעטער די הויך. ביים צפון־ברעג טראָגט דער באַרג קאַילאַס אָדער קאַנג רינפּאָטסע, דער „הייליקער באַרג“, וועלכער איז 6650 מעטער הויך. אויפן קאַילאַס וואוינט דער גאָט סיוואַ מיט זיין גן־עדן. פון צייט־צו־צייט קומט

ער אַראָפּ און שווימט אין דער אָזיערע אין דער מראה פון אַ ווייסער שוואַן.

מיין צוועק איז געווען גרינדלאַך אויסצופאָרשן דידאָזיקע אָזיערע: אויסמעסטן איר טיפקייט, אויפצייכענען די מאַפּע פון אירע ברעגן, דערגיין איר שייכות צום סעטלעדזש, וועלכער מישט זיין גלעטשער-וואַסער מיט די הייליקע כוואַליעס פון דער אָזיערע און הייסט דאָ טאַגע-טשאַנגפּאָ. כ'האָב אויך געוואָלט באַזוכן די אַכט קלויסטערס אויפן ברעג פון דער אָזיערע.

ווען מיר האָבן דעם 27-טן יולי צוגעגרייט אונזער לייוונטשיפל, צו פאָרן אויף דער אָזיערע, האָבן די טיבעטער געשאָקלט מיט זייערע צעשויבעטע קעפּ און בעת מעשה מיך מזהיר געווען, איך זאָל בעסער נישט דערוועקן דעם צאָרן פונם ים-גאָט דורך אַזאַ שענדלעכער אונטערנעמונג. אויך טסערינג האָט געקוקט באַזאָרגט.

—דידאָזיקע אָזיערע איז פול מיט וואונדער און מיט סודות,—האָט ער געזאָגט.

—איר בלייבט זיך דאָ, ביז מיר וועלן צוריקקומען,—האָב איך אים באַמערקט,—ווייל נאָר צוויי מאַן, סוקום אַלי און רעהים אַלי, וועלן מיך באַגלייטן אַלס רודערער.

—איר וועט קיינמאָל נישט קומען צוריק!—האָט טסערינג מיט גרויס אומעט אויסגערופן.—אינמיטן איז די אָזיערע הויך, אַזוי ווי פאַרשפּיצט. און ווען אייך וועט אַפּילו אָפּגליקן אַהין צו קומען, וועט איר צום צווייטן ברעג נישט קאָנען דערגרייכן, ווייל איר וועט זיך אַרונטערגליטשן צוריק און וועט דערטרונקען ווערן.

צוליב דעם שטורמווינט בייטאָג, האָבן מיר זיך ערשט אין אָוונט אָפּגעשטויסן פון ברעג. איך בין געזעסן אויפן עק פונם שיפל, אויף דער אַנדער זייט איז געהאָנגען אין וואַסער אַראָפּ די מעסט-שטריק, צו מעסטן די טיפקייט, אונטער דער האַנט האָב איך געהאַט דעם קאָמפּאַס, דעם זייגער און דעם שפּאַקטיוו. אַ כינע-זישע פּאַפּיר-לאַמטערנע האָט אונז באַלויכטן די אָזיערע. פּראָ-וויאַנט האָבן מיר געהאַט אויף צוויי טעג. אויפן שיפל איז גע-

וין אויסגעשטעלט אַ זעגל מיט אַ לייוונט.
בשעת מיר זיינען אָפּגעפאָרן, האָבן די בערג אַרום נאָך געוואָרפן
זייערע שאָטנס אויף דער אָזיערע אין אונזער לאַגער. פאַר אונז
האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייטער וואַסערשטח אינם העלן שיין
פונם זונאונטערגאַנג. אָבער אָט איז שוין די לבנה אַרויף אויפן
האָריזאָנט. אין דרום האָט זיך אינם לבנהליכט געזען דער גורלאַ
מאַנדאַטאַ ווי אַ הויכער מת אין תּכריכים מיט זיינע שניי-פעל-
דער און גלעטשערס. הינטער אים האָבן זיך געשניטן בלוילאַכע
בליצן, וועלכע האָבן געקאָנט פאָרויסזאָגן אַ שטורם.
נאָך צוואַנציק מינוט אויפן וואַסער האָב איך געהייסן זיך אָפּ-
שטעלן און כ'האָב אויסגעמאָסטן די טיפקייט—איינאונפערציק מע-
טער! מיינע באַגלייטער האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן. דאָס וואַ-
סער האָט זיך איצט איינגעהילט אין גרויסע סודות. דער שטח
איז געווען שפּיגל-בלאַנק, אָבער די טיפע וואַסערן האָבן אונזער
שיפל שטאַרק געשאָקלט.
ווידער האָבן די רודער זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער. איצט האָט
דער גורלאַ מאַנדאַטאַ שוין אויסגעזען שוואַרץ און די בליצן הינ-
טער אים האָבן זיך באַוויזן אַלץ עפטערער. ביי זייער טאָג-
ליכטיקן שיין זע איך די ערנסטע פנימער פון מיינע באַגלייטער.
זיי זינגען שוין מער נישט. דער געשריי פון אַ ים-פייגל שניידט
אַדורך איינזאַם די פינסטערע נאַכט.
די טיפקייט פון דער אָזיערע וואַקסט. איצט האַלט זי שוין פינפ-
אונזעכציק מעטער. אַרום האַלבע נאַכט האָט דער הימל זיך אויס-
געלייטערט. דער שיין פון דער לבנה און פון די אומצייליקע
שטערן ציטערט אויף די רוהיקע כוואַליעס אַרום אונזער שיפל.
אָט ווערט זייער שיין בלאַסער, דער הימל ווערט העל-בלאָ, אין
די בערג, אין מזרח, הויבט שוין אָן צו שאַריען אויף טאָג און
זייערע שפּיצן טרעטן אַרויס אַלץ בולטער. איבער אונז שוועבן
לייכטע ווייסע וואָלקנס. אָט פאַרבן זיי זיך ראָזיק-רויט און שפּיג-
לען זיך אָפּ אין בלאַנקן וואַסער. באַלד פאָרן מיר שוין דורך
אַן אומענדלאַכן ראָזן ים. עס שמעקט מיט פרימאָרגן און פרי-
שער אָזיערע-וואַסער, און די לאַנדשאַפט צינדט זיך אָן אַרום

אונז אין שטאַרקע פאַרבן. דער גורלאַ מאַנדאַטאַ איז נאָך אַלץ זילבער ווייס, אָבער אָט באַגיסט ער זיך שוין מיט כורפורפאַרב. אַרום אים שוועבן דינע פרימאָרגן־וואָלקנדלאַך, ווי דער רינג אַרום דעם סאַטורן, און זיי וואַרפן זייער שאָטן אויף די אייביקע שניי-פעלדער. דאַן ווערן זיי אויך באַגולט, און איין שפּיץ נאָכן אַנדערן צינדט זיך דאָרט אָן פון די ערשטע זונשטראַלן. און פּלוצלונג טוט אַ שפּאַר אַרויס אַ גאַנצער סנאָפּ ליכט אויפן אויבערשטן קאַנט פון די בערג אין מזרח: דער טאָג האָט געזיגט, און איך האָב בייגעלעבט אָט דאָס וואונדערשיינע שפּיל פון נאַכט און טאָג, בשעת די אומציילִיקע עולה-רגלליט, וועלכע וואַנדערן דאָ שוין טויזנטער יאָרן, דערוועגן זיך קיינמאָל נישט אַרויסצופּאָרן אויפן וואַסער און האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען און נישט גע-נאָסן פון אַזאַ געוואַלטיקן תענוג.

די טיפקייט וואַקסט כסדר: זי האַלט שוין איצט דרייאונזיבעציק מעטער. מיינעביידע רודערס הויבן שוין אָן צו פּיקן מיט דער נאָז, עס שלעפערט זיי און זיי ריידן פון שלאָף. אויך ביי מיר שליסן זיך די אויגן. אָט זע איך, דאַכט זיך, אויפן וואַסער שפּרינגען רויטע אייזלען, גרינע דעלפינען יאָגן זיך, ס׳באַווייזט זיך דער קאָפּ פון דער וואַסער-שלאַנג און ווערט תיכּף ומיד אַנטרונען. אָבער איך רייב מיר גוט אויס די אויגן, שטעל זיך אויף, כאַפּ אַ היבש ביסל וואַסער, וואַש זיך אַרום דאָס פּנים און באַשפּריץ אויך געשמאַק מיינע באַגלייטער. דאַן פאַרלאַנג איך פר שטיק: אַ האַרט געקאָכטע געננאיי, אַ שטיק ברויט און אַ גלאָז מילך, נאָכדעם צינד איך מיר אָן מיין מאָרגנלולקע און מיינע לייט טוען אויך דאָסזעלבע.

די טיפקייט האַלט איצט נייַנאונזיבעציק מעטער, און רעהים אַלי שוידערט פּשוט אויף ביים געדאַנק, אַזויפיל וואַסער אונטער זיך! אָבער אָט זינקט מיין מעסטשטריקל נאָך טיפער: צווייַאונ-אַכציק מעטער. דאָס איז שוין די גרעסטע טיפקייט. מיר זיינען אַלזאָ אויפן מיטן אָזערע.

נאָך אַ נסיעה פון זעכצען מיט אַ האַלבער שעה זעצן מיר זיך אַרויס אויפן דרום-מערב-ברעג. דאָ קאָכן מיר טיי ביים פייער, בראָטן

אונזערע שעפסן-קאָטלעטן און מיר קלייבן נחת פון דער וואונדערשיינער אָזיערע. ווען די נאַכט פאַלט צו ווידער, שלעפן מיר אַרויס דאָס שיפל אויפן ברעג, קערן עס אום, ווערט עס אַ געצעלט. איך קריך אַרונטער צוזאַמען מיט מיינע לייט און אָט שלאָף איך ווי אַ שטיין און הער לגמרי ניט דעם שרעקלאַכן שטורם, וואָס האָט געשפילט אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב אויך נישט געהערט די עולה-רגללייט, וואָס זיינען מיטן פרימאָרגן אַריבערגעגאַנגען פאַרביי אונז.

אויף צומאָרגנס פאָרן מיר ביי אַ שטאַרקן ווינט אַרום דעם מערב-ברעג, וואו עס הויבט זיך דער קלויסטער גאָסול אויף אַ הויכן פעלז. בשעת מען האָט אויפגעשלאָגן אונזער נייעם לאַגער אויפן ברעג, האָב איך אַ ביסל געוואַנדערט אין די בערג, צו סקיצירן די לאַנדשאַפט. ביי דערדאָזיקער אַרבעט האָבן מיך איבערראַשט דריי באַוואָפנטע רייטער. זיי זיינען אָבער נישט אַראָפּ פון די פערד, נאָר מיך אָנגעקוקט פון דערווייטן, זיך שטאַרק געחדושט און געשעפּטשעט צווישן זיך.

אין אָוונט איז געווען דושנע און שטיל. דאָס איז אייגנטלאַך געווען אַ שטורם-בשורה. ביינאַכט האָט טאַקי אויסגעבראָכן אַ שטורם. שווערע, בלאָ-פיאָלעטע וואָלקנס האָבן זיך געקייקלט איבער די שוואַרצע רוקנס פון די בערג. אין מזרח האָט דאָס וואַסער געקאָכט ווי אין אַ קעסל-גרוב און אויסגעזען גרין, ווי לאָרבער. ביי אונזער ברעג האָט עס אָבער אויסגעזען העל-גרין, ווי יונגע גרינע בלעטער. און בשעת די שוימיקע כוואַליעס האָבן געפירט זייער טאַנץ, זיינען מיר ווידער אַריינגעקראָכן אין אונזער שיף-געצעלט. אויף צומאָרגנס זיינען מיר שוין צוריקגעקומען אין הויפּטלאַגער.

אין עטלאַכע טעג אַרום האָבן מיר אויפגעשלאָגן אונזערע געצעלטן נעבן דעם שיינעם קלויסטער טוגו-גומפּא. די דאָרטיקע דרייצען מאָנאַכן האָבן אונז אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינטשאַפט. מען האָט מיר אַפילו דערלויבט אַריינצוקומען אין גרויסן טעמפּל-זאַל פונם גאָט פון דער הייליקער אָזיערע. כ'האָב געזען די נאָמאַדן, וועלכע זיינען געקומען פון צפון מיט זייערע

געוואַלטיק גרויסע טשערעדעס שאָף צו שערן זיי דאָ, כּדי צו באַקומען קאָרן פֿאַר די וואָל. כ׳האָב געזען די עולה-רגלליַיט, וועלכע זיַינען געקומען פֿונם פּאַלמענלאַנד און מאַנגא-ביימער אין די שניי-בערג פֿון טיבעט, כּדי זיך צו באָדן באַגינען ביים ברעג פֿון דער הייליקער אָזיערע.

דעם 7-טן אויגוסט אינדערפֿרי, בשעת אַ לאַמאַ האָט פֿון קלויסטער-דאַך אַרויסגעבלאָזן פֿאַרשטיקטע קלאַנגען כּון אַ מושל-האָרן אויף דעם שפּיגל-בלאַנקען שטח פֿון דער אָזיערע, האָב איך אונטערגענומען אַ צווייטע נסיעה אויף דער אָזיערע, כּדי צו מעסטן אין צפֿון-מערב איר טיפֿקייט. דאָסמאָל האָב איך גענומען מיט זיך סוקור אַלי און טונדופּ סאָנאַם. עטלאַכע אינדוסן, וועלכע האָבן זיך געבאָדן ביים ברעג, האָבן שטאַרק חשק געהאַט אונדז צו באַגלייטן, ווען זיי וואָלטן עס נאָר געמעגט טאָן.

בשעת מיר זיַינען אָפּגעפֿאָרן פֿון ברעג, האָט די זון מחיהדיק געוואַרימט. אָבער באַלד איז דער הימל געוואָרן טריב אין צפֿון. ס׳האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט בליי-גראָע וואָלקנס. די וויַיסע מויערן פֿון קלויסטער גאָסול, וועלכע זיַינען שוין געלעגן וויַיט הינטער אונדז, האָבן זיך איצט געזען ווי אַ קליינער פּונקט. אַרום מיטאָגציַיט האָבן זיך אויפֿגעהויבן געלע זייַלן שטויב אין דער לופֿטן אויפֿן רויטן ברעג, צו וועלכן מיר זיַינען צוגעפֿאָרן.

— מיר וועלן האָבן אַ שטורם, — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיַינע באַגלייטער.

— גאָט איז מיט אונדז! — האָט סוקור אַלי געענטפֿערט מיט דערזעלבער רוהיקייט.

— רודערט וויַיטער, מיר וועלן זיך באַשיצן אונטער די בערג ביים ברעג.

ס׳איז געפֿאַלן אַ קורצער רעגן, וועלכער האָט זיך באַלד פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקן האָגל. אין איין מינוט איז דאָס שיפֿל אָנגעפֿילט געוואָרן מיט האָגל-איַיז. אַרום אונדז איז געוואָרן האַלב פֿינסטער, מיר האָבן געקאָנט זען בלויז זיך אַליין, דאָס שיפֿל און אַ צעבושעוועטע מאַסע פֿון האָגל-קערנער אַרום אונדז. שאַרפֿע בליצן האָבן באַלויכטן מינוטנוויַיז דעם נידריקן וואָלקן-דעק.

באַלד נאָכן האָגל האָט זיך אָנגעהויבן אַ מבול. אין אַ פּאָר מינוט צייט זײַנען מיר אײַנגאַנצן אַדורכגענעצט געוואָרן און איך האָב געפֿילט, ווי דאָס וואַסער רינט מיר איבערן רוקן. פֿונעם פֿעלץ, מיט וועלכן כ׳האָב באַדעקט די קני, האָט זיך געגאָסן אַ טײַך וואַסער, און דאָס שיפֿל האָט שוין כמעט נישט געקאָנט גײן פֿון וואַסער. איך האָב דאָס שיפֿל געפֿירט לויטן קאָמפּאַס.

אַרום איינס אַ זייגער איז דער רעגן שוואַכער געוואָרן, אָבער דערפֿאַר האָט דער שטורעם באַקומען אַ שטאַרקערע שליטה, און ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף אונדז פֿון רעכטס און פֿון לינקס. תּחילת האָבן מיר ווי פֿאַרצווייפֿלט געאַרבעט מיט די וויאָסלעס, כּדי זיך צו האַלטן ריכטיק אין קורס געגן די כוואַליעס. אָבער ווען די כוואַליעס האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט און אין שיפֿל איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ מאַסע וואַסער, האָב איך עס אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג פֿון ווינט, קיין דרום־מערב, כּדי זיך אַרויסצוזעצן אויף דער יבשה בײַם קלויסטער גאָסול, אַרום אונדז האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַן אמתער הוראַגאַן, און די באַגלייטער מײַנע האָבן אַפֿילו נישט געקאָנט הערן מײַנע באַפֿעלן. מײַן קליין שיפֿל איז געוואָרן אַ שפּילעכל פֿאַר די כוואַליעס, וועלכע וואָלטן געווען געפֿערלאַך אַפֿילו פֿאַר אַ גרויסן דאַמפֿער. די כוואַליעס זײַנען געשטאַנען פֿאַר און הינטער אונדז, ווי וואַסערווענט. דאָס שיפֿל האָט זיך אַלץ מער אָנגעפֿילט מיט וואַסער. אונדזערע הענט זײַנען אָבער געווען פֿאַרנומען מיטן רודערן און מיר האָבן דעריבער נישט געקאָנט אויסשעפּן דאָס וואַסער.

פֿינף פֿערטל שעה האָבן מיר אַזוי געקעמפֿט פֿאַר אונדזער לעבן, ביז מיר האָבן ענדלאַך דערזען דעם קלויסטער, — זײַן ווײַסן פּאַסאַד, זײַנע פֿענסטער און דאָס פֿענדל אויפֿן דאַך. הינטער אַ פֿאַרפֿלויט זײַנען געשטאַנען מאָנאַכן אומבאַוועגלאַך, און געקוקט פֿאַרגליווערט אין אונדזער ריכטונג. בײַ ברעג האָבן די כוואַליעס זיך געוואָרפֿן אויף די פֿעלזן מיט אַ געוואַלטיקער קראַפֿט.

באַלד איז אונדזער שיפֿל אַרײַנגעקומען אין דעמדאָזיקן קעסל־קאָך. די רודערער האָבן געאַרבעט מיט די לעצטע כּוחות, כּדי זיך

אָפּצוהאַלטן פון ברעג און נישט געשליידערט צו ווערן אויף די פעלזן. סונדופּ איז דער ערשטער אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז דער ברוסט. מיר האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל, און ס׳איז אונז געלונגען אָפּצוראַטעווען דאָס שיפל פון אַ זיכערער צושמעטערונג.

טויט-מיד, האָבן מיר, נישט ריידנדיק קיין וואָרט, זיך אַוואָרף געטאָן אויפן זאַמד און זיינען תיכף אַנטשלאָפן געוואָרן. באַלד זיינען פּאַוואָליע צוגעקומען צו אונז פינף מאָנאַכן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז מיר זיינען טויט. אַז זיי האָבן אָבער דערזען, אַז מיר לעבן, האָבן זיי אונז פריינטלאַך באַגריסט און פאָרגעלייגט אַריינצוגיין אין קלויסטער, וואו מיר קאָנען זיך אויסרוען. איך האָב אָבער בעסער געוואָלט בלייבן אויף דער פרישער לופט. דאַן האָבן אונז די מאָנאַכן געבראַכט האָלץ און געמאַכט אַ פייער. מיר האָבן זיך אויסגעטאָן מוטערנאַקעט און אויסגעהאַנגען אונזערע קליידער צום טריקענען. די פריינטלאַכע מאָנאַכן האָבן אונז אויך געבראַכט מילך און טשאַמבאַ, און דערדאָזיקער שפּעטער מיטאָג האָט אונז געשמעקט ווי אַ קעניגלאַכע סעודה. נאָכן עסן האָבן מיר זיך ווידער אויסגעצויגן אויפן זאַמד און מיר זיינען געשמאַק איינגעשלאָפן.

אויף צומאָרגנס, מיטן באַגינען, איז געקומען צורייטן ראַבזאַנג. אונזערע לייט האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַר אונז, און די מאָנאכן פון קלויסטער טוגו-גומפּאַ האָבן דערציילט, אַז אויך זיי האָבן שטאַרק מתפּלל געווען פון אונזערטוועגן און געראַכערט ווייַרעך פאַרן גאָט פון דער אָזיערע. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אויסגערוט אַ טאָג אין קלויסטער, זיינען מיר צוריקגעקומען קיין טוגו-גומפּאַ.

איך בין איבערגעבליבן ביי די ברעגן און אויף די כוואַליעס פון דער הייליקער אָזיערע מאַנאַסאַראָוואַר אַ גאַנצן חודש צייט. איך האָב מיך גאָרנישט געשראָקן פאַר די רייטער, וואָס זיינען נאָך אַלץ טאָג-טעגלאַך געקומען אין מיין הויפּטלאַגער. דאָרט האָט מען זיי שטענדיק געענטפערט איינס און דאָסזעלבע:

—דער באַמבאַ טשימבאַ איז אויף דער אָזיערע. מאַכט אדרבה

אַ פראָבע צו כאַפּן אים: ער חברט זיך שטאַרק מיטן גאָט פון דער אָזיערע.

די רייטער זיינען געריטן אַרום דער אָזיערע פון אַלע זייטן, בכדי מיך צו פאַקן. אָבער אַז זיי פלעגן קומען צום ברעג, וואו איך בין געווען, פלעג איך אַרויספאָרן באַלד אויף דער אָזיערע. אַוויאַרום האָבן זיי סוף-כל-סוף, מיט גרויס פאַרדרוס, זיך גע-מוזט אָפּזאָגן פונם יאַגד. לסוף אָבער האָבן זיי מיך געפּאַקט ביים קלויסטער טשיו גומפּאַ און האָבן ענערגיש געפאָדערט, אַז איך זאָל פאָרן קיין לאַדאַק. פופצען יאַקן זיינען שוין געשטאַנען גרייט פאַר מיר.

—גוט,—האָב איך געזאָגט,—דער קאַראַוואַן וועט תיכף אַרויסטרעטן מיט אייך אויפן גרויסן שליאַך קיין פאַרקא.

מען האָט באַלאָדן די יאַקן און זעקס פון מיינע לייט זיינען אָפּגעפאָרן מיט זיי. די טיבעטער האָבן זיי באַגלייט גאַנץ רוהיק, אָן עפּיס אַ חשד. אָבער ווי זיי זיינען אַוועק אַ ביסל ווייטער, האָב איך געענדערט מיין ריכטונג און זיך אַ נעם געטאָן קיין מערב.

מיין נייער פּלאַן.

אויף מיין ווייטערדיקער וואַנדערונג קיין מערב בין איך אַרומגעפאָרן די אָזיערע נאַקאַש-טאַל. אָבער די בייזע רוחות פון דער אָזיערע זיינען פאַר מיר שוין נישט געווען אַזוי פריינטלאַך, ווי דער גאָט פון מאַנאַסאַראָוואַר: מיין שיפל האָט זיך איבערגעקערט, און איך האָב זיך געמוזט אָפּזאָגן פון מיין אויפגאַבע צו מעסטן דאָ די טיפקייט.

דאַן זיינען מיר געקומען קיין פּאַרקאַ. דער דאָרטיקער סטאַראָסטע האָט זיך אויסגערופן צו זיין מיין באַגלייטער, אַזוי־אַרום האָט ער מיך געוואָלט בעסער היטן, אַז איך זאָל נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג... דאָס האָט מיך אָבער נישט געשטערט צו וואַנדערן אַרום דעם באַרג קאַילאַס, וועלכע האָט אין צפון־מזרח זיך געריכן צום הימל מיט זיין שניי־באַדעקטן קאָפּ. פון גאַנץ טיבעט גייט מען אַהער, כדי צו באַקומען סליחה ומחילה פאַר די עבירות און געווינען גליק אויף דער-וועלט און אייביקע רו מיט נחת און הנאות אין עולם-הבא. אויפן וועג צום באַרג ליגן פיר קלויסטערס, ווי פיר דימענטן אין אַ בראַסלעט. איך בין געווען דער ערשטער אייראָפּייער, וועלכער האָט עולה-רגל-געווען אַהער. איך האָב אָבער קיין עולם-הזה דערפון נישט געהאַט, משמעות, דערפאַר, וואָס איך האָב נישט אָפּגעהיט די מנהגים און בין נישט געגאַנגען צופוס צום באַרג, נאָר איך בין געריטן אויף אַ פערד...

דריי טעג שפּעטער האָב איך ווידער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט

מיין קאַראַוואַן אין כאַלעב. איך האָב דעם קאַראַוואַן ווידער געלאָזט וואַנדערן לאַנגזאַם מיטן גרויסן שליאַך קיין לאַדאַק און אַליין האָב איך זיך געלאָזט גיין מיט פינף באַגלייטער צו די קוואַלן פון טייך אינדוס, וועלכע ס'האָט נאָך אויך קיין שום אייראָפּייער קיינמאָל נישט געזען. אין דערדאָזיקער עקסקורסיע האָט מען מיך אויך נישט געשטערט, אָבער מען האָט געזאָגט, אַז מען וועט מיך, מעגלאַך, אַרעסטירן, ווייל צוועלף פון די גובערנאַטאָרן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן מיך תיכף, ווי איך וועל מיך דאָרט באַווייזן. מיר זיינען אָבער אומעטום אַדורכגעקומען אָן שוועריקייטן, און דעם 20-טן סעפּטעמבער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פעלז, אונטער וועלכן עס ליגן מאַכן קוואַלן. פון דידאָזיקע קוואַלן נעמט זיין התחלה דער באַרימטער טייך אינדוס. אַזוי ווי די טיבעטער באַגלייטער האָבן אונז דאָ נישט באַלעסטיקט, און די נאָמאַדן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט, האָבן אונז געגעבן פלייש און גערשטן, וויפיל נאָר מיר האָבן פאַרלאַנגט, האָב איך באַנוצט דידאָזיקע אומגעריכטע פרייהייט, כדי צו גיין נאָך פינף טעג קיין צפון-מזרח, דורכן מדבר-געביט, ביז די געצעלט-דערפער פון די יומבא-נאָמאַדן, וועלכע האָבן מיך אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינטלאַכקייט. זיי האָבן, קענטיק, גאָרנישט געוואוסט, אַז פאַר מיר איז פאַרבאָטן דאָס וואַנדערן דאָ.

פון דאָרט האָב איך ווידער זיך אַקער געטאָן צום מערב, קיין גאַרטאָק, וואו ס'איז געלעגן די רעזידענץ פוןביידע מערב-טיבעטער וויצע-מלכים און מיין קאַראַוואַן האָט מיך דאָרט אָפּגעוואַרט. אויפן ווייטערדיקן וועג בין איך נאָכאַמאָל אַריבערגעגאַנגען דעם אויבערשטן לויף פונם אינדוס און דעם טראַנסהימאַלאַי צום פיפטען מאָל.

דעם 26-טן סעפּטעמבער בין איך געקומען קיין גאַרטאָק. דאָרט האָב איך געפונען דעם קאַראַוואַן אין דער בעסטער אָרדנונג און האָב אויך אָנגעטראָפן מיין אַלטן פריינט, געלאַם ראַזול, וועלכער האָט מיר ביים אָפּפאָרן פון לעה אַזוי גוט געדינט. די גרעסטע פרייד האָט מיר אָבער פאַרשאַפט די פּאָסט, וואָס איז געקומען

פון זײַנע מײַן פּאַקעטן געלט, פּראָוויאַנט, ביכער און אינ-סטרומענטן. דידזיקן פּאָסט האָט מיר אַרויסגעשיקט דער וויצע-מלך פון אינדיע.

דערדאָזיקער גליקלעכער צושטאַנד האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, אַז איך האָב באַשלאָסן אינגאַנצן צו ענדערן מײַן אונטערנעמונגספּלאַן. און אָט האָב איך מיך אַנידער-געזעצט איבער דער מאַפּע פון טיבעט. דעם טראַנסהימאַלאַי בין איך שוין אַריבערגעגאַנגען אין פינף פונקטן און האָב שוין לפי-ערך באַקומען אַ בילד פונם גאַנצן באַרג און זײַן געשטאַלט. אָבער צווישן צוויי דורכגאַנגען, נעמלעך, צווישן אַנגדען-לאַ און טסעטי-לאַטשען-לאַ, איז נאָך געלעגן אַ שטח פון פינפהונדערט קילאָמע-טער, וועלכע די טיבעטער האָבן מיר נישט דערלויבט אַדורכצו-פאָרן. כ׳האָב, אַלזאָ, אַ ווײַסן פלעק אויף מײַן מאַפּע פון טיבעט, און אָט דער פלעק האָט מיך נישט געלאָזט צורו. אָבער ביידע גאַטראַקער וויצע-מלכים האָבן גאָרנישט געוואָלט הערן פון אַ נײַער עקסקורסיע קיין טיבעט.

—קיין איינציקן טריט רעכטס אָדער לינקס פון גרויסן וועג קיין לאַדאַק!—האָבן זיי מיר דערקלערט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.—אויב איר וועט גיין אויף פאַרבאָרגענע וועגן, וועלן מיר שיקן הינטער אײַך באַוואָפנטע לײַט און זיי וועלן אײַך צווינגען צו גיין צוריק קיין לאַדאַק.

עקשנות איז אַ גוטער ביסן, און אויב די הערן פון טיבעט ווײַזן אַרויס עקשנות, בין איך נאָך אַ גרעסערער עקשן. כ׳האָב דערי-בער זיך געזאָגט אַזוי: זייער שיין! איך צי מיך מיט מײַן קאַ-ראַוואַן קיין לאַדאַק, אָבער סוף-כל-סוף וועל איך דאָך אײַך פאָרט אָפּנאַרן! אין לאַדאַק וועל איך מיר צוגרייטן אַ נײַעם קאַראַוואַן און וועל ווידער, ווי פאַראַיאָרן, אַרײַנדרינגען דורכן צפון קיין טיבעט, כאָטש דער ווינטער שטייט שוין פאַר דער טיר!

געטראַכט און געטאָן. קודם כל האָב איך פאַנאַנדערגעלאָזט מײַ-נע לײַט, ווײַל אויב איך וועל גיין דורך די געגנטן, וואו איך בין שוין געווען, וועט מען זיי דאָרט לײַכט דערקענען. און אָט וועל איך זיך אַלײַן פאַררעטן. מיך אַלײַן וועט מען אָבער ניש

דערקענען, דערפֿאַר וועלן שוין זאָרגן מיינע נייע מלבושים, וואָס איך וועל מיר אָנגרייטן.

דער איינציקער מאַן, וועלכן איך האָב פֿאַרטרויט מיין פּלאַן, איז געווען גולאַם ראַזול, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו באַקומען פֿאַר מיר אַ נייעם קאַראַוואַן-פירער און די נויטיקע מענטשן. אויסערדעם, האָט ער זיך אונטערגענומען צו קויפֿן טופּצען גוטע פֿערד, אַ זאַפּאַס פֿון גערשטן, רייז, טשאַמבאַ, טיי, צוקער, סטעאַרין-ליכט און בכלל אַלץ, וואָס איז נויטיק פֿאַר דער עקספּעדיציע. צוואַנציק מוילאייזלען האָב איך אַליין איינגעקויפֿט אין גאַרטאָק און פֿינף מוילאייזלען זיינען מיר איבערגעבליבן נאָך פֿון דער לעצטער נסיעה. אין דרוגוב האָב איך געדאַרפֿט סוף נאָוועמבער געפֿינען מיין נייעם קאַראַוואַן גרייט צו דער נסיעה

דער טאָג פון דער ערשטער פּראָבע.

גולאַם ראַזול האָט זיין אויפגאַבע אויסגעצייכנט אויסגעפירט. אין דרוגוב האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ נייער קאַראַוואַן-פירער, אַבדול קערים, אַן עלטערער מאַן מיט אַ צעקנייטשטן פּנים, מיט אַ גרויסער באָרד, אין אַ גרויסן געלן פעלץ. דער קאַראַוואַן איז באַשטאַנען פון עלף פאַרשוין: קוטוס, גולאַם, זוען, אַבדול, ראַזאַק, זעדיק, לאָבזאַנג, קונטשוק, גאַפּיר, אַבדולאַ און סאַנאַם קונטשוק. די אַלע זיינען געווען פריער ביי גולאַם ראַזול אין דינסט און האָבן געהאַט אַ געוויסע געניטקייט אין וועג. פיר פון זיי זיינען אַפילו דערגאַנגען ביז שיגאַטסע און להאַסאַ. אַכט פון זיי זיינען געווען מאַכמעדאַנער, דריי לאַמאַאיטן, אַלע פון לאַדאַק, חוץ לאַבזאַנג, וועלכער איז געווען אַ טיבעטער פון גאַרטאָק. דאָס איז מיר אַפילו פאָרגעקומען פאַרדעכטיק, ווייל כ'האָב זיך געשראָקן, אַז ער וועט מיך פאַרראַטן ביי זיינע לאַנדסלייט. אָבער איך האָב שטאַרק געהאַלטן פון די טיבעטער אין אַזאַ מין נסיעה, און ווייל דערדאָזיקער מאַן האָט געמאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּראָבע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען דער בעסטער פון דער גאַנצער חברותא און איינער פון די בעסטע דינער, וועלכע איך האָב נאָר אַמאָל געהאַט.

וועגן מיין נסיעה-פּלאַן האָט קיינער פון די לייט קיין שום באַגריף נישט געהאַט. איך האָב בכיון פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך האָב געוואָלט פאָרן קיין כאָטאַם, אין מזרח-טורקעסטאַן, ווייל די

טיבעטער האָבן אין דרוגוב געהאַט שפּיאָנען, און ווען ס׳וואָלט זיך נאָר אַרויסגעוויזן דער קלענסטער חשד, אַז איך וויל מאַכן אַ נייע נסיעה אין טיבעט, וואָלט מען תּיכּף געשיקט שליחים מיוחדים קיין להאַסאַ און מען וואָלט מיר אומעטום פאַשטעלט דעם וועג.

אַ נסיעה קיין כאָטאַן דויערט נאָר פיר וואָכן. איך האָב דעריבער דערקלערט מיין קאַראַוואַן-אָנפירער, אַבדול קערים, אַז איך וועל מיך אָפּקערן אָן דער זייט, און דעריבער דאַרף ער אָנגרייטן פּראָוויאַנט פאַר די מענטשן און בהמות אויף דריטאַלבן חדשים. ווי לייכטזיניק עס איז געווען פון מיין זייט צו פאַרלאָזן זיך אין אַזאַ זאַך אויף אַבדול-קערימען, האָב איך באַלד איינגעזען.

מיין נייער קאַראַוואַן איז באַשטאַנען פון איינאונצוואַנציק מויל-איזלען און ניינצען פערד. צוויי פערד זיינען מיר נאָך איבערגעבליבן פון דער לעצטער נסיעה. איך האָב געהאַט דריי נייע געצעלטן: צוויי פאַר די מענטשן און איין קליינער פאַר מיר, ווייל וואָס קלענער עס איז געווען, אַלץ בעסער האָט עס געקאָנט דערהאַלטן די וואַרימקייט. אין מיין געצעלט האָב איך געהאַט אָרט נאָר פאַר צוויי קאַסטנס און אַ בעט פון פירקאַנטיקן ציגן-פעל, אויף איין העלפט פונם פעל בין איך געלעגן, און מיט דער צווייטער העלפט האָב איך מיך צוגעדעקט מיטן ווייכן וואָל פון אונטן. אויסערדעם, האָב איך נאָך געהאַט אַ קאָלדרע און אַ גוטן פעלץ פון להאַסאַ. אין די צוויי קאַסטנס האָב איך פאַרפּאַקט מיינע נייע ביכער צום לייענען און אין צווייטן—מלבושים, אין וועלכע איך זאָל מיך קאָנען איבערטאָן אַזוי, אַז מען זאָל מיך נישט דערקענען, ווען עס וועט נויטיק זיין.

דעם 4-טן דעצעמבער זיינען מיר אַרויסגעטראָטן אין וועג, און דער ערשטער טאָג פון דער נסיעה האָט געדאַרפט זיין אַ שאַרפער פּראָבע-טאָג פאַר מיינע נייע לייט.

סך הכל צען קילאָמעטער זיינען מיר אָפּגעפאָרן ביזן ערשטן נאַכטלעגער, דעם דאָרף שעיאָק, און פונדעסטוועגן האָט די נסיעה געדויערט גאַנצע אַכט שעה, דורך אַן איינגן אומבאַקאַנטן טאָל

צווישן פעלזן פליסט קיין צפון דער טייך דרוגוב און ער פאַריי-ניקט זיך מיטן גרויסן טייך שעיאָק, וועלכער פליסט אַרויס פון דער געגנט פון קאַראַקאָרום-דורכגאַנג. ער איז אויך איינער פון די גרעסטע קיואַל-טייכן, וועלכער נערט דעם טייך אינדוס מיט וואַסער. זומער איז דער וועג איבערן טייך דרוגוב נישט גע-פעולאַך, כאָטש זיין גרונט איז פאַרזייט מיט גראַניט-שטיינער. ווינטער אָבער, ווען דער טייך ווערט אין פיל ערטער פאַרפ־אָרן און דער טאָל ווערט פאַרשטאָפּט מיט אייז-קריעס, איז דער וועג שוין גאָר אַן אַנדערער. די שווערע פעק האָבן מיינע לייט גע-מוזט אַריבערטראָגן אויף זיך, דידאָזיקע אַרבעט האָט זיך אָנגע-הויבן אינדערפרי. פאַר אונזערע בערציק משא-בהמות איז שוין דאָס געווען אַ היבש שטיקל אַרבעט.

זעקס מאָל האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין דעם טייך! ביים ערשטן מאָל איז ער געווען געפראָרן נאָך פון דער נאַכט. אמת, דאָס אייז האָט געפלאַצט אונטער די פיס פון די פערד, אָבער מיר זיינען טרוקן אַריבער. ביים צווייטן מאָל האָט זיך שוין געזען וואַסער צווישן די פעסטע שטיקער אייז. אָבער אויך דאָסמאָל זיינען מיר לייכט אַדורכגעקומען. ביים דריטן מאָל האָבן מיר דערשפּירט דעם טעם פון דעם, וואָס דאַרף ערשט קומען. די פערד האָבן געמוזט פון אַ שאַרף אָפּגעשניטענעם אייז-קאַנט אַריינ־שפּרינגען אין וואַסער אַריין, וואָס איז געווען אַ פּאָר מעטער טיף, און דאַן האָבן זיי געמוזט זיך אַרויפכאַפּן אויפן משופּעדיקן ברעג. דאָס אייז איז שוין טיילווייז אויך געווען פאַרפּלייצט מיט וואַסער און מיר האָבן עס נישט געקאָנט באַשיטן מיט זאַמד, עס זאָל זיין לייכטער צו גיין איבער אים. דערצו איז נאָך פאַר די פערד פאַרגעשטאַנען די געפאַר אַוועקגעשלעפּט צו ווערן מיטן שטראָם און אַרונטערצופאַלן אונטערן אייז. אָבער סוף־כל־סוף איז אויך דאָסמאָל אונז געלונגען טרוקן אַדורכצוקומען.

דער טאָל איז געוואָרן אַ גאַנץ שמאָלער און לסוף איז ער גע-וואָרן אַן איינגער דורכגאַנג צווישן די פעלזן. אויפן רעכטן ברעג האָט זיך אונז געשטעלט אין וועג כמעט אַ שטייעדיקע, גלאַטע, פעלזנוואַנט, וועלכע איז אונטן געשטאַנען אין וואַסער.

די מענטשן האָבן, שפּרינגענדיק פון איין שטיין אויפן אַנדערן און באַלאַנסירנדיק, נאָך ווי-עס-איז געקאָנט זיך אַרויפדראַפּען אויפן ברעג, די פערד אָבער האָבן געמוזט צוויי מאָל פאַסירן דעם טייך, כדי צו קאָנען אַרומגיין די פעלזנוואַנט. צוליב דעם, וואָס דער שמאָלער טאָל איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אייז, האָט זיך פונם אָנגעלאָפּענעם וואַסער אויפגעהויבן אַ גאַנצע אָזיערע און אויפן לינקן ברעג זיינען געשטאַנען גרויסע אייז-קריעס.
דער הויכגעוויקסיקער, שוואַרצבאָרדיקער זוען האָט געמאַכט די ערשטע פּראָבע אַריבערצוגיין דעם שטראָם אויף אַ גרויסן נישט באַזאָטלטן פערד, וואָס האָט פאַרן וואַסער געציטערט סכנות-נפשות. זוען האָט דאָס פערד געצוואונגען אַריינצושפּרינגען אין וואַסער און די אייזיקע כוואַליע האָט דערגרייכט דעם פערד ביזן בויך. אין דערמיט פון דער אָזיערע האָט דאָס פערד פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס און האָט אָנגעהויבן צו שווימען. זוען האָט זיך געוואָרפן אין רעכטן שטראָם און איז צוגעשוואומען צום אייז, וואו ס'איז אים געלונגען זיך אַרויפצעקריגן אויפן ברעג. אַ קעלט איז מיר אַריבער דורכן רוקן, ווען איך האָב דער-זען, ווי ער שטייט און קלאַפּט אַ צאָן אויף אַ צאָן פון קעלט. און דאָס אייז-וואַסער פלייצט פון אים שטראָמענווייז.
מיר חברים האָבן געפּרובט אַריבערגיין עטוואָס העכער און זיינען אַדורכגעגאַנגען ביזן האַלז אין וואַסער. דאַן האָט מען די פערד מיטאַמאָל אַריינגעטריבן אין וואַסער. אַלע זיינען אָבער גליקלאַך אַריבערגעקומען אויפן צווייטן ברעג, נאָר איין פילאָזאָפיש מויל-אייזל איז געבליבן שטיין פאַרעקשנט ביים ברעג אייז און האָט געמאַכט דעם שפּרונג ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט אים אָן רחמנות באָמבאַרדירט מיט שטיינער. דאָס אייזל האָט זיך אָבער צובראָכן דערוויל אונטער זיינע פיס און אָט איז ער געבליבן ליגן פאַרעקשנט אין וואַסער, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט זיך גע-קליבן דאָרט איינצופרירן. דאַן האָט מען אים מיט שטריק אַרויפ-געשלעפּט אויפן אייז, וואו מען האָט אים נאָך געמוזט שלעפּן אַ מהלך ווייט, ביז ער האָט דערשפּירט אונטער זיך די ערד און האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. דער אייזל האָט בלויז

זיך אַליין פאַרשאַפט שאָדן דורך זיין פוילקייט.

אויף יענער זייט פונם פעלז האָבן די בהמות מיט די פינף פּי־רער געמוזט ווידעראַמאָל אַריבערקומען אויף אונזער ברעג, נאָך איידער זיי האָבן זיך דערוואַרימט. דאַסמאָל האָט דאָס וואַסער דערגרייכט די פערד ביזן וואָרצל פון וויידל און זיי זיינען אַדורכ־געקומען בשלום.

אויפן צווייטן ברעג האָבן מיר דערוויייל פאַרלייגט אַ גרויס פייער און אונזערע לייט האָבן זיך געקאָנט דערוואַרימען און אויסטרי־קענען די מלבושים. די בהמות זיינען געשטאַנען האַרט איינער ביים צווייטן, און געציטערט מיטן גאַנצן לייב. דאָס וואַסער איז זיי געראונען פון די גריוועס און ווידלאַך און איז געפרעָרן גע־וואָרן אין ליכטלאַך, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אַרום זיי מיט גרויס קלאַפעריי.

ביים זעקסטן דורכגאַנג איז קיין אייז שוין גאָרנישט געווען. מיינע לייט האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט און זיי האָבן אַריבער־געטראָגן די פּעק, זיך שטיצנדיק אויף שטעקנס און באַלאַנסירנ־דיק, זיינען זיי געגאַנגען איבער די גלאַטע שטיינער פון טייך. דאָס וואַסער האָט זיי דערגרייכט ביז דער ברוסט. איינער פון זיי האָט באַקומען אַ קראַמף אין מיטן טייך: די חברים האָבן אים אַריבערגעטראָגן אויפן ברעג. איך בין געריטן אויף מיין פערד און כ'האָב געמוזט אויפהויבן די פיס ביזן זאָטל, כדי נישט צו האַלטן זיי אין וואַסער, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן און איך האָב געהאַט אַ קאַלטע פוס־וואַנע. ווידער האָט מען פאַרלייגט אַ פייער ביי וועלכן מיר האָבן זיך געוואַרימט און גע־טריקנט. צולעצט האָבן מיר שפּעט אין דער נאַכט דערגרייכט דאָס דאָרף שעיאָק, וואו ס'האָבן געברענט אַ סך פייערן אויף איי־נעם פון די בערג און מיר האָבן זיך געקאָנט דערוואַרימען.

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג אויף מיין נייער טיבעט־נסיעה, און שוין דעם צווייטן טאָג האָבן מיר געמוזט זיך גוט אויסרוען. אָבער מיינע נייע באַגלייטער האָבן גלענצנדיק אויס־

געהאַלטן די ערשטע פּראָבע און איך האָב שוין מער קיין ספק נישט געהאַט, אַז זיי קאָנען אויסהאַלטן אַלע שוועריקייטן אין אַזאַ נסיעה. אין אָוונט האָבן מיר געהאַט מוזיק פון פלייטן און פייקלאַך און דער עולם האָט געטאנצט. שעיאָק איז געווען דאָס לעצטע דאָרף אויפן וועג צום באַרג-דורכגאַנג פון קאַראַקאָרום.

אַן אומגליקלאַכע בשורה.

אין שעיאָק זיינען מיר געווען אויף אַ הויכקייט פון 3769 מעטער און ביינאַכט האָבן מיר געהאַט העכער ניין גראַד פראָסט. פון איצט אָן זיינען מיר געשטיגן אַלץ העכער, באַרג-אַרויף. עטלאַכע טעג שפּעטער האָט דער טערמאָמעטער באַוויזן שוין פיראונצוואַנציק גראַד פראָסט. פיל פון מיינע לייט האָבן שוין פארלאָרן דעם חשק צו זינגען: די טענער זיינען ביי זיי פאַרפראָרן געוואָרן אין האַלז. אין אָט דער קעלט האָט דאָס הינטל פופי אונז מכבד געווען מיט פיר ניי-געבוירענע הינטעלאַך. צוויי פון זיי האָט מען באַלד דערטרונקען, די איבעריקע צוויי האָבן מיר געוואָלט דערציען, און קוטשוק האָט זיי געטראָגן אין וועג אויפן נאַקעטן לייב. אָבער איינער פון זיי איז אויפן פערטן טאָג צוועקגעפאַלן...

ווען מיר, וואָלטן, לפּחות, זיך אַרויפגעכאַפּט, דורך די גראַניט-שטיינער פון טאָל שעיאָק אויף דער הויכקייט פון טשאַנג טאַנג! אָבער אַלע מזרח-טאָלן אַרום, וואו מיר האָבן געזוכט אַ דורכגאַנג, איז אייגנטלאַך נישט מעגלאַך געווען אַדורכצוגיין, און מיר האָבן געמוזט גיין ליינגאויס דעם טייך שעיאָק קיין צפון-מערב, וואו ס'ציט זיך דער אַלגעמיינער קאַראַוואַן-וועג. אויף וויפיל מען קאָן בכלל אָנרופן „וועג" דעם מדבר צווישן די פעלזן. פיל מאָל האָבן מיר באַגעגנט די קאַראַוואַנען פון כאָטאַם. מיר איז דאָס געווען זייער ליב, ווייל זייערע אָנפירער האָבן זיכער דערציילט אין שעיאָק און דרוגוב, אַז זיי האָבן אונז באַגעגנט אויפן וועג קיין כאָטאַם.

אַ גרויזאַמען איינדרוק האָט אָבער געמאַכט אויף מיר דאָס, וואָס מיר האָבן כסדר באַגעגנט שפּורן פון פאַראומגליקטע קאַראַוואַנען: טויטע פערד, פּעק סחורה, געניילטע זייד מיט אַ רויטן שטעמפּל פון אַ טורקעסטאַנער פירמע און ליידיקע פּאַקזאַטלען. אויף איין צוויי-שעהדיקן מאַרש האָב איך אָנגעציילט ביים וועג נישט ווייניקער, ווי דרייאונזעכציק טויטע פערד! ווי אַזוי האָט מען עס געפירט סחורה אויף אַזאַ הויכן קאַראַוואַן-וועג? אויב אָבער די פערד פון כאָטאַם זיינען געפאַלן אין וועג סך-הכל נאָך איין חודש גאַנג, טאָ וואָס וועט עס זיין מיט מיינע בהמות, וועלכע האָבן פיר חדשים צו גיין, איידער זיי וועלן געפינען גוטע פּאַשע?

מען וועט זיך דעריבער לייכט פאָרשטעלן מיין שרעק, ווען אין אָוונט פון דעמדאָזיקן טאָג איז מיין קאַראַוואַן-פירער אַריינגעקומען אין מיין געצעלט מיט דער מעלדונג:

—מיין האַר, מיר האָבן גערשטן בלויז אויף צען טעג. אַז מיר וועלן קומען קיין שאַהידולאַ, וועלן מיר קריגן אַלץ, וואָס מיר ברויכן.

—צען טעג? ביזט משוגע? פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געפאָלגט? כ׳האָב דאָך דיר געהייסן קויפן גערשטן אויף צען וואָכן?

—יאָ, מיין האַר, כ׳בין אומגערעכט געווען,—האָט דער אַלטער געענטפערט און האָט זיך צעוויינט.

—אין צען טעג אַרום וועלן, אַלזאָ, די פערד אָנהויבן איינפאַלן פון הונגער דורך דיין שולד. וואָס רעכנסטו צו טאָן?

—מיין האַר, לאָז מיך פאָרן קיין שאַהידולאַ. אין צוויי וואָכן אַרום בין איך דאָ צוריק.

—אין שאַהידולאַ געפינט זיך אַ כינעזישע גרענעץ-וואַך. כ׳בין גאָרנישט קיין בעלן אויסצעגעבן די כינעזער מיין פּאָר-פּלאַן.

איצט וואָלט איך געוואָלט תיכף פּטור ווערן פון אַזאַ מין קאַראַוואַן-פירער, אָבער וואו נעם איך אַ צווייטן אויף זיין אָרט? מען מוז, אַלזאָ, זען אויסצעבעסערן די אומגעלומפּערטקייט פון מיין קאַראַוואַן-פירער. צו לאָזן איינקויפן אַזוי פיל גערשטן, ווי איך

ברויך צו האָבן, איז אוממעגלאַך, ווייל דאָס וועט מוזן דערוועקן באַלד אַ חשד, און די טיבעטער שפּיאָנען וועלן תיכּף ומיד מעלדן, אַז איך מאַך ווידער אַ נסיעה קיין טיבעט. וואָס זשע טוט מען פאָרט? איך מעסט אויף דער מאַפּע מיטן צירקעל, צו דערגיין, ווי ווייט מיר זיינען פון אַ ישוב: ביזן לאַגער נומער אַכט, וואו מיר האָבן פאַראַיאָרן געפונען פּאַשע, האָבן מיר נאָך הונדערט-זעכציק קילאָמעטער. אַזאַ מהלך קאָנען מיר נאָך אַדורכגיין. פון דאָרט וועל איך אַפילו קאָנען גיין צו דער אָזיערע טאָנג-טסאָ, פונוואַנען מען קאָן זיך אַריבערכאַפּן דעם טראַנסהימאַלאַי, נעמלאַך, דאָרט, וואו ס׳געפינט אַ ווייסער פלעק אויף מיין מאַפּע. מיר וועלן אָבער אָנטרעפן נאָמאַדן נאָך פאַר דער אָזיערע. די פערד וועלן אַפילו ביז דאָרט נישט אויסהאַלטן און וועלן אַוועקפאַלן אין וועג, אָבער די מוילאייזלען גיט מען דאָך נישט קיין גערשטן און זיי קומען דורך אַליין מיט חיונה. אין ערגסטן פאַל שפּייזן זיי זיך מיט יאַק-מיסט. איך מוז זיך, אַלזאָ, פאַרלאָזן אויף זיי אַליין.

ביינאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן פרעסט ביז פינפאונדרייסיק גראַד. אַפילו צו מיטאָג-צייט האָבן מיר געהאַט איינאונצוואַנציק גראַד פראָסט. ווי אַ קאַראַוואַן פון לעבעדיקן אַלבאַסטער האָבן מיר זיך געצויגן דורך אַ לאַנדשאַפט, וואָס איז ענלאַך געווען צו פרישגעבראָכענעם מאַרמאָר. באַלד נעבן דעם לאַגער „283, וואו אַבדול קערים האָט מיר געבראַכט די גרויזאַמע בשורה, האָט פון מזרח-זייט זיך געענדיקט אַ נעבן-טאָל. מיר האָבן געהאָפט, אַז דער וועג וועט אונז פירן אַרויף צום פּלאַטאָ. נאָך אַ שווערן טאָג-מאַרש, אויף וועלכן מיר האָבן דאָס ערשטע פערד פאַרלאָרן, האָבן מיר געמוזט גיין צוריק צום קאַראַוואַן-וועג, וואו מען האָט געקאָנט זען פיל פערד, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם שטייענדיק, אָדער גייענדיק. די אויסגעטריקנטע שקעלעטן זיינען געווען האַרט, ווי האָלץ, און אַז מען האָט זיך צוגערירט צו זיי, האָבן זיי זיך געבּרעקלט.

אַזוי זיינען מיר געגאַנגען אַלץ העכער און העכער אין די בערג אַרויף. פון דרום האָט זיך דערטראָגן אַ שטורם, ענלאַך צו אַ

הוראַגאַן. אַ גליק, וואָס מיר האָבן דעם ווינט געהאַט אין רוקן, אַנדערש, וואָלטן מיר פֿאַרפֿראָרן געוואָרן. פֿון טאָל אַרויף האָט זיך געטראָגן אַ רויטער שטויב פֿון די רויטע זאַמד-שטיינער און האָט פֿאַרפֿאַרבט דעם שניי אויפֿן וועג מיט אַ רויטער פֿאַרב. דאָרט, וואו דער טאָל צווישן הויכע פֿעלזן האָט געבילדעט זייער אַ שמאָלן דורכגאַנג, האָבן מיר אים געמוזט פֿאַרברייטערן. אין אַזאַ „רויטן לאָך" האָבן מיר אויפֿגעשלאָגן אונזער לאַגער, און אַט אַזוי האָבן מיר זיך, לפּחות, באַשיצט געגן דעם שטורם-ווינט. די מוילאייזלען האָבן געקייט דאָס מיסט פֿון די פֿריערדיקע געסט אויף דעם אָרט...

הויך איבער אונזערע קעפּ האָט געבושעוועט דער שניי-שטורם און פֿאַרבלאָנדזשעטע שנייעלאַך האָבן אַרונטערגעטאַנצט אויך צו אונז. אין אָוונט איז געקומען אונזער פּאַסטוך טוגבעס,—ער איז געווען פֿון שעיאָק, און האָט זיך פֿאַרייניקט מיט אונז. אַזוי־אַרום איז אונזער קאַראַוואַן איצט באַשטאַנען פֿון דרייצען מאַן. שעפּסן האָבן מיר געהאַט נאָר צוועלף. די איבעריקע זיינען אויפֿן וועג פֿאַרפֿראָרן געוואָרן.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די רויטע פֿעלזן און דעם אייביקן שניי, און דאָס הוילן פֿון די הינט האָט זיך סומנע אָפּגערופֿן אין שמאָלן טאָל. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שיינעם געזאַנג פֿון אַ שטאַרקער שטימע, וואָס האָט פֿון צייט-צו-צייט זיך אַדורכגעריסן צו אונז. כ'האָב דייטלאַך געהערט די ווערטער: „אַלא עקבאַר!" (גאָט איז גרויס!).

—וואָס זינגט איר?—האָב איך אַ פֿרעג געטאָן גולאַמען.

—מיר בעטן אַלאַ, אַז ער זאָל אונז מאָרגן אָפּהיטן פֿון שניי-שטורם.

פֿון „רויטן לאָך" גייט דער וועג אַרויף צו די הויכקייטן פֿון דאַפּדאַנג. אַ קאַראַוואַן, וואָס ווערט דאָרט פֿאַרכאַפּט דורך אַ שניי-שטורם, מוז אומקומען.

דער טויט־מאַרש דורך טשאַנג־טאַנג.

דער 24-טער דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן מיט העלע שטראַלן. דער קאַראַוואַן האָט זיך גערוקט איבער דעם קנאַקעדיקן שניי צו די הויכקייטן פון דאַפּסאַנג אַרויף. דער דורכגאַנג האָט געהאַלטן 5428 מעטער די הויך, און פון דאָרט האָט מען אומעטום געזען שניי-באַדעקטע בערג,—נאָר אין צפון-מזרח איז דאָס לאַנד געווען אָפן און אַהין האָבן מיר געקאָנט גיין.

—מיר פאַרלאָזן איצט דעם קאַראַקאָרום-וועג און מיר גייען צום מזרח. איך רייט פאָרויס, גייט לויט מיינע שפּורן.

די לייט האָבן פּשוט געגאַפּט: איך ענדער, הייסט עס, מיין מאַרשרוט, אָבער זיי זיינען געגאַנגען נאָך מיר רוהיק און געדולדיק. זיי האָבן שוין פאַנטאַזירט פון גאָרטנס און ווייַנטרויבן אין כאָטאַם. און מיטאַמאָל האָב איך זיי פאָרגעלייגט אָנשטאָט דעם—גראַניט-שטיינער און די ווינטערפרעסט פון טשאַנג-טאַנג. דאָס לאַנד איז געווען באַדעקט מיט טיפן שניי. אין די נידריקערע ערטער האָט דער שניי געהאַלטן 1—2 מעטער די הויך, און דערדאָזיקער שניי האָט דעם רייזנדער מאוס אָפּגענאַרט: תחילת האָט ער אים געטראָגן נישט שלעכט, פלוצלונג אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבן ברעכן אונטער די פיס. אַזוי איז מיין פערד אַריינגעפאַלן און איך בין אַראָפּגעשליידערט געוואָרן איבער זיין קאָפּ אין שניי אַריין. מען מוז זיך נעמען אין אַ נייער ריכטונג! לאָבזאַנג און קוטוס האָבן איצט געמוזט גיין פאָרויס און מיט זייערע

שטעקנס מעסטן די שניי־כיפקייט, דערבײַ זײַנען זיי אָפּט געווען אין געפֿאַר דערשטיקט צו ווערן אין טרוקענעם, מעל־דינעם שניי. אין איין פרייען אָרט האָבן מיר אויפגעשלאָגן דאָס געצעלט. די בהמות האָט מען געבונדן און געגעבן זיי פֿאַשע.

און אָט האָבן מיר ווינטער־חגאות! אויף פיר קאַסטנס האָב איך אויסגעשטעלט די בילדער פֿון מײַנע על־ערן און שוועסטער. פֿאַר זיי האָב איך אָנגעצונדן צוויי ליכט. די לבנה האָט גע־וואָרפֿן העל ליכט אויף דער ווייסער לאַנדשאַפֿט. קיין ברען־מאַ־טעריאַל האָבן מיר נישט געהאַט: אין מײַן געצעלט איז דערי־בער געווען צוואַנציק גראַד פראָסט. איצט איז דאָס בעסטע אַרײַנצוקריכן אין בעט און חלומען דאָרט אין דער חגאות־נאַכט פֿון גוטע שיינע מאָמענטן.

דער פראָסט האַלט שוין איבער אַכטאונדרײַסיק גראַד. איין פערד איז אײַנגעפֿראָרן, ווי אַ שטיין, די איבעריקע פערד זײַנען גע־שטאַנען פֿאַרשלאָפֿן, מיט אַראָפּגעהאַנגענע קעפּ און מיט אייז־ליכטלאַך אונטערן מויל.

דער ערשטער טאָג פֿון חגאות האָט אונז געפֿירט אין אַ טאָל, וואו ס׳האָבן זיך געזען פֿאַרטריקנטע קרייטעכצער. אונזערע בהמות האָבן זיך געוואָרפֿן דערויף מיט גרויס אַפּעטיט. מיר האָבן גע־מאַכט פֿײַער, און דאָס פֿײַער האָט געברענט אַזוי הויך, ווי מיר האָבן עס שוין לאַנג נישט געהאַט. אויף דער צווייטער פֿײַער־טאָג איז גוט אַדורכגעגאַנגען. אין אָוונט האָב איך אַבדול קע־רימען אַרײַנגערופֿן אין מײַן געצעלט. כ׳האָב געזען, אַז ער איז פֿאַרוויינט, און דעריבער האָב איך אים באַהאַנדלט מילדער, ווי געוויינלאַך.

—וויפֿיל גערשטן האָבן מיר נאָך?

—צוויי זעק, מײַן האַר.

—וויפֿיל פּראָוויאַנט פֿאַר די מענטשן?

—טשאַמבאַ אויף דרײַ מאָנאַטן און רייז אויף צוויי.

—באַלד, ווי די גערשטן וועלן זיך ענדיקן, זאָל מען געבן די די בהמות טשאַמבאַ מיט רייז.

אין אָוונט האָב איך ווידער געהערט די טרויעריקע תּפילה צו אַלאַ.

נאָר איין לאָבזאַנג האָט אויפגענומען געלאַסן אונזער לאַגע און ער האָט זיך אונטערגעזונגען גאָר אַן אַנדער לידל, בשעת ער האָט באַזאָרגט די פערד און צוזאַמענגעשטעלט זיי וואָס נאָענטער איינס צום אַנדערן.

ווען מיר זיינען אַרויסגעטראָטן אין וועג אינם דריטן חגאות-טאָג, האָבן מיר אַלע געליטן שרעקלאַכן קאָפּ-ווייטאָג צוליב דער גע־וואַלטיקער הויכקייט פון 5378 מעטער. אַ שעה שפּעטער האָבן מיר דערזען נידעריקע ערטער, וואָס לויט זייער פאַרב האָט מען געקאָנט אָננעמען, אַז דאָס איז פאַרגעלטער גראָז. אָט דאָס הייסט אַ חגאות-מתנה! די בהמות האָבן מיט זייערע משאות זיך גיכף־ומיד אַלאָז געטאָן צו דידאָזיקע ערטער, און איך האָב מיט שמחה זיך צוגעקוקט, ווי זיי פרעסן געשמאַק. אָנשטאָט צו זינגען די טרויעריקע תפילות, האָט, זוען געטאַנצט אַרום פייער, וואָס מען האָט פאַרלייגט פון טרוקענעם מאָך.

דערווייל איז די געגנט נאָך אַלץ געווען גוט. דאָ און דאָרט האָבן מיר געפונען יאַק-מיסט. ווילדע שעפסן האָבן הויך איבער אונז געקלעטערט אויף די פעלזן. איין מוילאייזל אונזערער איז געפאַלן, אָבער די משאות זיינען איצט געוואָרן קלענער פון טאָג־צו-טאָג. מיינע זעקסטויזנט זילבעררופּיען האָב איך איינגעפאַקט אין זעק, כדי צו קאָנען פאַרנוצן די קאַסטנס, וואו זיי זיינען פריער געלעגן, אַלס ברענמאַטעריאַל.

אום ניי-יאָר 1908 האָבן מיר זיך דערזען פאַר אַ שיידוועג און מיר האָבן שלעכט אויסגעקליבן. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר אומזיסט געוואַנדערט, ווייל דער טאָל, וואָס האָט אונז געדאַרפט פירן קיין דרום אינדערנידער, איז געווען פאַרשפּאַרט דורך גלעטשערס. און אָט האָבן מיר דעם ערשטן טאָג פון יאָר געמוזט גיין צוריק!

דער צווייטער מאַרש האָט אונז געפירט דורך אַ לאַבירינט פון ווילדע בערג און איבער פיל שלעכטע דורכגאַנגען. די בהמות האָבן זיך נאָך געהאַלטן גוט. אין איין נאַכט זיינען אַלע זיך צולאָפן, כדי צו זוכן פאַשע און מיר האָבן אויף צומאָרגנס געמוזט לאַנג

בלייבן ליגן אויף אַן אָרט, ביז מען האָט זיי אויפגעזוכט און צוזאַמענגעבראַכט.
ווי לאַנג עס ציט זיך אַזאַ טאָג! די קעלט מאַכט אוממעגלאַך יעדע אַרבעט אויסערן געצעלט, און יעדע אָנגעשטריינגטע באַוועגונג אויף אַזאַ הויך, וואָס שטייגט אַריבער דעם מאָנבלאַן מיט פיל הונדערטער מעטער, איז מעגלאַך נאָר פאַר אַזעלכע לייט, ווי מיינע. אַלס איינוואוינער פון לאַדאַק, זיינען זיי געוויינט צו דער דינער און לייכטער לופט פון די הויכע בערג. און אָט זיץ איך אין דער עפענונג פון מיין געצעלט און קוק אַרויף צו די וויסטע בערג. איך מעסט אויף דער מאַפּע דעם וועג, וואָס מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען און דעם מהלך, וואָס בלייבט אונז נאָך איבער ביז צום טאָנג-טסאָ. גולאַם האַלט-אונטער מיין פייער און איז מיר מכבד מיט אויסגעצייכנטע שעפּסן-קאָטלעטן. דער הונט פּופּי מיט זיין קליין הינטעלע האַלטן שטענדיק זייער לאַגער אין מיין געצעלט. דאָס קליינע הינטל בילט שוין גאָר היבש, ווען די איבעריקע הינט הויבן אָן צו בילן, און צעוויינט זיך, ווען די מוטער פאַרלאָזט אים. אָפט וועקט מיך אינמיטן דער נאַכט זיין געוויין: ער האָט זיין מוטער פּלוצלונג פאַרלאָרן און קאָן זי נישט געפינען. נעם איך אים דאַן אונטער מיין פעלץ, שלוכצט ער און זיפצט פון דאַנקבאַרקייט און פאַרגעניגן. אין אַ געוויסן טאָג איז ער שוין אַליין אַריינגעקראָכן אין מיין פעלץ-בעט. פון דעם טאָג בין איך שוין רוהיקער וועגן זיין צוקונפט.
איצט לייג איך פאָר מיין גאַנצן פּאָר-פּלאַן פאַר אַבדול קעריס, גולאַם און קוטוס. איך וויל אַזוי ווייט אַריינקומען אין טיבעט, ביז מען וועט מיך אַרעסטירן. כ׳וויל אָבער, אַז דאָס זאָל פּאָרקומען וואָס שפּעטער. ס׳איז דעריבער נויטיק, אַז מען זאָל מיך נישט דערקענען. איך וויל זיך דעריבער פאַרקליידן, ווי אַן איינוואוינער פון לאַדאַק. אויף מיינע לייט האָט מיין פּלאַן אָנגעוואָרפן אַן אימה און זיי האָבן דערקלערט, אַז ער שמעקט מיט לעבנסגעפאַר. אָבער איך האָב זיי באַרוהיקט און געבעטן, זיי זאָלן נאָר זאָרגן פאַר אונזערע בהמות, דאַן וועט שוין אַלץ גוט זיין.

דעם 10-טן יאַנואַר זיינען מיר געקומען צום לאַגער נומער אַכט פון דער פאַבריקער נסיעה. דאָ האָט מען שוין פונדערווייטן געקאָנט זען דעם געלן פאַרב פון גראָז. די בהמות האָבן אָנגעהויבן צו גיין געשווינטער און די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו זינגען.

דאַן זיינען מיר מיט פאַרשידענער הצלחה געגאַנגען קיין דרום-מזרח. איין פערד איז אַוועקגעפאַלן ביים ברעג פון אַ טונקל-בלאָער זאַלץ-אָזיערע. איין שעפס איז אַוועקגעפאַלן און אַנדערע צוויי האָט מען געמוזט שעכטן. געבליבן זיינען נאָר נאָך דריי. דעם 14-טן יאַנואַר איז אַוועקגעפאַלן אַ מוילאייזל, און אין דער נאַכט האָט דער פראָסט דערגרייכט ביז פערציק גראַד, ווען דאָס קוועקזילבער פרירט שוין איין. גולאַם האָט יעדן אָוונט געמוזט קנעטן מיינע פיס, און דאָך זיינען זיי לאַנג געבליבן ווי פאַרגליווערט. איך האָב מיך שטאַרק געשראָקן, אַז איך קאָן פאַרלירן מיינע פיס.

לאַנגזאַם, ווי צו אַ לויה שלעפן מיר זיך ווייטער. ביים לאַגער דרייהונדערטזעקס האָט טוגבעס דערשאָסן אַ ווילדן שעפס און אַן אַנטילאָפּע. ווי נאָר מיינע לייט האָבן זיך אַנידערגעזעצט אַרום דעם גוט אָנגעפילטן פלייש-טאָפּ, איז די שטימונג ווידער געוואָרן אַ געהויבענע. אונזערע לעצטע שעפסן דאַרפן לעבן נאָך עטלאַכע טעג.

באַלד איז ביי אונז אַוועקגעפאַלן נאָך איין מוילאייזל. איצט האָבן מיר שוין פאַרלאָרן אַ פערטל-חלק פון אונזער קאַראַוואַן און אין לאַגער דרייהונדערטזעקס האָט זיך ווידער דערהערט דער טרויעריקער ניגון און די תפילה צו אַלאַ. דער שטורם-ווינט איז געווען אַזוי געוואַלטיק, אַז מיר האָבן קוים מיט צרות געקאָנט אויפשטעלן די געצעלטן. די אייזערנע שטאַבעס, מיט וועלכע זיי זיינען באַפעסטיקט, האָבן אַזוי איינגעפראָרן די הענט, אַז מען האָט זיי נישט געקאָנט עפענען. אויף צומאָרגנס האָבן מיר געפונען אַ טויט-פאַרפראָרן פערד און דעם לעצטן מוילאייזל פון קאַשמיר. איצט איז מיין הונט פופי געווען דער איינציקער, וועלכער האָט מיך באַגלייט פון דעם ערשטן נסיעה-טאָג.

דאָ האָבן מיר אַרום אַ פאַרפראָרענער אָזיערקע באַמערקט גוטע פאַ־
שע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איין טאָג, כדי צו פאַשען די
בהמות. ווידער איז איין מוילאייזל אַוועקגעפאַלן. דער שניי-שטורם
האָט געהאַלטן פיר טעג! דער הימל איז געווען באַדעקט מיט
בלאָ-שוואַרצע וואָלקנס. איך האָב מיינע פיס כמעט נישט געפילט
און דעם גאַנצן וועג האָב איך געטראַכט נאָר וועגן דעם, ווי כאַפּט
מען זיך שוין אַריין גיכער אין לאַגער, איידער דער פראָסט וועט
פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

איצט שטייט אונז אין וועג די אָזיערע אַרפּאָרט-טסאָ. ווי גייט
מען ווייטער: רעכטס אָדער לינקס? פון ביידע זייטן איז אונז
אויסגעקומען דורכצעמאַכן אַן אומזיסטן שטיק וועג. גלייך קעגן
אונז איז די אָזיערע געווען שמאָל, ווייל אַ פאַס יבשה האָט זיך
אַריינגעשניטן אין איר. לאָבזאַנג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס
אייז וועט קאָנען אויפהאַלטן דעם קאַראַוואַן און מיר האָבן זיך
דעריבער געלאָזט גיין איבער דער אָזיערע. דורכן טונקל-גרינעם
אייז האָט זיך געזען די טיפקייט פון וואַסער. ביים דרום-ברעג
האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן משופּעדיקע פעלזן. דער שטורם
האָט דאָ גלאַט אָפּגעקערט דאָס אייז, און די פערד מיט די
מוילאייזלען האָבן זיך אויסגעגליטשט. אייניקע פון זיי האָבן
בכלל נישט געוואָלט גיין איבערן גלאַטן אייז, האָט מען זיי גע-
מוזט אַריבערשלעפּן, ביז זיי האָבן אונטער זיך דערשפּירט די
ערד. איין פערד פון שיגאַטסע איז דאָ געבליבן ליגן. אַ ביסל
ווייטער צו מזרח האָבן מיר געפונען גראָז אויפן ברעג. דאָ זיי־
נען ווידער אַוועקגעפאַלן צוויי פערד און איין מוילאייזל. איצט
האָבן מיר שוין געהאַט אַרום און אַרום נאָר דרייאונצוואַנציק
בהמות. אויפן דרום-מזרח-ברעג האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין אַ
הויכן באַרג-דורכגאַנג — 5572 הויך, און אַז מיר זיינען אים אַרי-
בער בשלום, האָבן מיר געשאָכטן דעם לעצטן שעפּס. אַזוי אַרום
האָט זיך געענדיקט אונזער לעבעדיקער פּראָוויאַנט.

דער 29-ער יאַנואַר איז געווען אַ שווערער טאָג. דער שטורם האָט
קיין איינציקע מינוט נישט אָפּגעלאָזט. שטיל זיינען מיר געגאַנ-
גען דורכן שניי, וואָס האָט געהאַלטן ביי אַ פוס די טיף. צוויי

פערד זיינען אין וועג אַוועקגעפאַלן. די משא פון איין געפאַלע־נעם פערד האָט איבערגענומען אבדול קערימס פערד, און דער קאַראַוואַן-פירער האָט איצט געמוזט, ווי די איבעריקע, גיין צופוס. כ׳האָב געלאָזט אין שניי צוויי פון מיינע לייט: סאָנאַם קונ-טשוק און זוען. פון גרויס ערגערניש האָבן זיי נישט געקאָנט גיין ווייטער. ערשט אין אָוונט זיינען זיי האַלב טויט געקומען אין לאַגער אַריין.

טיף דערשלאָגן איז אַריינגעקומען אין מיין געצעלט אַבדול-קערים און האָט געפרעגט, אויב מיר וועלן אין צען טעג אַרום באַגע-גענען נאָמאַדן. אויב נישט—זיינען מיר פאַרפאַלענע. איך האָב אים גאָרנישט געקאָנט זאָגן, צו באַרוהיקן אים. מיר מוזן גיין ווייטער ביז דער לעצטער מוילאייזל וועט אַוועקפאַלן, דאַן וועט יעדערער מוזן טראָגן אויף זיך זיין אייגענעם פראָוויאַנט.

די גאַנצע נאַכט האָט געהוילט דער שטורמווינט און שניי איז אָנגעפאַלן אויף גאַנצע צוויי פוס די הויך. וואַרטן אויף אַ בעסער וועטער האָט נישט געהאַט קיין זין, ווייל מיר קאָנען דערוויי־לינגאַנצן פאַרשאָטן ווערן דורכן שניי. אויפן מאַרש מוזן מיר זיך האַלטן פעסט איינער נעבן דעם אַנדערן, וואָרום ווער עס וועט פאַרבלאָנדזשען, דער איז אַ פאַרפאַלענער. מיר גייען פאָרויס שרעקלאַך לאַנגזאַם. אָפט מוזן מיר זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין שניי מיט דער לאָפּאַטע אין האַנט, און דער וועג גייט נאָך באַרג-אַרויף. מען הערט קיין זאַך נישט, אויסער דעם שטורם. איין ברוין פערד האָט זיך מישב געווען און האָט זיך אויסגעצויגן אין ווייכן שניי: אַזוי איז ער אָפּגעשטאָרבן אין אַ ווייכן בעט. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר עס פאַרלאָרן פון די אויגן. ווען דאָס זאָל אַזוי גיין ווייטער נאָך אַ פּאָר טעג, דאַן איז דער קאַ-ראַוואַן פאַרלאָרן אָן רעטונג!

ענדלאַך האָבן מיר דערגרייכט דעם פלאַכן דורכגאַנג, וואָס האַלט 5568 מעטער. אויך אויף דער אַנדער זייט ליגט דער שניי אַ מעטער הויך און מיר פילן, ווי אונזערע כוחות ווערן פאַראַלי-זירט. אָבער אָפּשטעלן זיך אין שניי הייסט אַזוי גוט, ווי שטאַרבן פון פראָסט אָדער פון הונגער. דער פראָוויאַנט ענדיקט זיך, די

בהמות מוזן האָבן פּאַשע, אָבער, פּאָרויס, פּאָרויס!
אין טאָל זיינען איינציקע ערטער פריי פון שניי. אין איין אָרט זעט זיך אַרויס פון אונטערן שניי—גראָז. מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ און שלאָגן אויף אונזערע געצעלטן מיט די לעצטע כּוחות. אונזערע ביידע קראַנקע מענטשן זיינען געקומען מיט געשוואָלענע בלאָ-פיאָלעטע פּנימער.

דער שטורם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הוראַגאַן. מען זעט אַפילו נישט ביידע געצעלטן, וועלכע שטייען קעגן איינאַנדער און מען הערט אויך נישט דעם תּפילה-ניגון צו אַלאַ. סאַנאַם קונטשוק ליגט אין דרויסן אויף דער פרייער לופט, דען ער וויל שטאַרבן. איך האָב אים געהאָלפן מיט אַ היבשער פאַרציע כינין, אָבער אין אָוונט האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, צי האָב איך אים נישט געגעבן צופיל.

ווען מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין, איז איין מוילאייזל געבליבן ליגן. ער איז געשטאָרבן אינם מאָמענט, ווען ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, און איז געבליבן ליגן אויף די קני מיט דער נאָז איינגעגראָבן אין באָדן. אין דערדאָזיקער פּאָזע איז ער פאַרפראָרן געוואָרן.

מיר האָבן געוואַנדערט אויף גאָטס בעראָט אין שניי-שטורם. אָפּגעגאַנגען פינף קילאָמעטער, זיינען מיר געבליבן שטיין. מיר האָבן דאָ אונטערגעהאַלטן די בהמות מיט רייז און טשאַמבאַ, אויסגעליידיקט אַלע קאַסטנס, מען זאָל זיי קאָנען פאַרברענען. אַלץ, וואָס איז אונז געווען נישט שטאַרק נויטיק, האָבן מיר אַוועקגעוואָרפן. דעם רעשט האָבן מיר פאַרפּאַקט אין די ליידיקע זעק פון רייז. דער שטורם האָט אויך אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן, און מען האָט געהערט אין געצעלט, ווי דער שניי קלאַפּט אין די ווענט. אָבער הויפּטדורכגאַנגען האָבן מיר שוין געהאַט הינטער זיך, און דאָס איז געווען אַ גרויס גליק. ווען מיר וואָלטן געקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, וואָלטן מיר זיי איבערהויפּט נישט אַדורכגעגאַנגען. דער שניי האָט זיי איצט פּולקום פאַרשפּאַרט.—קיין צוריק איז שוין פאַר אונז נישטאָ מער!

האַדשי באַבאַ.

דעם 7-טן פעברואַר האָבן מיר, נאָך אַ קורצן מאַרש, געפונען אַ שיין פאַשע-פעלד און מיר האָבן אויפגעשלאָגן דאָרט אונזער לאַגער. די זון האָט געשיינט ליכטיק, קיין שטורם איז מער נישט געווען. ביי אַ פרעסטל פון צען גראַד האָט עס אונז אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן געהאַט פרילינג. די לעצטע פערצען בהמות האָבן זיך געוואַרימט אויף דער זון און מיין אַלט, לאַדאַקי-פערדל האָט זיך באַלד גענומען טשופן דאָס גראָז.

און אָט האָט עמיץ פלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

—דריי מענטשן גייען צו אונזער לאַגער!

איך האָב זיך באַלד געכאַפּט פאַר מיין טעלעסקאָפּ.

—ניין, דאָס זיינען נאָר דריי ווילדע יאַקן.

אָבער די זאַך איז געווען פאַר מיר אַן אזהרה: צייט איבערצוקליידן זיך און מאַכן מיין מעטאַמאָרפאָזע.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן אויף מענטשלאַכע שפורן. מיר האָבן געזען אַן אַנטילאָפּע, וועלכע איז, צו מיין פאַרוואונדערונג, נישט אַנטלאָפן פאַר אונז. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו איר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ נעץ, וואָס אַ יעגער האָט אַוועקגעשטעלט און קאָן זיך נישט באַפרייען, כאָטש זי שטריינגט אָן אַלע כוחות. אַלזאָ, דאָ גייען שוין אַרום טיבעטער יעגער, וועלכע זיינען גרויסע בריות אויסצושטעלן אַזעלכע נעצן. זייערע שפורן האָבן מיר אויך געפונען אין זאַמד.

די געפֿאַנגענע אַנטילאָפּע האָבן מיר געשאָכטן, און ווען מײַנע לײַט זײַנען זיך געלעגן אַרום דעם לאַגער-פֿײַער און האָבן גע־בראָטן דאָס זאַפֿטיקע און באַטעמטע פֿלייש פֿון דער אַנטילאָפּע, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט נעבן זיי, כּדי זיי צוצוגרייטן צו מײַן פּלאַן.

—אַז מיר וועלן אָפּנאַרן די טיבעטער,—האָב איך געזאָגט,—קאָן עס אונדז געלינגען אַדורכצוקומען דורך די געצעלטן פֿון די נאָ־מאַדן, און אַרײַנקומען אין פֿאַרבאָטענעם לאַנד, וואָס איך גאַר צו זען. איך מוז זיך דעריבער פֿאַרלאָזן אויף אײַער קלוגשאַפֿט און פֿאַרזיכטיקייט. די טיבעטער וועלן אײַך זיכער נעמען אויפֿן פֿאַרהער. ענטפֿערט שטענדיק אײַן זאַך: „מיר זײַנען אָנגעשטעל־טע בײַ גולאַם ראַזיל, אַ רײַכן סוחר פֿון לאַדאַק און מיר ווילן וויסן, וויפֿיל וואָל מען קאָן דאָ זומער אײַנקויפֿן בײַ די נאָמאַדן. אַבדול קערים איז אונדזער אָנפֿירער, מיר אַלע זײַנען זײַנע די־נער און איך בין דער קלענסטער צווישן אײַך. מײַן נאָמען וועט זײַן פֿון הײַנט אָן האַדשי באַבאַ. אין דער געגנוואַרט פֿון די טיבעטער זאָלט איר עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן און נישט רופֿן מיך „סאַהיב“, נאָר האַדשי באַבאַ, געדיינקט!

באַלד נאָכדעם האָב איך דערזען אין אַ טאָל דרײַ שוואַרצע ־ונקטן. תּחילת האָב איך זיי געהאַט אָנגענומען פֿאַר פֿעלזן, אָבער לאַנ־זאַנג האָט מיט זײַן שאַרפֿער ראיה דערקלערט, אַז איבער די פּונקטן זעט זיך אַ רויך. דאָס זײַנען, אַלזאָ, געווען געצעלטן. איך האָב דעריבער געשיקט דרײַ מענטשן, וועלכע זײַנען צוריקגעקו־מען אין עטלאַכע שעה אַרום און האָבן געבראַכט פּוטער, מילך און אַ שעפּס. אין די געצעלטן האָבן געוואוינט צוויי יעגער מיט זייערע פֿרויען און פֿינף קינדער. זיי האָבן געהאַט הונדערטפֿופֿ־ציק שעפּסן און פֿיר הינט, אָבער נישט קיין יאַקן, נישט קיין פֿערד און געלעבט האָבן זיי כּמעט נאָר פֿון יאַגד. אײַן געצעלט זייערס איז געווען פֿול געפּאַקט מיט פֿעל און פֿלייש פֿון אַנטי־לאָפּן. די אַנטילאָפּע, וואָס מיר האָבן געשאָכטן, האָט געהערט צו זיי, און מיר האָבן פֿאַר איר באַצאָלט.

אין די ווײַטערדיקע טעג האָבן מיר נאָך אַלץ נישט באַגעגנט

קיין נאָמאַדן, אָבער מיר האָבן געזען שפּורן פון דריי פוס-גייער. איצט איז שוין, אַלזאָ, געווען די העכסטע צייט זיך איבערצו-קליידן. פון דעם טאָג אָן האָב איך געטראָגן דיזעלבע מלבושים װי מיינע דינער. נאָר מיט מיין פּעלצענעם היטל האָב איך זיך נאָך נישט געשיידט. אין אַ נויט האָב איך עס געשווינט געקאָנט פאַרטוישן אויף אַ טערקישן טורבאַן. איין זאַך האָט מיך אָבער נאָך באַאומרוהיקט: איך בין געווען פיל ריינער, ווי מיינע לייט. גולאַם האָט דעריבער זיך גענומען פאַר דער אַרבעט מיך איינ-צושמוצן אין פּעטס און סאַדזשע און איך האָב אים דערין גע-האָלפן. אויסערדעם, האָב איך גענומען ביי מיינע לייט אַ לעקציע אין דער טיבעטער שפּראַך און האָב גוט איינגעחזרט, וואָס איך וועל האָבן צו ענטפערן אויף אַלע שאלות אין דער ראָלע פון האַדשי באַבאַ.

דער 14-טער פעברואַר איז געווען אַ שווערער טאָג. מיר האָבן ווידער געהאַט אַריבערצוגיין אַ דורכגאַנג אין די בערג. מיין פערדל איז זיך געלאָפן גאַנץ שנעל ביזן שפּיץ אַרויף, אַריבערגייענדיק דעם קאַראַוואַן. אויפן שפּיץ באַרג האָב איך אים אָפּגעוואַרט. ס'האָט זיך באַוויזן איין מולאַייזל נאָכן אַנדערן. איך האָב זיי געציילט — בלויז ניין שטיק. ענדלאַך איז געקומען אַ צענטער און פיר זיי-נען געפאַלן אויפן וועג, אַ ווײלע שפּעטער זיינען געקומען אַבדול מיט טוגבעס, אויסגעמאַטערט אונטער דער שווערער משא פון די געפאַלענע מולאַייזלען.

איצט האָט זיך דער וועג געצויגן אין טאָל. באַלד איז דער טאָל געוואָרן זייער שמאָל און איינגאַנצן פאַרשאָטן מיט שניי. דאָרט, וואו מיר האָבן נאָר יאַק-מאָך, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געגערט אונזערע בהמות מיט אַ געמיש פון צעריבענעם יאַק-מיסט, מיט מאָך, מעל און רייז. אין אָוונט זיינען אויך אונ-טערגעקומען די פאַרשפּעטיקטע חברים פון וועג. מיר האָבן שוין איצט געהאַט פון גאַנצן קאַראַוואַן נאָר עלף בהמות. דריי זיינען געפאַלן ביים לעצטן באַרג-דורכגאַנג. צווישן זיי איז אויך געווען מיין גוטער לאַדאַקי-פערד. ער איז אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ און איז תיכף אַוועקגעפאַלן. ער האָט אַלזאָ זיין קבר געפונען

אין שניי-שטורם און זומער-זון אויף א הויך פון 5655 מעטער.

איך האב צום לעצטן מאל אדורכגעקוקט מיין באלעבאטישקייט. כמעט אלע מיינע אייראפייאישע קליידער האב איך פארברענט. מיינע פעלצענע בעטן, ווערקצייג, האמערס, העק, א גרויסן טייל פון מיין אפטייק, טואלעט-זאכן, אפילו מיין גאלמעסער, אלץ, אלץ, האב איך געבראכט פאר א קרבן, אבי נאר זיי זאלן מיך נישט פארראטן. נאר א פאר שטיק זייף האב איך מיר איבערגעלאזט, כאטש דוקא דאס האב איך איצט געקאנט אמווייניקסטן געברויכן, ווייל האדשי באבא האט דאך געמוזט בלייבן אזוי שמוציק, ווי די איבעריקע חברים.

א באַזוך פֿון פרעמדע.

נאָך פיר שטורמטעג זיינען מיר געקומען צו דער אָזיערע לעמטשונג-טסאָ, וואָס אויף אירע ברעגן האָבן זיך אַרומגע־דרייט גרויסע טשערעדעס אַנטילאָפּן. דאָ האָבן מיר זיך אויסגע־רוט אַ טאָג, און נאָכאַמאָל האָב איך מיינע זאַכן אַדורכגענישטערט, אפשר געפינט זיך נאָך דאָרט עפּיס אַזוינס, וואָס קען דערוועקן אַ חשד, אַז איך בין אַן אייראָפּייער. ווידער האָב איך פיל זאַכן פאַרניכטעט אָדער דערטרונקען אין טייך אונטערן אייז.

מיר האָבן דאָ געהאַט גוטע פּאַשע און ברענמאַטעריאַל איז אויך געווען גענוג, דעריבער איז די שטימונג ביי מיינע לייט געווען גאָר אַ יום-טובדיקע. זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט אַרום פייער, כאָטש דער שטורם האָט נאָך אַלץ געבושעוועט אויבן אויף די בערג און האָט זיך אויך געשפּירט דאָ, אונטן, אין טאָל.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די אָזיערע און מאַרשירט ווייטער אין אָפּענעם לאַנד אַריין, האָבן מיר דערזען אוין דער פּאַשע צוויי דריי-יעריקע פערד, וועלכע האָבן זיך זייער פריינטלאַך באַגריסט מיט אונזערע פערד און מוילאייזלען. נאָכדעם ווי זיי האָבן אונז באַגלייט אַ שטיק וועג, זיינען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן. קיין גע־צעלטן און מענטשן האָבן מיר אין ערגעץ נישט געזען.

אין די ווייטערדיקע דריי טעג האָבן מיר געזען גריבער, וואו מען זוכט אין דער ערד גאָלד. איצט איז דערדאָזיקער שמאָלער טאָל געווען באַדעקט מיט גליטשיקן אייז, און מיר האָבן געמוזט לאַנג אַרבעטן, איידער מיר האָבן געקאָנט אַדורכקריכן מיט אונ־

זערע פערד און מוילאייזלען. מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויסרוען און טוגבעס האָט דאָ דערשאָסן זעקס האָזן, וועלכע האָבן אונז מהנה געווען מיט אַן אויסגעצייכנטן מיטאָג. בעת-מעשה האָבן די וועלף אַרומגערינגלט אונזערע געצעלטן, דער-שפּירנדיק דעם ריח פון געבראָטנס.

ווייטער האָבן מיר געזען גרויסע טשערעדעס פון ווילדע מויל-אייזלען. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז זיי האָבן זיך דאָ פאַר-זאַמלט אויף אַ גרויסן פאָלקס-מיטינג. די מוילאייזלען זיינען אַ נייגיריק פאָלק, און אָט זיינען זיי געקומען צו אונז, באַלד אָבער האָבן זיי, ווי אויף אַ קאָמאַנדע, זיך אַ קער געטאָן גאַלאָפּ צוריק אין אַ לאַנגער ליניע און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ וואָלקן שטויב, און מיר האָבן נאָר גע ערט דאָס קלאַפּן פון זייערע קאָפּיטעס איבער דעם געפראָרענעם באָדן. דאַן האָבן זיי פּלוצלונג ווידער זיך באַוויזן נעבן אונז, ציטערנדיק איבערן גאַנצן לייב, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן. און נאָכדעם זיינען זיי ווידער אַנטרונען געוואָרן.

אין דרום האָבן זיך באַוויזן צוויי געצעלטן. זיינען צוויי פון מיינע לייט אַוועק אַהין און געקומען צוריק מיט צוויי שעפּסן און אַ שטיק פּוטער. אויף דעם 29-טן פעברואַר זיינען מיר גע-גאַנגען פאַרביי געצעלטן. די דאָרטיקע איינוואוינער זיינען אַרויס-געקומען און האָבן אונז נייגיריק באַטראַכט. מיר האָבן זיך אָבער וועגן זיי גאָרנישט געקימערט. איך בין געגאַנגען צופוס ווי מיי-נע לייט, מיט אַ טערקישן טורבאַן אויפן קאָפּ.

אין אָוונט האָבן מיר באַגעגנט צוויי פּאַסטוכער מיט זייערע שעפּסן, און ווען מיר האָבן נעבן אַ קליינע אָזיערע אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ יינגל, וועלכער האָט גע-פירט זעקס יאַקן. ער האָט געטראָגן אַ ווייס פעלצנהיטל און איז געווען אָנגעטאָן אין גאָלע שמאַטעס. דער יינגל האָט געוואָלט פירן לאַבזאַנג און טוגבעס אין זיין געצעלט, אָבער ווען זיי זיי-נען צוגעקומען צו אים נענטער, זיינען פון געצעלט אַרויסגע-שפּרונגען צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זיי בייז געפרעגט, וואָס זיי ווילן, לאַבזאַנג האָט רוהיק געענטפערט, אַז זיי וואָלטן גע-

וואָלט קויפן עסנוואַרג.

—דאָ איז גאָרנישטאָ, וואָס צו קויפן!—האָט זיך אַן אַלטער מאַן גראָב צושריען.—וואָס זענט איר פאַר אַ מענטשן?

—מיר זיינען פון לאַדאַק. מיר דינען ביי אַ סוחר און איצט זיי-נען מיר אויפן וועג צו סאַקאַ דזאָנג.

—דו זאָגסט אַ ליגן!—האָט דער טיבעטער ווייטער געשריען.—מיטן דאָזיקן וועג פאָרן נישט קיין סוחרים, בפרט נאָך ווינטער. און אין טשאַנג טאַנג האַנדלט מען נישט.

—מיר האַנדלען גאָרנישט,—האָט לאַבזאַנג געענטפערט,—מיר ווילן נאָר וויסן, וויפיל שעפּסנוואָל מען וועט דאָ קאָנען איינקויפן דעם קומענדיקן זומער.

—שעפּסנוואָל אין אומבאַוואוינטע געגנטן!—האָט דער אַלטער אויס-גערופן מיט חוזק.—ס'איז דאָך אַן אומזין! איר דינט מסתם דאָ אַן אייראָפּייער, וועלכער האַלט זיך אויף פאַרבאָרגן אין אייער געצעלט. זאָגט נאָר דעם אמת, אַנישט וועט עס זיין שלעכט!

—קומט אין אונזערע געצעלטן און זוכט אַליין!

—אַ שיינעם דאַנק!—און דערמיט איז ער ווידער פאַרשוואונדן געוואָרן אין זיין געצעלט.

דאָס איז געווען אַ שלעכטע התחלה. ווען מען שפּירט שוין איצט אַן אייראָפּייער אין קאַראַוואַן, וועלן מיר געוויס גאָרנישט קאָ-נען גיין ווייטער און מען וועט אונז אומעטום אָפּשטעלן. אַלנ-פאַלס וועט עס זיין גלייכער זיך צו האַלטן וואָס ווייטער פון די נאָמאַדישע געצעלטן.

ווען לאַבזאַנג און אַברול קערים זיינען אויף צומאָרגנס געגאַנגען באַזוכן די טיבעטער נאָכאַמאָל, איז דער אַלטער שוין געווען געשטימט פריינטלאַכער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען זאָגבאַראַנג טסערינג טונדופ. זאָגבאַראַנג האָט געהייסן זיין וואוינ-אָרט. ער האָט אַפילו איינגעלאַדן אויך מיינע לייט צו זיך אין געצעלט אַריין, וואו ער האָט פאַר זיי אויסגעקאָכט אַ שעפּסן-זופּ. קיין טיי האָט ער נישט געהאַט.

שפּעטער האָט ער, אין דער באַגלייטונג פון נאָך אַ מענטשן, אויך

אונז באַוואַכט. איך בין דערווייל געבליבן אין מיין געצעלט. קיין יאָקן צו פאַרקויפן האָט ער נישט געהאַט, אָבער ער האָט אונז איבערגעלאָזט צוועלף שעפּסן פאַר אַכטאונדרייסיק רופּיען. דער שטורם האָט נאָך אַלץ געהאַלטן צוויי טעג לאַנג. מיינע לייט האָבן דעריבער געגייט זעק פאַר אונזער משא.

ווען מיר האָבן דערנאָך ווייטער געוואַנדערט און געקויפט ביי די נאָמאַדן נאָך פינף שעפּסן, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז עס-לאַכע טאָג גאַנג ווייטער געפינט זיך דער אָנפירער פון די גערטסע-נאָמאַדן, גערטסע פון, וועלכער האָט דאָרט אַ געצעלט-לאַגער. דאָס איז געוויס נישט קיין פריילאַכע בשורה! אַריינפאַלן איצט אין די הענט פון די אָנפירער, הייסט מאַכן אַ סוף צו מיין נסיעה. נאָך איידער איך בין איבערהויפּט געקומען צום ווייסן פלעק אויף דער מאַפּע פון טיבעט!

דעם 6-טן מערץ האָט דער שטורם נאָך אַלץ נישט נאָכגעלאָזט. מיינע לייט האָבן אַפילו נישט געקאָנט אויפשטעלן די געצעלטן און זעקס פון זיי האָב איך אַריינגענומען צו מיר אין געצעלט. דאָרט זיינען מיר געזעסן שעהנלאַנג אומבאַוועגלאַך, איינגעהילט אין אונזערע פעלצן, בשעת אין דרויסן האָט עס געהאָגלט אויף די ווענט פון געצעלט מיט זאַמד און קליינע שטיינער, וואָס דער מוראַדיקער ווינט האָט געטראָגן אין דער לופטן. מיינע אי-בעריקע לייט זיינען זיך פאַרקראָכן אונטערן לייוונט פון זייערע צעריסענע געצעלטן.

ווען מיר זיינען ווידער אַרויס אין וועג, בין איך מיט גולאַמען געריטן פאָרויס. יעדן שריט ווייטער האָט מען געמוזט אויסקעמפן ביים ווינט. פּלוצלונג איז גולאַם געבליבן שטיין און האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטיינערן הויז מיט אַ פּאָר קלענערע הייזלאַך, וועלכע האָבן זיך ווילעוויי אַרויסגעזען הינטער די שטויבוואָלקנס.

—לאָמיר גיין צוריק!—האָט ער אויסגערופן.

—ניין, ס'איז צו-שפּעט. מען האָט אונז זיכער שוין געזען. פאָרויס!

קיין הונט האָט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט אַנטקעגן, קיין מענטשלאַ-כע נשמה איז אויך נישט געווען צו זען. די הייזער זיינען גע-

ווען אומבאַוואוינט. אָבער ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט הינ־טער אַ שטיינערנע וואַנט, און ס'איז אויף איין סעקונדע קלאָרער געוואָרן אין דער לופטן, האָבן מיר אין דרום־מזרח דערזען אַן אומגעווייגלאַך גרויס געצעלט, באַפּעסטיקט מיט שטריק און מיט פּאָנעס אויפן שפּיץ. אין אַזאַ געצעלט האָט געקאָנט וואוינען נאָר אַ באַוואוסטער אָנפירער. צי איז עס אַמאָל נישט גערטסע פונס רעזידענץ?

איך האָב תיכף געשיקט אַהין אַבדול קערים און קונטשוק. קיין אָנפירער האָט דאָרט נישט געוואוינט, נאָר אַן איינזאַמער רופא, וועלכער האָט נישט בלויז קורירט דעם גוף פון נאָמאַד, נאָר ער האָט אויך געזאָרגט פאַר זיין נשמה: ער גיט אַ נאָמען די ניי־געבאָרענע און איז מתפלל פאַר די מתים אָדער ביי דער גסיסה. זיין געצעלט איז געווען אַ וואַנדער־טעמפּל מיט געטער־בילדער, אייל־לאָמפּן און שאָלן מיט קרבנות פון מעל, פּרוכטן און תבואה. דאָרט זיינען געווען אויך עולם־הזה־זאַכן: פולע זעק מיט גערשטן, רייז און טשאַמבאַ, און גרויסע פּעק מיט פּוטער. פּאַרקויפן דער־פון האָט ער אָבער אַליין נישט געטאָרט, דערצו האָט ער גע־מוזט האָבן אַ דערלויבניש פון אָנפירער גערטסע פון. ער האָט דעריבער געהייסן מיינע לייט, זיי זאָלן זיך ווענדן מיט דער אָנפראַגע צו דעם אָנפירערס שוואָגער, וועלכער האָט געוואוינט בשכנות. אויף צומאָרגנס האָבן מיר טאַקי באַקומען צו קויפן רייז, גערשטן, אַ זעקל טאַבאַק, פינף שעפּסן און צוויי ציגן. אין דער נאַכט האָבן מיר געהערט, ווי דער „רופא" פּויקט אין זיין געצעלט לכבוד זיינע געטער. דער אָנפירער גערטס פון האָט זיך נישט באַוויזן.

דער ראַיאָן, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, האָט געהייסן נאַגראַנג, און לעת־עתה האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו קלאָגן. נאָר איין שאָדן האָב איך דאָ געהאַט, וואָס האָט מיר זייער ביטער ווײ געטאָן. ביים לעצטן מוילאייזל, וועלכן מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן אין וועג, איז געבליבן מיין הונט פּופּי און ער האָט, משמעות, נישט געקאָנט געפונען אונזער שפּור. אַזוי־אַרום האָב איך אים פאַרלאָרן. דערדאָזיקער הונט האָט מיך

באַגלייט פון ערשטן טאָג אָן פון דער נסיעה אין טיבעט, איז געווען תּמיד מיין חבר אין געצעלט און איצט בלאָנדזשעט ער אַרום אינם דאָזיקן אייז-מדבר און זוכט מיך און רופט און קאָן מיך נישט געפינען. זיין שיקזאַל האָט מיר אַזוי ווי געטאָן, אַז איך האָב אַ געוויסע צייט געהאַט הינט-האַלוצינאַציעס: אומעטום האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע אים פאַרהונגערט, מיט אייז-ליכטלאַך אונטער די אויגן, הוילנדיק אין שטורם. אין אָוונט האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער זיינע שריט אַרום מיין געצעלט און איך האָב מיט גרויס בענקשאַפט געוואַרט אויף אים. וואַרטן אין וועג אויפן הונט, אָדער שיקן מענטשן אים אויפצעזוכן איז אָבער געווען אוממעגלאַך, ווייל דאָס לעבן פונם זוכער וואָלט גע-שטעלט געוואָרן אין סכּנה אין אַזאַ שטורם. האָב איך זיך גע-מוזט טרייסטן מיטן הונטס קינד...

און דאָך, קאָן זיין, איז פאַר מיר געווען אַ גליק, וואָס דער הונט איז פאַרשוואונדן געוואָרן. די טיבעטער האָבן זייער אַ שאַרפן תּביעת-עין פאַר חיות: אין אַ טשערעדע פון טויזנטער שעפּסן קענען זיי יעדער שעפּס באַזונדער, און ווען מיר וואָלטן זיך באַגעגנט מיט נאָמאַדן, וועלכע האָבן מיך פאַראַיאָרן געזען, וואָלטן זיי געוויס דערקענט מיין הונט און איך וואָלט פאַרראַטן געוואָרן. דער הונט איז מיר אַ שאָד, אָבער פאַרן ערפאָלג פון מיין נסיעה איז גלייכער, וואָס ער איז פאַרשוואונדן.

ביים טאָנג־ניסאָ.

דער 10-טער מערץ איז ווידער געווען אַ שווערער טאָג. מיטן באַגינען זיינען געקומען צו אונז צוויי טיבעטער און פאָרגעלייגט צו קויפן ביי זיי פיר שעפסן מיט אַ ציג. אַבדול קערים האָט געהאַט פון מיר אַ באַפעל צו קויפן וואָס מער שעפסן, און ער האָט דעריבער מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. די ציג אָבער איז באַלד אַנטלאָפן און מיר האָבן זי מער נישט געזען. די טיבעטער זיינען דאַן אַוועק אין געצעלט פון „רופא“ און האָבן געזאָגט, אַז ווען מיר וועלן זיך לאָזן גיין ווייטער אין וועג אַריין, וועלן זיי צוריקקומען. צי האָבן זיי אַמאָל נישט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי עס געפינט זיך נישט צווישן אונז אַן איראָפּייער? טוגבעס, קונטשוק און סאָנאַם האָבן דעריבער געשווינט צוזאַמענגענומען אונזערע איינאונדרייסיק שעפסן און איך האָב, אַלס פּאַס-וך, זיך געלאָזט גיין מיט זיי אין טאָל. די הענט און דאָס פּנים האָב איך מיר איינגעשמירט אין לייכטן טוש. די טיבעטער זיינען אַרויסגעקומען פון געצעלט, אָבער ווען זיי האָבן דערזען, ווי פיר פּאַסטוכער טרייבן שעפסן, זיינען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן אָן עפּיס אַ חשד.

אַ גליק, וואָס זיי האָבן אונז נישט בעסער באַטראַכט, ווייל איך האָב זייער שלעכט געפּאַסט צו דער ראָלע פון אַ פּאַסטוך און זיי וואָלטן מיך לייכט דערקענט. איך האָב, אמת, נאָכגעמאַכט מיט אַלע פּיטשעווקעס די באַוועגונגען פון די פּאַסטוכער: איך האָב געפייפט, געשריען, געאַרבעט מיט די אָרעמס, ווען אַ שעפּס

האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער טשערעדע. אָבער אויף די שעפּסן האָט דאָס געמאַכט אַ קנאַפּן איינדרוק, און זיי זיינען געגאַנגען, ווי זיי האָבן געוואָלט. אויסערדעם, האָט מיר דער ווינט גע־שלאָגן אין פּנים אַריין און נאָך איין שעה וואַנדערן בין איך שוין געווען זאַט מיטן דאָזיקן מין ספּאָרט. איך האָב געוואַרט צווישן די פעלזן אויף די איבעריקע לייט, און, ווען אַבדול קע־רים איז צוגעקומען, האָט ער מיר געמוזט אָפּטרעטן מיין פערד.

איך בין געריטן פאָרויס מיט גולאַם און טוגבעס. אַרום עלף אַ זייגער האָט זיך דער שטורם פאַרוואַנדלט אין אַ הוראַגאַן. אַלץ האָט זיך איינגעהילט אין שוואַרצע וואָלקנס, און מיין טרוקענער האַרטער פעלץ, וועלכער איז אָן אַן אויפהער געשמיסן געוואָרן דורכן זאַמד, איז עלעקטריזירט געוואָרן. איך האָב געשפּירט דעם איבערגאַנג פון דער עלעקטריע אויף מיין לייב, אַ שטייגער, ווי מען וואָלט מיך געשטאָכן מיט נאָדלען. באַזונדערס שטאַרק האָב איך דעם ווייטאָק געשפּירט אין די פיס, הענט און קני. אויך מיין פערד האָט יעדע מינוט אַ ציטער געטאָן. מיר האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט צווישן קליינע זאַמד־בערגלאַך און געמוזט שטענ־דיק וואַרטן איינער אויפן אַנדערן, ווייל מען האָט נישט געזען צוואַנציק מעטער ווייט פון זיך. איינמאָל האָבן מיר שוין געהאַט פאַרלאָרן אונזערע לייט און ס׳האָט געדויערט דריי שעה, איידער מיר האָבן זיי צוזאַמענגענומען.
נאָך אַ שווערן מאַרש פון צוויי טעג האָבן מיר ענדלאַך געהאַט אַ רואיקע נאַכט. ס׳איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און צומאָרגנס איז דאָס גאַנצע לאַנד געלעגן פאַר אונז בלענד־ווייס. אונזע־רע שפורן זיינען טיילווייז פאַרבלאָזן געוואָרן דורכן ווינט, טייל־ווייז באַדעקט געוואָרן דורכן שניי. אַזוי־אַרום איז פאַר אַ שפּיאָן אוממעגלאַך געווען נאָכצוגיין נאָך אונז.
דער ווייטערדיקער טאָג האָט אונז געבראַכט ענדלאַך צו די ברעגן פון טאַנג־טסאָ, וואוהין איך האָב שוין לאַנג געגאַרט צו קומען. אמת, דער וועג, וואָס מיר זיינען ביז איצט אַדורכגעגאַנ־גען, איז קיין אייראָפּייער נאָך נישט באַקאַנט געווען, אָבער ביי

אַט דער אַזיערע זיינען שוין געווען אַנדערע רייזנדער-פאָרשער. אין דער דרום-ריכטונג פון דער אַזיערע זיינען מיר אַריינגעקומען אין גאָר אַן אומבאַוואוסטן קאַנט, און דאָס ציל פון מיין נסיעה איז טאַקי געווען דערדאַזיקער קאַנט.

אין דרום האָבן זיך דערהויבן מיטלמעסיקע בערג און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין אַ טאָל צווישן זיי. מיר זיינען שוין געווען גאָר נישט ווייט פון זיי, בעת מיר האָבן פלוצלונג דערזען רעכטס פון וועג צוויי געצעלטן. איך האָב געשיקט אַהין אַבדול קערים, און מיר אַלע זיינען געבליבן שטיין צווישן די פעלזן. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער געקומען צוריק מיט אַן אומרויִקער ידיעה: די טיבעטער האָבן אונז נאָכגעקוקט און באַמערקט, ווי עמיצער איז געריטן בראש פון אונזער קאַראַוואַן, בעת אַבדול קערים מיט די איבעריקע לייט זיינען געגאַנגען צופוס. אַט דער „עמי-צער" איז מסתמא געווען אַן אייראָפּייער. דאַביי האָבן זיי זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף דער צאָל פון אונזערע ביקסן, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט וויסן, צי וועלן זיי קאָנען לייכט פאַרטיק ווערן מיט אונז. אַבדול קערים האָט זיי געענטפערט דיפּלאָמאַטיש, מיט אַ האַלבן מויל און נישט קוקנדיק אויף דעם חשד מיט די נאָכפרעגענישן, איז דאָך אים געלונגען צו קויפן ביי די טיבעטער צוויי יאַקן מיט זעקס שעפּסן. דער הויכער פּרייז, וואָס ער האָט געצאָלט, האָט גערירט די הערצער פון די טיבעטער. ווען די טיבעטער זאָלן אָבער אויפהויבן אַ טומל, וועט עס נעמען אַ סוף צו אונזער פרייהייט.

אָבער אַלץ איז זיך געבליבן רויִק, און, פאַרשטאַרקט דורך דער נייער קניה, האָבן מיר איבערגעלייגט אַ טייל פון אונזער משא אויף די יאַקן און זיך געלאָזט גיין שנעלער. איצט האָט דער וועג אונז געפירט צו דער גרעניץ פון דער פּראָווינץ באָנגבאַ, וואָס ביז אַהער האָט מען אפילו איר נאָמען נישט געהערט. ביי אַ זעקס טאָג גאַנג צום דרום וואוינט דער גובערנאַטאָר קאַרמאַ פונטסאָ. ווי אַזוי מיר וועלן זיך פון אים אויסדרייען, האָב איך קיין באַגריף נישט געהאַט.

אין דער נאַכט פון 15 מערץ האָבן מיר געהאַט אַ פראָסט פון

זיבנאונצוואַנציק גראַד. פון פרילינג האָט מען נאָך גאָרנישט געקאָנט באַמערקן און ווייל די געצעלטן פון די נאָמאַדן זיינען איצט געוואָרן אַלץ אָפטער, האָב איך דעם גאַנצן טאָג געמוזט גיין צופוס. כ׳האָב זיך געמוזט היטן, נישט אַריינפאַלן אין חשד ביי די טיבעטער, וועלכע האָבן אונז שטאַרק נאָכגעקוקט. ווי מיר זיינען נישט געווען פּאָרזיכטיק, האָבן מיר דאָך דערוועקט אַ חשד געגן זיך. טוגבעס האָט דערשאָסן עטלאַכע הינער און האָט דערמיט אויפגערעגט די טיבעטער. הינער—האָבן זיי גע-טענט—דערשיסן נאָר איירעאָפּייער. מיר קאָנען אַ ליאַדע מינוט אַרעסטירט ווערן.
מיר האָבן דעריבער געמוזט זיין צוגעגרייט דערצו. אין אָוונט, אַז מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער, האָבן מיר די גע-צעלטן אויסגעשטעלט זייער נאָנט פון איינאַנדער, כדי אַז איך זאָל קאָנען אַריבערקריכן פון איין געצעלט אין צווייטן, בשעת מען וועט אונז באַפאַלן. און טאַקי אויף צומאָרגנס מיטן באַגינען האָב איך געמוזט אויסנוצן דאָסדאָזיקע מיטל: דריי טיבעטער האָבן זיך עפּיס שטאַרק אינטערעסירט מיט אונזער לעבן אין לאַגער. בשעת מען האָט הענדום-פּענדום איינגעפּאַקט אַלץ אין מיין געצעלט, בין איך מיר בשתיקה אַריבערגעקראָכן אין אַ צווייט געצעלט און פון דאָרט אין אַ דריט און דאַן בין איך זיך גאַנץ רוהיק אַרויסגעגאַנגען, אַלס פּאַסטוך צוזאַמען מיט טוגבעס און לאָבזאַנג און האָב זיי געהאָלפן פירן די טשערעדע שעפּסן צום נאָנטן דורכגאַנג אין די בערג. נאָכדעם איז אונטערגעקומען אַבדול קערים און באַלד נאָך אים אויך די איבעריקע לייט. קיין איי-ראָפּייער האָבן, אַלזאָ, די טיבעטער נישט געזען און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער אין זייער וועג. צי וועט עס מיר אָבער אַלעמאָל אָפּגליקן,—איז אַ גרויסע פראַגע.

אונזער נייער וועג־חבר.

בשעת מיר האָבן זיך זאַלבעדריט געפּירט אונזערע שעפּסן, איז אַבדול קערים, אַלס אונזער אָנפירער, געקומען צורייטן, מעשה-פּריץ. ער האָט דערקלערט, אַז ס'וואָלט געווען זייער גוט, מיר זאָלן זיך אַוועקלאָזן מיט אַ זייטיקן וועג, ווייל אַנדערש וועלן מיר אַריינפאַלן צו דעם רייטער אין די הענט, וועלכער גייט פון באַרג אַרונטער מיט אַ גרויסן בייזן הונט. מיר האָבן געפאָלגט זיין עצה. אַבדול קערים אָבער מיט זיינע לייט האָט אָפּגעשטעלט דעם רייטער, און דער רעזולטאַט פון זייער געשפּרעך איז גע-ווען, אַז דער רייטער איז אַראָפּגעשמיגן פון פערד און האָט פאַרקויפט אונז זיין פערד מיטן הונט, אַוועקגייענדיק ווייטער מיטן ביסל זילבערגעלט.

זינט פּופּי איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט אונז געפעלט אַ הונט, צו היטן דאָס געצעלט ביינאַכט, ווי אויך נישט אַריינצולאָזן צו מיר צו-אָפטע פרעמדע באַזוכער. פאַר אָט דער אויפגאַבע האָט מען באַשטימט דעם ניי-געקויפטן הונט, וועלכן קונטשוק און זעדיק האָבן מיר צוגעפירט, האַלטנדיק אים אויף אַ שטריק איינער פון רעכטס, דער אַנדערער פון לינקס אַזוי, אַז ער זאָל קיינעם פון זיי נישט קאָנען איינבייסן. דער הונט האָט געהערט צו דער אַזוי גערופענער משפחה טאַקאַר. דאָס איז געווען אַ שוואַרצער, צעקודלטער שעפּסן-הונט, גרויס ווי אַ בערנאַרדינער און ווילד, ווי אַ וואָלף. ער האָט זיך ווילד געריסן אויפן שטריק, און האָט זיך געוואָרפן אויף לינקס און רעכטס צו זיינע פירער, און בעת

מעשה געבילט מיט שום אויפן מויל. אָבער אַז ער האָט ביי אונז
דערזען דאָס פערד פון זיין באַלעבאָס, איז ער אַ ביסל רוהיקער
געוואָרן. דער הונט מיטן פערד האָבן זיך שוין לאַנג גוט געקענט.

אויף יענער זייט באַרג-דורכגאַנג זיינען מיר אַריין אין אַ טאָל,
וואו עס זיינען געשטאַנען פיל געצעלטן און ס'האָבן זיך באַוויזן
עטלאַכע פאַרדעכטיקע רייטער. אַ גוטער שומר איז איצט זייער
נויטיק געווען. מיט אונזער טאַקאַר זיינען מיר אָבער גאָרנישט
געווען זיכער, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז ער וועט דורכבייסן
אַלע שטריק און וועט אַנטלויפן. נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויפ-
געשטעלט אין טאָל אונזער לאַגער, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצו-
הייגען אים אויפן האַלז אַ היבשן שטאַנג, כדי ער זאָל זיך
נישט קאָנען לייכט באַוועגן און אַנטלויפן. אָבער דאָס איז גע-
ווען אַן אויפגאַבע גאָרנישט קיין לייכטע, ווייל קיינער האָט זיך
נישט דערוועגט צוצוגיין נאָענט צו דעמדאָזיקן ווילדן הונט. מיר
האָבן אים געמוזט האַלטן פעסט מיט אַלע כוחות ביי די שטריק, אָנ-
לייגן פּעטליעס אויף זיינע פיס, נאָכדעם אומוואַרפן אים אויפן
רוקן און באַדעקן אים מיט אַ דיקער קאָלדרע. פיר פאַרשוין האָבן
זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאָלדרע און אַזויאַרום איינגעהאַלטן
די בעסטיע, און דאַן איז עס געלונגען די איבעריקע מענטשן
אָנצעבונדן דעם הונט אויפן האַלז דעם שטאַנג. ווי נאָר די פיר
חברהלייט זיינען אַראָפּ פון דער קאָלדרע, האָט די ווילדע בעס-
טיע אַ שפּרונג געטאָן און זיך געוואָרפן מיט שום אויפן מויל
צום נאָנטסטן מענטשן, אָבער דער שטאַנג האָט אים אָפּגעהאַלטן
און דער הונט האָט זיך נישט געקאָנט בייסן. אָט אַזוי האָט מען
דעם חברהמאַן געפּענטעט און איצט האָט מען שוין מיט אַ גע-
וויסער פאָרזיכטיקייט געקאָנט גיין אַרום אים.
אָבער אויך איצט איז נאָך געווען דאָס בעסטע, צו האַלטן זיך
וואָס ווייטער פונם הונט. ווי נאָר עמיצער פון אונז פלעגט אַרויס
פון געצעלט, פלעגט ער שוין אויסשטעלן זיינע ציין, גרייט איינ-
צובייסן. באַזונדערס שטאַרק האָט דער הונט פיינט געהאַט קונ-
טשוקן, וועלכער האָט אים געקויפט און געבראַכט צו אונז. נאָר

אונזער קליין הינטל פלעגט טאַקאַר צולאָזן צו זיך און דאָס הינטל האָט זיך דערוואויגן אַפילו צו שפּרינגען אים אין פּנים אַריין, קראַצן אים אונטער די אויערן און אַפילו זיך רייסן און בייסן מיט אים. קענטיק, אַז טיף אין זיין הינטישן האַרץ איז טאַקאַר געווען צופרידן, וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ חבר, מיט וועלכן מען קאָן שפּילן און בעת מעשה זאָל יענער נישט פאַרלירן דעם דרך-ארץ פאַר אים.

פלעגט נאָר דאָס הינטל אָנרירן דאָס שטיקל פלייש, וואָס מען האָט אים, טאַקאַרן, געגעבן, פלעגט טאַקאַר אַזוי בייז און ווילד בעמען מרוקען, אַז דאָס הינטל פלעגט זיך תיכף אָפּרוקן מיטן גרעסטן דרך ארץ, בעת מעשה פלעגט עס פאַרשפּיצן די אויערן, פאַרלייגן דעם קאָפּ אויף דער זייט און קוקן אַזוי האַרציק, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: וואָס זענט איר אַזוי בייז געוואָרן, אַדוני פּריץ, כ׳האָב דאָך בלויז געשפּאַסט!..

אָט אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט טאָג נאָך טאָג איבער באַרג און טאָלן און מיינע מעסטונגען און מאַפּעס זיינען אַלץ רייכער געוואָרן. דאָ און דאָרט פלעגן מיר קויפן טשאַמבאַ, מילך, פּוטער, קעז, אַמאָל אויך אַ שעפּס און מיר האָבן געלעבט אין געצעלטן, ווי עכטע נאָמאַדן. ביינאַכט האָט דער פראָסט שטענדיק געהאַלטן צוואַנציק גראַד. און פונדעסטוועגן האָט לאָבזאַנג דערקלערט, אַז אין געצעלט איז פאַר אים צו הייס. ער פלעגט בעסער נעכטיקן אין דרויסן און אָן אַ פּעלץ! זיין פּעלץ האָט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרקויפט זיינעם אַ חבר. נאָר אַ טיבעטער קאָן אויף אַזאַ שטייגער אויסהאַלטן קעלט!

אויף איין משופּעדיקע וואַנט פון אַ באַרג האָבן צוויי מולאייזלען נישט געקאָנט גיין אַזוי שנעל, ווי מיר. האָבן מיר זיי איבערגעלאָזט. אומקומען וועלן זיי נישט, זיי וועלן אָנזאַמלען אַ ביסל די כוחות און וועלן אַראָפּ אין טאָל, וואו זיי וועלן אַריינפאַלן אין הענט פון די נאָמאַדן, וועלכע האָבן נישט ווייט געהאַט זייערע געצעלטן.

אונזערע שעפּסן זיינען איצט באַשטאַנען בלויז פון צוויי־און־צוואַנציק שטיק, אָבער מיר האָבן געוואָלט קויפן נאָך שעפּסן, אָדער

בעסער פערד. אַזוי אַרום וועלן די שעפסן באַפרייט ווערן פון דער נויטווענדיקייט צו טראָגן משא. פערד האָט מען אָבער אין ערגעץ נישט געקאָנט באַקומען. אויך שעפסן איז זייער זעלטן מעגלאַך געווען צו קויפן, ווייל ביי די נאָמאַדן איז דער שעפס זיין איינציקע עשירות און זיי זיינען דעריבער נישט קיין בעלנים צו פאַרקויפן שעפסן אַפילו פאַר אַ טאָפּעלן פרייז.

מיר זיינען איצט געגאַנגען פאָרויס זייער לאַנגזאַם. זעלטן ווען ס'איז אונז געלונגען אַדורכצוגיין צען קילאָמעטער אַ טאָג. די מערדערישע שטורמווינטן און די שווערקייט פון באָדן פלעגן אונז שטאַרק שטערן אין אונזער מאַרש. צוליב דעם, וואָס מיר פלעגן כּמעט אויף שריט און טריט באַגעגענען נאָמאַדן, האָב איך כּסדר געמוזט גיין צופוס אַלס אָנטרייבער פון שעפסן. נאָר דאָרט, וואו מען האָט גאָר קיין געצעלטן נישט געזען, פלעג איך זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ פערד. אין אַזאַ פאַל פלעגט גולאַם גיין פאַרויס און פלעגט מיר געבן אַ צייכן, אויב ס'פלעגט זיך ווייזן עפּיס פערדעכטיקס אין וועג. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס ביי יעדן באַרגדורכגאַנג איז געשטאַנען אַ געצעלט, ווי אַ נעסט פון שפּיאָנען. איך האָב דעריבער געמוזט גיין שטענדיק באַרג-אַרויף צופוס. אין לאַגער בין איך כּמעט געווען ווי אַ געפאַנגענער און כ'האָב זיך אַפילו נישט געקאָנט דערוועגן אַרויסצושטעקן די נאָז אין דרויסן. דאָס פּנים און די הענט האָב איך יעדן פרימאָרגן געסמוזט גוט אַרומשוואַרצן. דערצו האָב איך געטראָגן גרויסע קיילעכדיקע טיבעטער שפּאַקולן, כּדי צו פאַרדעקן מיינע אייגענע שפּאַקולן, און וועלכע כ'האָב מיך נישט געקאָנט רירט פון אָרט. ביסלאַכוויז איז אויך מיין הלבשה געוואָרן גאָר אַ בעטלערישע, די מלבושים זיינען אויף מיר געהאַנגען, ווי שמאַטעס און ס'האָט מיך געעקלט פון זייער שמוץ. און כּדי די שמוץ זאָל נישט פאַרשווינדן, פלעג איך זיך קייקלען אינם אויסגעברענטן לאַגער-אַש און מיין הינטל פלעגט דערביי מיך צופּן ביי די קליידער אַזוי, אַז זיי זיינען אַלץ מער און מער צעריסן געוואָרן. מיינע ווייסע פעלצענע שטיוול זיינען שוין געווען אַזוי צעריסן, אַז די פינגער פון די פיס האָבן זיך אַרויסגעזען.—קורץ,

כ'האָב איצט געהאַט אַ פּנים פון אַן עכטן שלעפּער, און קיינער וואָלט מיך שוין נישט דערקענט.

און נאָך אַלעמען האָב איך זיך דאָך זיכער נישט געשפּירט, און טאָג-טעגלאַך איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן געוויסע אויפרעגונגען. איצט האָב איך מיך געפונען אין אַן אומבאַקאַנטן לאַנד און איך בין געווען שטאַרק געשפּאַנט צו וויסן, ווי לאַנג וועט מען אונז נאָך לאָזן צורו. אין יעדן אויגנבליק האָבן מיר געקאָנט אָפּגעשטעלט ווערן און אַזויאַרום וואָלט איך געהאַט פאַרלאָרן אומזיסט מיין גרויזאַמע מי און אָנשטריינגונגען.

ווי עס שיינט, האָבן מיר זיך אויסגעדרייט פונם גובערנאַטאָר קאַרמאַ פונטסאָ דאַדורך, וואָס מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן אין דער ריכטונג פון דרום-מזרח. אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין קורצן וועלן מיר זיך אָנשטויסן אויפן געצעלט פון אַ רייכן סוחר מיטן נאָמען טסאָנגפּון טאַשי, וועלכער האָט געהאַט באַקומען פון להאַסאַ גרויסע פּריווילעגיעס צו פאַרקויפן די נאָמאַדן טיי אויף קרעדיט, זומערצייט, ווען זיי פלעגן פאַרקויפן זייער וואָל, פלעגן זיי אים באַצאָלן דעם חוב דורך געלט אָדער סחורה. אַט דער מאַן האָט געוואוסט, אַז ער באַדאַרף זייער הויך שעצן די פריינטשאַפט פון להאַסער מושל, אָדער דעוואַשונג. ער האָט נאָך געקאָנט פאַרשטאַרקן די פריינטשאַפט, ווען אים זאָל געלינגען צו אַנטדעקן אַן אייראָפּייאישן רייזנדער און איבערגעבן אים אין די הענט פון דער רעגירונג. און פאַרקערט, ווען ער זאָל מיך אַדורכלאָזן, וואָלט מען אים אפשר באַשטראָפט: מען וואָלט אים צוגענומען זיינע פּריווילעגיעס. די באַגעגעניש מיט דעמדאָזיקן סוחר האָט מיך דערייבער שטאַרק באַזאָרגט.

אַ געפערלאַכער מסחר.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערנענט צו דער וואוינונג פון דעמדאָזיקן סוחר. איצט איז געקומען דער קריטישער מאָמענט.

אַבדול קערים איז געגאַנגען מיט צוויי פון מיינע לייט פאָרויס, כדי זיך צו זען מיט סאָנגפון טאַשי און אָפציען זיין אויפמערקזאַמקייט. מיר זיינען זיך געגאַנגען זייער רוהיק ווייטער, איך בין געגאַנגען הינטער די שעפסן און בעת מעשה געפייפט עפּיס אַ לידל. פון צוויי געצעלטן זיינען אַרויסגעקומען צוויי טיבעטער. מיינע לייט האָבן זיי פריינטלאַך באַגריסט. דאַן האָט זיך באַוויזן אַ גרויס געצעלט, מיט בלאָ-געפאַרבטע קאַנטן. דאָס איז געווען די וואוינונג פון דעם אָרטיקן סטאַראָסטע. פון אַלע געצעלטן זיינען אַרויסגעקומען מאַנסלייט און ווייבער און אַלע האָבן געפרעגט, פונוואַנען מיר קומען, וואוהין מיר גייען און וואָס מיר זיינען פאַר אַ מענטשן. ווייטער האָט זיך געזען נאָך אַ געצעלט, אין וועלכן ס׳האָט געוואוינט אַ באַוואוסטער לאַמאַ. מיר האָבן איצט געהאַט פון אַלע זייטן געצעלטן. אויסצומיידן זיי איז געווען אוממעגלאַך. כדי נישט צו ווייזן, אַז מיר באַדאַרפן זיך נישט פאַרבאָרגן, האָבן מיר אויפגעשטעלט אין רעכטן מיטן אונזערע געצעלטן, דוקא בשכנות מיטן געצעלט פון סטאַראָסטע און דעם אויבער-לאַמאַ. ס׳האָט געדאַרפט געשען פשוט עפּיס אַ וואונדער, אַז מיר זאָלן דאָ גליקלאַך אָפּשניידן!

עטלאַכע שעה שפּעטער איז געקומען אַבדול קערים. ער האָט גע-

טראָפּן אין דערהיים דעם סוחר טסאַנגפּון טאַשי און געקויפט בײ אים אַ פערד, רייז, גערשטן, טשאַמבאַ און פּוטער. אַ דאַנק די גוטע כּרייזן, וואָס ער האָט אים געצאָלט, האָט דער סוחר זין באַפרידיקט מיט אַבדול קערימס דערקלערונגען, אָנגעוויזן אים אַן אָרט, וואו צו לאַגערן אויפן ווייטערדיקן מאַרש און געוואָרנט אים פאַר יענע געגנטן, וואו ס׳דרייען זיך אַרום גזלנים-באַנדעס

ביז איצט איז אַלזאָ געגאַנגען אַלץ כּשורה. אומאַנגענעם איז נאָר געווען דאָס, וואָס אַבדול קערים האָט געהאַט צוגעזאָגט דעם סוחר צו באַצאָלן אים מיט איינעם פון אונזערע לאַדאַקי-פערד, וואָס האָט מער נישט געקאָנט ווייטער גיין, דערביי האָט ער אָבער גאָר פאַרגעסן, אַז אַבדולאַ האָט שוין געהאַט פריער אויסגעטוישט דאָס פערד ביי אַ טיבעטער בעטלער אויף צוויי שעפסן מיט איין ציג.

אויף צומאָרגנס איז אַ טיבעטער געקומען צו אונז אין לאַגער, און אַבדול קערים האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז טשאַנגפּון טאַשי. מיר האָבן תּיכּף באַהאַלטן אין אַ זאַק רייז מיינע נאָטיץ-ביכער און אינסטרומענטן. דעם הונט טאַקאַר האָט מען געשטעלט ביי מיין געצעלט און דעם גאַסט האָט מען איינגעלאַדן דערביי, צו אַבדול קערימען. איך האָב אַזויאַרום געהערט יעדעס וואָרט פונם שמועס, וואָס איז געפּירט געוואָרן מיטן טיבעטער סוחר.

—צי האָט איר מיר דען נישט צוגעזאָגט נעכטן צו געבן דאָס פערד פאַר פּוטער?—האָט דער טיבעטער געשריען אין ווילדן צאָרן.—שוין גיט אַהער דאָס פערד! ווען איר האַלט נישט קיין וואָרט, וועל איך אייך לאָזן אַרעסטירן, אייך מיט אייער גאַנצער קאָמפּאַניע. מענטשן, וואָס האַלטן נישט קיין וואָרט, לאָזן מיר דאָ נישט אַדורך. נעכטן האָב איך אייך געהאַלטן פאַר ערלאַכע לייט, הייַנט זע איך, וואָס פאַר אַ חבריאָ איר זענט.
און ער איז אַרויס פון געצעלט ווילד ווי אַ צערייצטע בין. גולאַם האָט תּיכּף אָפּגעלאָזט דעם הונט טאַקאַר און דער טיבעטער איז שנעל צוריק אַריין אין געצעלט. איצט האָט אַבדול קע-

רים אויסגערופן ברייט און גרויס, מעשה־פריץ:
—קוטס, נעם מיט זיך האַדשי באַבאַ און גיי זוך אויף דאָס פאַרלאָרענע פערד.
—וואָס פאַר אַ פערד?—האָט געפרעגט טשאַנגפון טאַשי.
—איינס פון אונזערע פערד איז דאָרט אין די בערג אַרויסגע־לאָפן.
—וואָס פאַר אַ פאַרב?—האָט טשאַנגפון טאַשי געפרעגט מיט אַן אומאָנגענעמען טאָן פון אַן אויספאָרשער.
—גראָ,—האָט אַבדול קערים געענטפערט, ווי צוטומלט.
—שיין!—האָט דערקלערט טשאַנגפון טאַשי.—איך וועל דאָ וואַרטן ביז זיי וועלן דאָס פערד אויפזוכן און ברייגנען עס אַהער.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און, נאָכדעם ווי מען האָט טאַקאַרן גע־בונדן, איז ער אַריין צו מיר אין געצעלט. קוטס איז צוגעלאָפן צו מיר פון דער אַנדער זייט, אָנגעכאַפּט מיך פאַרן קאָלנער און אויסגערופן:
—לײדיקגייער, וואָס שטייסטו? מאַרש אין די בערג אַריין נאָכן פערד!
מיר זיינען באַלד אַרויסגעלאָפן, אָבער אין טיר האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף טשאַנגפון טאַשי, וועלכער האָט פאַרוואונדערט אויסגערופן:
—וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש?
—האַדשי באַבאַ, מיינס אַ משרת,—האָט אַבדול קערים געענטפערט, בשעת איך בין פאַרסאָפּעט איבערגעלאָפן אין די בערג.
אַרויף אויף די בערג, האָב איך מיט קוטסן זיך באַהאַלטן צווישן די פעלזן, אין אַן אָרט, פון וואַנען מען קאָן גוט זען די גאַנצע געגנט. מיר האָבן געזען, ווי טשאַנגפון טאַשי איז שפּעטער אַריינ־געקומען אין געצעלט פונם לאַמאַ און איינער פון אונזערע מענטשן האָט אים געהאָלפן אָפּטראָגן די סחורות, וואָס מיר האָבן נעכטן ביי אים אָפּגעקויפט. דאַן האָט אַבדול קערים צוזאַמענגענומען אונזערע געצעלטן, באַלאָדן מיט משא די בהמות און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איצט בין איך מיט קוטסן אַרויס פון אונזער

באַהעלטעניש. אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט קומען צו אונזערע לייט, וואו מיר זאָלן פריער נישט פאַרבייגיין די געצעלטן פון לאַמאַ און פון טשאַנגפון טאַשי. ווי נאָר מיר זיינען צוגעקומען נאָנט צו זייערע געצעלטן, האָבן פון דאָרט זיך אַרויסגעכאַפּט צוויי בייזע הינט, געגן וועלכע מיר האָבן זיך געמוזט פאַרטיידיקן, וואַרפנדיק מיט שטיינער. עס זיינען אויך אַרויסגעקומען פיל מענטשן פון אַנדערע געצעלטן! זיי האָבן געוואָלט זען, פאַרוואָס בילן די הינט אַזוי שטאַרק. זיי האָבן אונז אָבער געלאָזט צורו און האָבן אַפילו נישט געפרעגט, אויב מיר האָבן דאָס גראָע פערד געפונען.

ווען מיר זיינען ענדלאַך געקומען צו אונזער קאַראַוואַן, האָב איך ווידער פאַרנומען מיין שיינעם אָרט פון פאַסטוך. מיר האָבן געמוזט פאַרבייגיין נאָך עטלאַכע געצעלטן, וואָס זייערע איינוואוינער האָבן אונז באַלעסטיקט מיט נאַרישע פראַגן. ערשט, ווען מיר זיינען אַריבער דאָס לעצטע געצעלט, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

איינגאַנצן זיכער אָבער האָב איך מיך נאָך אַלץ נישט געשפּירט. פאַר אַן אייראָפּייער האָבן די טיבעטער געהאַט דרך ארץ, דאָס האָב איך שוין פיל מאָל געזען אין מיין ערשטער טיבעטער נסיעה. אָבער איצט האָט מען אונז, דרייצן מאַן, אָנגענומען פאַר איינוואוינער פון לאַדאַקי, וואָס ווערן פאַרהאַסט פון די טיבעטער, צוליב זייער פחדנות. נאָכן סכסוך מיט טשאַנגפון טאַשי, האָט מען אונז נאָך געהאַלטן אויך פאַר שווינדלער. מיר האָבן, אַלזאָ, געקאָנט זיך ריכטן, אַז מען זאָל אונז אַ ליאַדע מינוט באַראַבעווען. פאַר פערד, יאַקן, שעפּסן און פּראָוויאַנט האָבן מיר געצאָלט הויכע פּרייזן, האָבן מיר דאָך מסתּם פיל געלט מיט זיך, און דערויף זיינען די טיבעטער גרויסע בעלנים. אויסערדעם, ווען די נאָמאַדן זאָלן אונז בעסער נאָכקוקן, וועלן מיר אומבאַדינגט דערוועקן אין זיי אַ געוויסן חשד, און פאַרבאָרגן זיך לאַנג אין מיינע פאַרמאַסקירטע מלבושים וועל איך אויך נישט קאָנען. באַלד מוז זיך אַנטשיידן מיין שיקזאַל—אָבער ווען און ווי אַזוי?

אויף זייטיקע וועגן.

אמאָדנע זאַך, איצט האָט מען אונז אינגאַנצן געלאָזט צורו. מיר האָבן אָנגעיאָגט אַ גרויסן קאַראַוואַן מיט שעפסן, וואָס האָט געפירט זאַלץ איבערן גרויסן שליאַך אויפן אויבערשטן לויף פון טייך בראַמאַפּוטראַ און איך האָב אַנטדעקט די אָזיערע טשוניטסאָ אויף דעם 4882 מעטער הויכן באַרג-דורכגאַנג רימאַלונגלאַ, פון וואַנען איך האָב געהאַט אַ זעלטנשיין בילד אויף די הויפּטרוקנס פון טראַנסהימאַלאַי אין דרום-זייט,—ווילדע פעלזן און שוואַרצע, מיט שניי באַקרוינטע באַרג-שפּיצן.

אין די ווייטערדיקע טעג האָבן מיר מאַרשירט מיטן גלייכן וועג אויפן טראַנסהימאַלאַי און ענדלאַך האָבן מיר געלאַגערט ביים דורכגאַנג סאַמיע-לאַ. דאָרט האָבן מיר געהאַט פאַר אַ שכן אַ קאַראַוואַן פון אַכט מאַן מיט דרייהונדערטפופציק יאַקן, וואָס האָט געפירט זאַלץ קיין סאַקאַ דזשאָנג—זעקס טעג ווייט פון דאָרט. דידאָזיקע לייט האָבן זיך גענוי נאָכגעפרעגט, ווער מיר זיינען, וואָס פאַר אַ געשעפטן מיר האָבן און וואוהין מיר גייען.

דעם 15-טן אַפּריל האָב איך געטריבן מיינע שעפסן אויף הויכע דורכגאַנגען. דער קאַראַוואַן פון די יאַקן איז נאָך פון דאָרט נישט אַרויסגעטראָטן און איך האָב זיך געשראָקן, אַז די לייט וועלן מיך דערקענען פון מיין לא-יוצלחדיקער אַרבעט אַלס פּאַסטוך, אָדער זיי וועלן מיך איבעררייסן, ווען איך וועל אויסמעסטן די הויך פונם דורכגאַנג. איך מוז אָבער טאָן מיין אַרבעט. מיין מעסטונג האָט מיר באַוויזן אַ הויכקייט פון 6527 מעטער און דער

דורכגאַנג איז ווידער געווען אַ וואַסער-שייד, דען פון דרום-זייט האָבן די טייכעלאַך זיך געצויגן אין בראַמאַפוטראַ און פון דאָרט אין אָקעאַן אַריין. אַלזאָ, דאָ האָב איך געמאַכט אַ נייע וויכטיקע אַנטדעקונג: אַ פינפטן אומבאַקאַנטן דורכגאַנג איבערן טראַנסהימאַלאַי.

אין דעם מאָמענט, בשעת איך האָב מיך געפרייט מיט מיין אַנטדעקונג, וואָס האָט מיר פאַרפולט דעם גרעסטן טייל פון ווייסן פלעק אויף דער מאַפּע פון טיבעט, האָט מיר לאָבזאַנג אָנגעוויזן אויף די שוואַרצע ליניעס פון די יאַקן, וועלכע האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם אַרויף צום דורכגאַנג. מיר האָבן תיכּף זיך אַראָפּגענומען פון לאַגער און זיך געלאָזט גיין אַראָפּ אין טאָל. אָבער קוים האָבן מיר נאָר באַוויזן דאָרט אויסצושטעלן אונזערע געצעלטן, ווי די יאַקן זיינען שוין אונטערגעקומען מיט זייערע פייפנדיקע און זינגענדיקע אַנטרייבער. זיי האָבן אָבער זיך געלאָזט גיין מיט אַ לייַנגערן וועג, כּדי אונז אויסצומיידן, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן אונז געהאַלטן פאַר פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. וואָס זשע וועלן זיי דערציילן וועגן אונז אין סאַקאַ-דזאָנג?

דריי טעג לאַנג האָבן מיר געריטן אין שמאָלע טאָלן און קיין איינציקן מענטשן נישט באַגעגנט. נאָר אין אָוונט, אויפן דריטן טאָג, זיינען פאַרבייגעפאָרן פאַר אונזער לאַגער צוויי רוהיקע רייטער, נאָמאַדן, וועלכע האָבן אונז פאַרקויפט איינס פון זייערע פערד. ביז סאַקאַ-דזאָנג האָבן מיר איצט געהאַט נאָך דריי טעג צו פאָרן. דאָרט האָט מיך יעדערער געקענט, ווייל איך האָב דאָרט פאַראַיאָרן באַגראָבן מיין קאַראַוואַן-אָנפירער, מוהאַמעד איזאַ. דעמאָזיקן אָרט האָב איך אַלזאָ געמוזט אויסמיידן אַלנפאַלס, און דעריבער האָבן מיר זיך געמוזט לאָזן מיט זייטיקע וועגן.

דעם 19-טן אַפּריל האָבן מיר פילמאָל באַגעגנט רייטער און קאַראַוואַנען. צוויי מענטשן, וועלכע האָבן געטריבן עטלאַכע הונדערט שעפסן, באַלאָדן מיט זאַלץ, האָבן מיך נייגיריק באַטראַכט. אָבער מיין הלבשה איז באַשטאַנען פון אַזוינע שמאַטעס און דאָס פּנים מיט די הענט זיינען געווען אַזוי שוואַרץ, אַז איך האָב זיך געשפּירט גאַנץ זיכער. אַבדול קערים האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט

די טיבעטער און איז פאַרבליבן מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן פאַרלאָזט דעם וועג, וואָס פירט קיין סאַקאַ-דזאָנג און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין לייגגאויס דעם טייך טשאַקטאַק-טשאַנגפּאָ, וועלכער איז מיר געווען באַקאַנט שוין פון פאָריקן יאָר. אויף זיין רעכטן ברעג איז געלעגן אַ לאַנקע, וואָס האָט אונז זייער געטויגט פאַר אונזער לאַגער.

אַבדול קערים איז ענדלאַך אַריין צו מיר מיט אַ באַזאָרגטער מינע. די טיבעטער האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס מיר האָבן זיך געלאָזט גיין לייגגויס דעם טייך, אָנשטאָט צו גיין מיטן גרויסן שליאַך צו סאַקאַ דזאָנג.

—משמעות, איר שרעקט זיך גאָרנישט פאַר גזלנים—האָבן זיי געזאָגט.—דאָ אין די בערג האַלטן זיך אויף פיל גזלנים. צי זענט איר, לפּחות, גוט באַוואָפנט?

—יאָ, מיר האָבן צוויי ביקסן און עטלאַכע רעוואָלווערן.

—איר וועט זיי מוזן אויסנוצן. מיר זעען, אַז איר זענט רוהיקע לייט, דערפאַר וואָרענען מיר אייך. מיט זעקס טעג צוריק איז מען דאָ באַפאַלן אַ געצעלט-דאָרף. די גזלנים-באַנדע איז באַשטאַנען פון אַכצן מאַן, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ פערד און אַ ביקס. זיי האָבן באַרויבט די געצעלטן, צוגענומען פירהונדערט שעפּכן, לערך צווייהונדערט יאַקן און זיינען אַנטרונען געוואָרן אויפן זעלביקן וועג, מיט וועלכן איר גייט איצט. מען האָט אַרויסגעשיקט מיליטער, צו כאַפּן זיי, אָבער זיי האָבן צוויי מאַן דערשאָסן און די איבעריקע זעלנער זיינען זיך צולאָפן. קיינער ווייס נישט, וואו די גזלנים-באַנדע האַלט זיך אויף. אויב דאָס לעבן איז אייך טייער, היט זיך גוט ביינאַכט. אויב מען וועט אייך איבערפאַלן, לאָזט זיך באַרויבן. איר זענט דאָך נאָר דרייצען מאַן און איר קאָנט זיך נישט פאַרטיידיקן.

דידאָזיקע מעלדונג איז אודאי נישט געווען קיין פריילאַכע פאַר אונז אין אונזער שווערער לאַגע בכלל. מיר האָבן דעריבער פאַרשטאַרקט אונזער וואַך ביינאַכט און האָבן אונזערע בהמות געהאַלטן אין לאַגער גופא.

די נאַכט איז אַריבער רוהיק. בייטאָג האָבן מיר געלאַגערט

און איצט האָבן מיר נאָך געהאַט אַ רוהיקן אָוונט. מיד פון די אָנגעשטריינגטע איבערלעבונגען פאַר די לעצטע טעג, בין איך געזעסן אין מיין געצעלט און געשריבן. נאָר ווער איז עס פּלוצלונג אריין צו מיר? קיין אַנדערער, ווי דער הונט טאַקאַר, וועלכער האָט לעצטנס באַקומען אַזויפיל פרייהייט, אַז ער קאָן זיך אומגעשטערט אַרומשלעפּן מיט זיין שטאַנג אויפן האַלז. איז טאַקאַר צוגעגאַנגען צו מיר און האָט אָנגעהויבן פריינטלאַך צו דרייען מיטן וויידל און קראַצן מיך מיט דער לאַפּע ביים אָרעם. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, ער אויף מיר, און מיר האָבן איינער דעם אַנדערן פאַרשטאַנען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער הונט וויל מיר זאָגן, אַ שטייגער, פאָלגענדיקס:

—איך האָב דאָך נישט געקאָנט וויסן, אַז איר זענט אַזעלכע גוטע מענטשן, ווען איר האָט מיר דעמדאָזיקן מאוסן שטאַנג אָנגעהאַנגען אויפן האַלז. ביי אייך איז מיר פיל בעסער, ווי ביי אַנדערע טיבעטער. איר גיט דאָך מיר צוויי מאָל אַ טאָג געשמאַקע שעפּסנפלייש. אַזאַ געריכט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט באַקומען פון קיינעם. זיי רוהיק, באָמבאָ טשימבאָ, איך וועל קיינעם נישט אַריינלאָזן צו דיר אין געצעלט, מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, כ'וועל אויך היטן ביינאַכט דיין געצעלט. אָבער וואַרף אַוועק דיין שרייבן און קום בעסער מיט מיר שפּילן. באַפריי מיך פונם דאָזיקן דערווידערטן שטאַנג און לאָמיר בלייבן גוטע פריינט.

איך האָב דעם הונט תיכף געפאָלגט. און ווען איך האָב גענומען אין די הענט אריין זיין גרויסן לאָכמאַטן קאָפּ און אים געגלעט, האָט ער געהוילן און געבילט פון תענוג, און איז געשפּרונגען אויף מיר, און געטאַנצט, און האָט מיך געשלעפּט פון געצעלט אַרויס. דאַן האָב איך אָפּגעבונדן דעם שטאַנג און אים איועקגעשליידערט, מיינע לייט, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען, האָבן פּשוט געגאַפט: אַזוי נאָענט האָט זיך נאָך קיינער נישט דערוועגט צוצוגיין צום הונט. פון דעם טאָג אָן פלעג איך שטענדיק אַרומשפּאַצירן מיט טאַקאַרן מעשה־חבר און ער האָט זיך צו מיר צו-

געבונדן, טאַקי ווי נאָר אַ הונט קאָן. איצט איז ער געווען שטענ-
דיק פריי, נישט געבונדן. נאָר ווען מיר פלעגן אויפשלאָגן דעם
לאַגער נאָנט פון די נאָמאַדן, פלעגן מיר אים האַלטן געבונדן
ביי מיין געצעלט, כּדי נישט צו דערוועקן קיין חשד ביי זייטי-
קע מענטשן מיט דער התקרבות צווישן אונז ביידן, ווי אויך
כּדי צו באַזייטיקן די פרעמדע.
מערקווירדיק: געגן זיינע טיבעטער לאַנדסלייט האָט טאַקאַר גע-
שפּירט אַ געוואַלטיקע שנאה, און מיר איז אָפט אויסגעקומען צו
באַצאָלן אַ היבש ביסל זילבערגעלט פאַר אַ ביס, וואָס טאַקאַר
האָט געמאַכט די טיבעטער אין פוס: די נאָמאַדן גייען על פּי רוב
אָן הויזן און אַ ביס טוט דאָך שטאַרט ווי אויפן בלויזן לייב...

מיר וואַנדערן ווייטער.

ווי עס איז אונז געווען שלעכט, האָבן מיר זיך דאָך געריקט פאָרויס דורך זייטיקע וועגן. מען האָט זיך באַדאַרפט היטן און מען האָט געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, וואָרום יעדער פאַר-בייגייער האָט אונז נעקאָנט אַרויסגעבן.

איך האָב געוואוסט, אַז איך ווער געזוכט און אַז די סכנה לויערט אויף מיר פון אַלע זייטן. מיינע מענטשן האָבן געדריקט די ליפּן, פאַררוקט די אויגן אונטערן שטערן און עפּטער געדריקט מיטן אַקסל: ביי זיי איז עס געווען אַ שפּיל פאַרן טייוול...

איך האָב אָבער געהאַט איין מחשבה אין קאָפּ: מען דאַרף גיין פאָרויס, זיך נישט אָפּשטעלן, ביז וואַנען די כוחות וועלן דינען. מען טאָר נישט פאַלן פון מוט, און טאָמער וועט מען מיך, ענד-לעך, פאַקן, איז אויך נישט קיין בייז: איך קאָן די כינעזער און איך וועל מיך אַרויסדרייען פון זיי. קיין פחדן טאָר מען אודאי נישט זיין, ווייל עס איז נישט געווען דער פאַל, אַז מען זאָל זיך העלפן מיט פחדנות. איך האָב אויפגעמונטערט מיינע לייט און זיי צוגעגעבן מוט.

צולעצט האָבן מיר זיך דאָך אָפּגעשטעלט ביי דעם טייך טשאַקטאַק-

טשאַנגפּאָ און אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער ביי זיינעם אַ ביי-טייכל, געבּוק-טשו. אויך די צווייטע נאַכט האָט זיך קיין זאַך נישט גערירט אַרום אונז. אין עטלאַכע טעג אַרום מוזן מיר דערגרייכן ראַגאַ טאַסאַם, וועלכער איז מיר אויך געווען באַקאַנט פון פאַריקן יאָר. ווען מיר וועלן נאָר זיין אויפן גרויסן שליאַך, וועלן מיר שוין זיין באַזיכערט, על כל פנים פון באַנדיטן-איבערפאַלן.

די נאָמאַדן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט דעם 21-טן אַפּריל, האָבן אונז געזאָגט, אַז מיר וועלן אויף מאָרגן פאַרבייגיין אַ געצעלט פון אַן אַלטן רייכן מאַן, וועלכער האָט טויזנט יאַקן מיט פינפהונדערט שעפסן. ווען מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט—האָב איך זיך געטראַכט,—ליגט שוין אָפּן פאַר אונז דאָס לאַנד פון ראַגאַ טאַסאַם.

דעם 22-טן אַפּריל אינדערפרי איז אַבדול קעי״ם מיט קונטשוק און גאַפּאַר אַוועק צו יענעם אַלטן מאַן, צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס און אַזויאַרום אָפּציען זיין אויפמערקזאַמקייט פון אונז, בשעת מיר וועלן פאַרבייגיין זיין געצעלט. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן מיר זיך דערנענט צו דריי געצעלטן. אַבדול קערים איז געשטאַנען צווישן די טיבעטער און האָט ביי זיי געדונגען פערד. מיר זיינען דערווייל זיך אַריבערגעגאַנגען ווייטער אומבאַמערקט, אָבער באַלד האָבן מיר זיך ווידער דערנענט צו אַ גרויסן געצעלט, פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעשפּרונגען פיל בייסיקע הינט. אונזער טאַקאַר האָט זיך גוט אָפּגערעכנט מיט די הינט, אָבער אונזער קליין הינטל פופי איז, נעבאַך, רעכט צוביסן געוואָרן.
דעם גאַנצן טאָג איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי, אָבער דער טאָל איז געווען אַזוי שמאָל, אַז מען האָט אונז לייכט געקאָנט באַאָבאַכטן פון יעדן געצעלט. נאָר זעלטן האָב איך זיך געקאָנט דערלויבן צו רייטן. פלעגט זיך נאָר אין דערווייטן באַווייזן אַ לאַגער פון געצעלטן, פלעג איך מוזן פאַרנעמען מיין אָרט ביי די שעפּסן ווי אַן אָרימער פאַסטוך.
ענדלאַך האָב איך זיך דערנענט צו אַזאַ גרויסן געצעלט, וואָס איך האָב נאָך אַזעלכן קיינמאָל נישט געזען אין טיבעט. ס׳איז

געוועז קלאָר, אַז דאָ האָט געוואוינט דער רייכער קאַמבאַ טסע-נאָם. לאָבזאַנג מיט אַבדול קערים זיינען אַוועק צו אים. מיר זיינען זיך געגאַנגען ווייטער ביזן דערבייאיקן צפון-טאָל. מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזערע געצעלטן אונטערן באַרג, און בעת מעשה איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי.

מיר האָבן מיט גרויס אומרוהיקייט אָפּגעוואַרט אונזערע לייט. זיי זיינען געקומען מיט אַ באַרוהיקלאַכער תשובה: אמת, די טי-בעטער האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַרוואָס מיר האָבן אויס-געקליבן אַזאַ געפערלאַכן וועג אינמיטן ווינטער, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געטראַכט אונז אָפּצושטעלן און האָבן אונז אַפילו אויך פאַרקויפט עסנוואַרג. אַבדול קערים האָט זיי אויך דערציילט אונ-זער בבא-מעשהלע וועגן דעם, אַז מיר פאָרן זאַמלען ידיעות וועגן וואָל, און אָט האָבן זיי אונז איינגעלאַדן צו קומען זומער און אָפּקויפן זייער וואָל פון עטלאַכע הונדערט שעפּסן.

מיר האָבן זיך גראָד באַראַטן וועגן אונזער לאַגע, ווען עס זיי-נען פלוצלונג צוגעשפּרונגען צוויי באַוואָפנטע רייטער צו אונזערע געצעלטן. צוליב דעם געדיכטן שניי, האָבן מיר זיי פריער נישט באַמערקט און מיר האָבן זיי דערזען ערשט דעמאָלט, ווען זיי זיינען שוין געוועזן האַרט ביים געצעלט. מיר האָבן קוים געהאַט צייט צו פאַרמאַכן מיין געצעלט און אַנידערשטעלן פאַר אים מיין הונט טאַקאַר. די פרעמדע זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, געפּענטעט זיי און אַריינגעקומען צו אַבדול קערים אין גע-צעלט. זיי האָבן פאָרגעלייגט צו קויפן ביי זיי דאָס פערד פאַר הונדערטפינפאונצוואַנציק רופּיען. אַבדול קערים האָט עס געקויפט. איינער פון די ביידע מענטשן האָט זיך אונטערגענומען צו ווערן אונזער פירער, ווייל אָן אַ פירער—האָט ער דערקלערט—וועלן מיר צומאָרגנס בשום אופן נישט געפינען דעם וועג, דען דער שניי איז אָנגעפאַלן אויף אַ פוס די הויך. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן מיטן באַגינען. דאַן זיינען ביידע לייט אַרומגעגאַנ-גען אונזערע געצעלטן און אַלץ גענוי באַטראַכט, און צוריק פאַרשוואונדן אין געדיכטן שניי.

מיר זיינען געזעסן, ווי געפּלעפט. אָפּזאָגן זיך פון פאָרשלאַג איז

געווען שווער, ווייל דאָס וואָלט דערוועקט אַ חשד געגן אונז. אָבער האָבן אַ טיבעטער שפּיאָן אין לאַגער און ביי אונזער קאַ-ראַוואַן—מער ווי דאָס האָט אונז נישט געפעלט! ווען קוטוס און זעדיק זיינען אין אָוונט געגאַנגען נאָך אַ קריגל זויערמילך אין גרויסן געצעלט אַריין, האָב איך דעריבער זיי געהייסן זאָגן, אַז אַבדול קערים מיינט, אַז ער ברויך בכלל נישט צו האָבן קיין פירער, דען ער וועט אַליין געפינען דעם וועג. דערויף האָבן זיי באַקומען אַן ענטפער:

—אייער אָנפירער רעדט מיט צוויי צינגער. ער ווייס נישט, וואָס ער וויל.

אויף צומאָרגנס זיינען מיר געקומען צום באַרג-דורכגאַנג געבוק-לאַ. דאָרט האָבן מיר אָנגעטראָפן אַן אַלטן מאַן, וועלכער האָט געטריבן צען פערד, און ער האָט אונז גערן באַוויזן דעם וועג. ער האָט דערציילט פאַר אַבדול קערים און קונטשוק, אַז ער איז אַ ברודער פון רייכן קאַמבאַ טסענאַם און פאַראַיאָרן האָט ער אין סאַקאַ-דזאָנג געזען אַן איראָפּייער, וואָס זיין קאַראַוואַן-אָנפירער איז געווען אַ הויכער, שטאַרקער מאַן, פאַר וועלכן אַלע האָבן געציטערט פייער-פלאַם. פּלוצלונג איז ער אָבער געשטאָרבן און זיינע חברים האָבן געמאַכט אַ „לאַנגע לאָך אין דער ערד און האָבן אים דערין אַריינגעשטעקט״.

מיר זיינען דעריבער געווען זייער צופרידן, וואָס מיר זיינען פּטור געוואָרן פון דעמדאָזיקן פירער, איידער מיר האָבן זיך אָפּ-געשטעלט אויף לאַגער אין געדיכטן שניי אונטערן באַרג-דורכגאַנג קינטשען. אויך דער טאָג איז גליקלאַך אַריבער! נאָך צוויי טאָג ביז ראַגאַ טאַסאַם—דאַן קאָנען מיר זיך ווייטער גיין אויפן גרויסן שליאַך. אויב מען האָט אונז דאָרט געלאָזט אַדורכגיין, אַלס אומ-שולדיקע רייזנדער פון לאַדאַקי, טאָ ווער וועט עס איצט פּלוצ-לונג אַנהויבן וואַרפן אויף אונז אַ חשד?!

אנטדעקט!

דעם 24-טן אַפּריל איז ביים זונאויפגאַנג געלעגן דאָס גאַנצע לאַנד אַרום אונז בלענד-ווייס אין זיין ווינטערדיקן שניי-מלבוש. פון די פערד האָט זיך געהויבן אַ פּאַרע, ווען מיר זייַנען אַרויפגעקומען אויפן קונטשען-לאַ און לייכטע נעבל-וואָלקנס האָבן זיך אויפגעהויבן פון שניי. אין דרום-מערב זיינען געשטאַנען פאַר אונז די בערג פון טשאָמאָ-אוטשאָנג—אַ געוואַלטיק שיין בילד!

פון 5441 מעטער־הויכן קונטשען-לאַ האָבן מיר געהאַט אַ הערלאַכע פּאַנאָראַמע. דער קאַראַוואַן איז אַראָפּ אין טאָל, בשעת איך בין נאָך איבערגעבליבן אויבן אין דערהויך, צו מאַכן מיינע מעסטונגען. דאַן בין איך אַוועק אין זייערע שפּורן און האָב אויפגעשלאָגן די געצעלטן אין אַ טאָל, ווי געוויינלאַך, איין געצעלט האַרט נעבן דעם אַנדערן. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען. פאַרן הײנט זיינען מיר, אַלזאָ, ווידער געווען זיכער. צומאָרגנס אָבער ווען מיר דאָך קומען קיין ראַגאַטאַסאַם, וואו איך בין פאַראיאָרן אָפּגעווען אַ גאַנצע וואָך און פון וואַנען איך האָב אָפּגעשיקט טונדופ סאָנאַם און טאַשי מיט בריף קיין שיגאַטסע. דאָרט וועט עס געוויס נעמען אַ סוף מיט אונזער זיכערקייט. מילא, איך האָב שוין גענוג געזען!

פונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן אונזערע פאָרזיכטסמיטלען. מיר האָבן אָפּגעלייגט פיל זאַכן, וואָס קאָנען דערוועקן אַ חשד—אייראָפּייאישע קאָלדרעס, שאַכטלען און אַז. וו.

אַבדול קערים זאָל פון איצט אָן וואוינען אין מיין געצעלט, און איך וועל מיך איבערציען אין זיין גרויסן געצעלט מיט די אַי-בעריקע לייט, וואו איך וועל האָבן אַ קליין ווינקעלע. אין וועג איז די געפאַר אַנטדעקט צו ווערן נישט געווען אַזוי גרויס. דער קרי-טישער מאָמענט איז געקומען תמיד דאַן, ווען ס׳פלעגן אַריינקו-מען צו אונז די טיבעטער, וואָס פלעגן אַלץ אַרומשמעקן און באַטראַכטן.

פון מאָרגן אָן האָב איך זיך געזאָלט אַריבערציען אין מיין פריי-וויליקער געפאַנגנשאַפט, היינט אָבער האָב איך נאָך צום לעצטן מאָל געוואָלט שלאָפן אין מיין געצעלט. צי וייל מען האָט אַרום אונז נישט געזען קיין געצעלטן, האָב איך געשפּילט מיט מיינע הינט. די פערד און די מוילאייזלען האָבן זיך געפיטערט אין טאָל און די מענטשן זיינען געלעגן אַרום פייער, אין לאַגער. היינט האָב איך גערעכנט צו פאַרברענגען מיין לעצטן פרייען אָוונט מיט הנאה און רוהיק.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אַנדערש. פּלוצלונג איז צוגע-גאַנגען אַבדול קערים מיט אַ מעלדונג: פון קונטשען-לאַ נידערט אַראָפּ אין טאָל אַ מחנה רייטער. זיי זיינען געקליידט טונקל-בלאָ מיט רויטע פאַסן, אויפן קאָפּ טראָגן זיי רויטע בונטן און זיינען אַלע באַוואָפנט מיט ביקסן און שווערדן. זיי פירן מיט זיך ניין פערד, דערונטער צוויי פּאַקפערד. וואָס זאָל דאָס באַ-דייטן ?...

די פרעמדע זיינען געגאַנגען גלייך צו אונזער לאַגער. דאָרט האָבן זיי זיך שטיל איבערגעשמועסט, בשעת דריי רייטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט דרייסיק טריט פאַר מיין געצעלט און פון דאָרט אַוועקגעשיקט זייערע פערד אויף דער פּאַשע. נאָכדעם האָבן זיי אויף דריי שטיינער אויפגעשטעלט אַ קעסל מיט וואַסער, געמאַכט אונטער אים אַ פייער און געקאָכט טיי. זיי האָבן זיך, אַלזאָ, איינ-געאָרדנט דאָ אויף נאַכטלעגער!

די איבעריקע זיינען אַריין אין אַבדול קערימס געצעלט און בעת מעשה ווידעראַמאָל שטיל געשמועסט צווישן זיך. איך האָב דער-פון פאַרשטאַנען נישט פיל, אָבער דאָס ווייניקע, וואָס איך האָב

פארשטאנען, איז געווען פאר מיר גענוג: מען האט אלע ווילע דערמאנט מיין נאמען: העדין סאהיב! ס'הייסט, אלזא, מען איז געפאלן אויף מיין שפור!

א שעה שפעטער זיינען זיי ווידער ארויס אין דרויסן און ארום-געגאנגען אונזערע געצעלטן. פאר מיין געצעלט איז געשטאנען טאקאר, וועלכער האט זיי נישט געלאזט אריינקומען אינעווייניק, אבער זיי האבן געפונען א לאך אין לייוונט און פון דארט אריינ-געקוקט אין געצעלט אריין. איך בין בעת מעשה גראדע געלעגן אויף דר'ערד און דעריבער האבן זיי מיך נישט געקענט זען. דאן זיינען זיי צוריק אוועק צו זייער לאגער-פייער, וואו זיי האבן ארויסגענומען זייערע הילצערנע טאסן און גענומען טרינ-קען טיי. איצט זיינען זיי געזעסן מיטן פנים צו מיין געצעלט. איך האב זיי געקאנט זען, אבער איך האב מיך בשום אופן נישט געקאנט אפטראגן אומבאמערקטערהייט.

און אט האב איך דערהערט די דערשראקענע שטים פון אבדול קערים, וועלכער האט שטיל גערעדט צו מיר דורך א לאך אין דער וואנט און דערציילט, אז נאך א לאנגער אויספארשונג האבן אים די פרעמדע דערקלערט:

—דורך צוויי זאלץ-קאראוואנען, וועלכע זיינען אייך פארבייגע-גאנגען, האט דער גובערנאטאר פון טאקא דזאנג זיך דערוואוסט, אז איר קומט אן. אייער וועג ווערט קיינמאל נישט באנוצט דורך סוחרים פון לאדאק, דעריבער רעכנט דער גובערנאטאר, אז צווישן אייך געפינט זיך העדין סאהיב! ער האט מיר אין מיינע קאמעראדן באפוילן אנצויאגן אייער קאראוואן, און מיר וועלן דעמדאזיקן באפעל דערפילן גענוי. איר פארזיכערט, אז העדין סאהיב געפינט זיך נישט אונטער אייך פארקליידט, ווי איינ-וואוינער פון לאדאק,—גוט! איר זיינט פון לאדאק דרייצען מאן. איך זע נאר צען. וואו זיינען די איבעריקע?

—זיי זאמלען ברענמאטעריאל.

—גוט. אז זיי וועלן קומען צוריק, וועלן מיר יעדן פון אייך בא-זוכן אפילו אויף דעם נאקעטן לייב. מיר וועלן אויך אדורכניש-

טערן געגנוי אַלע אייערע פעק. אויב מיר וועלן גאָרנישט געפי־נען אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען עדות זאָגן, אַז צווישן אייך איז נישטאָ קיין אייראָפּייער, דאַרפט איר מיר נאָר אויסשטעלן אַ שריפטלאַכע דערקלערונג, אַז העדין סאַהיב איז צווישן אייך נישטאָ און דאַן קאָנט איר זיך רוהיק גיין ווייטער אייער וועג.

פאַר מיר איז די זאַך געווען קלאָר, אַז איך וועל נישט דער־לאָזן, אַבדול קערים זאָל אונטערשרייבן אַ פאַלשן דאָקומענט. דער־גרייכט האָב איך דאָך שוין כמעט אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט: איך בין אין אַלע ריכטונגען דורכגעגאַנגען דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד און איך בין געווען אינם הארץ פון טיבעט. ווען מען טרייבט מיך איצט אַרויס, וועל איך נאָך אפשר קאָנען געווינען עפּיס פאַר די געאָגראַפישע פאָרשונגען אויפן וועג צוריק. בשום אופן אָבער וועט מען מיך נישט קענען צווינגען צו גיין צוריק קיין לאַדאַק מיטן זעלביקן וועג, וואָס פאַראיאָרן. כ׳האָב שוין גע־קענט די טיבעטער צו גוט און איך האָב געוואוסט, ווי אַזוי מיט זיי צו האַנדלען.

כ׳האָב באַלד באַשלאָסן, אַז איך וועל מיינע באַ.,ייטער שטעלן צום לעצטן מאָל אויף דער פּראָבע און איך בין פאַוואָליע אַריין אין אַבדול קערימס געצעלט. דער גוטער קאַראַוואַן־פירער האָט געהאַלטן אונזער לאַגע פאַר פאַרצווייפלט, און לאַבזאַנג איז גע־ווען שטאַרק פאַרדאַגהט. קוטוס האָט פאַרגעשלאָגן, איך זאָל אין אָוונט אַוועק מיט אים אין די בערג ביז די אויספאָרשונג וועט זיך ענדיקן, אָבער גולאַם האָט געזאָגט: „זיי ווייסן דאָך, אַז מיר זיינען דרייצען מאַן!"

—ניין—האָב איך געזאָגט,—איך וועל זיך אַליין אַרויסגעבן פאַר די טיבעטער!

—מיינע לייט האָבן אָנגעהויבן וויינען און שלוכצען, ווי קינדער.

—וואָס וויינט איר?—האָב איך געפרעגט

—מיר שיידן זיך אויף אייביק—האָבן זיי געענטפערט.—מע

וועט דעם סאַה־ב דערהרגענען !
אומזיסט האָב איך מיך באַמיט זיי צו באַרוהיקן און ווען איך בין אַרויס פון געצעלט, האָב איך געהערט, ווי זיי האָבן מתפלל געווען: אַלהו עקבאַר!״ (גאָט איז גרויס!).

איך לאָז מיך דערקענען.

אין מיין הלבשה אַלס שעפּסן-פּאַסטוך, מיט אַ פּנים פאַרשוואַרצט פון טוש, בין איך לאַנגזאַם און רוהיק צוגעגאַנגען צום קרייז פון די טיבעטער. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, אָבער איך האָב געזאָגט:

—זעצט זיך!—און דערביי האָב איך זיך אויך אַנידערגעזעצט צווישן זיי ביים פייער. אין איינעם פון זיי האָב איך תיכף דער-קענט אַ געוויסן פּעמבּא טסערינג, וועלכן איך האָב פאַראַיאָרן גע-זען אין סאַקאַ-דזאָנג. איך האָב אים אַ קלאַפּ געטאָן ביים אַקסל און געזאָגט:

—פּעמבּא טסערינג, איר דערקענט מיך גאָרנישט?

ער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט און האָט נאָר געקוקט אויף זיינע קאַמעראַדן מיט גרויסע אויגן און זיך געוואָרפן אַהין און צוריק צו מיר, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „ער איז עס!" אַלע זיינען געווען זייער צוטומלט און דערשראָקן. זיי האָבן זיך קוים דערוועגט צו קוקן מיר גלייך אין פּנים אַריין. קיינער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, יעדערער פון זיי האָט נאָר בגנבה געכאַפּט אויף מיר אַ קוק. איינער האָט צורעכט געמאַכט פייער אונטער די שטיינער, דער אַנדערער האָט שטיל און לאַנגזאַם געזופּט טיי.

איך האָב איבערגעריסן דאָס שווייגן און האָב מיך אָנגערופן:

—געוויס, פּעמבּא טסערינג, איר האָט רעכט. איך בין העדין סאַהיב,

וועלכער האָט פאַראַיאָרן באַזוכט סאַקאַ־דזאָנג. איצט האָט איר מיך ווידער. וואָס רעכנט איר מיט מיר צו טאָן?
אַבדול קערים, לאַבזאַנג און קוטוס, וועלכע זיינען געקומען צו־זאַמען מיט מיס, האָבן געציטערט פאַר שרעק, ווי אַ בלאַט אין אַ שטורם-ווינט. זיי האָבן געמיינט, אַז מיין לעצטע שעה איז שוין געקומען. די טיבעטער האָבן אויף מיין פראַגע גאָרנישט געענט־פערט. זיי האָבן זיך בלויז געשעפטשעט צווישן זיך.
כדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו זיך נאָך אַזאַ איבערראַשונג— וואָרום זיי האָבן זיך גאָרנישט געריכט, אַז זיי וועלן מיך אַזוי לייכט כאַפּן—האָב איך געלאָזט ברייננען אַ שאַכטעלע פּאַפּיראָסן און האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, כדי צו ווייזן, אַז די פּאַפּי-ראָסן זיינען, חס ושלום, נישט אָנגעפילט מיט פּולווער. נאָכדעם האָב איך יעדן פון זיי מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס און יעדע-רער האָט גענומען. אַזוי־אַרום איז דאָס אייז געבראָכן געוואָרן און דער אָנפירער פון די טיבעטער האָט אָנגעהויבן צו ריידן:

—ווען דער קלאַנג וועגן אייער קאַראַוואַן האָט מיט צוויי טעג צוריק זיך פאַרשפּרייט אין סאַקאַ-דזאָנג, האָט דער גובערנאַטאָר זיך משער געווען, אַז איר מוזט עס זיין העדין סאַהיב. מיר האָבן איצט אונזער שליחות דערפילט. אין נאָמען פון גובערנאַ-טאָר פאַרבאָטן מיר אייך צו מאַכן וויי טער אַ טריט קיין מזרח. איר מוזט זיך אין אַלעם האַלטן ביי אונזערע פאַראָרדנונגען. דאָ שטייען אין קאָן אונזערע קעפּ און אייער זיכערקייט. מאָרגן זאָלט איר גיין איבער קינטשען-לאַ קיין סאַקאַ-דזאָנג.
—ניין—האָב איך געענטפערט,—איך גיי מיט אייך, וואוהין איר ווילט, נאָר נישט קיין סאַקאַ-דזאָנג. דאָרט ליגט באַגראָבן מיין טרייער דינער. אַהין פאָר איך מער קיינמאָל נישט. איך וויל פאָרן צוריק איבער אינדיע.
—נו, גוט, אויב עס טוט אייך ווי אַהין צו קומען, וועלן מיר דערויף באַשטיין. דאַן בעטן מיר אייך צו גיין מיט אונז צוויי טאָג קיין דרום־מערב, ביז זעמאַקו, וואו איר וועל מעלדן דעם גובערנאַטאָר, ער זאָל אייך באַגעגענען

—גוט, איך וועל מאָרגן גיין מיט אייך קיין זעמאָק.
—אַ שיינעם דאַנק! אָבער צו וואָס זענט איר אייגנטלאַך צוריק-געקומען? איר פאָרט און פאָרט אַרום איבער טיבעט. יעדעס מאָל טרייבט מען אייך אַרויס און איר קומט פאָרט ווידער! פאַראַיאָרן האָט מען אייך געצוואונגען, צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אויפן וועג קיין לאַדאַק און אָט באַווייזט איר זיך ווידער צווישן אונז. צו וואָס זענט איר געקומען?
—ווייל איך האָב ליב אייער לאַנד און אייער פריינטלאַך פאָלק.

—הם! פון אייער זייט איז עס זייער פריינטלאַך צו זאָגן אַזוי. אָבער צי וואָלט דען נישט געווען גלייכער, איר זאָלט אָנשטאָט דעם מער ליב האָבן אייער אייגן לאַנד? כּל זמן מיר מאַכן נישט קיין נסיעות אין אייער לאַנד, דאַרפט איר אונזער לאַנד אויך נישט באַזוכן. מיר בלייבן זיך אינדערהיים, בלייבט איר זיך אויך אינדערהיים. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איר קאָנט טאָן.

—כּל זמן איך קאָן נאָך זיצן אויף אַ זאָטל, וועל איך שטענדיק צוריקקומען. גריסט מיר אייער רעגירונג אין להאַסאַ און זאָגט איר, אַז זי זאָל זיך ריכטן אויף נייע וויזיטן פון מיר.
די טיבעטער האָבן פריינטלאַך געלאַכט און זיי זיינען בכלל נישט בייז געווען פאַר דער מי, וואָס איך האָב זיי פאַרשאַפט. מיינע לייט האָבן אויך געלאַכט. זיי האָבן* נישט ווייניק געשטוינט צו זען, אַז די זאַך נעמט אָן אַזאַ לייכטע ווענדונג. מיר זיינען נאָך לאַנג געבליבן צוזאַמען און האָבן זיך פריינטלאַך געשמועסט. די טיבעטער האָבן פון פולן האַרצן געלאַכט איבער מיין בבא-מעשהלע וועגן דער קניה פון וואָל, וואָס אַבדול קערים האָט זיי דערציילט. די זאַך איז געווען אויסגעטראַכט גאַנץ גוט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי איז אונז געלונגען זיך אַדורכצוקריגן מיט אַזאַ מעשהלע. ערשט ווען איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף מיינע צעריסענע און שמוציקע מלבושים פון זאַק-לייוונט, האָבן זיי עס פאַרשטאַנען.
דער פירער פון די טיבעטער איז געווען אַ יונגער רירעוודיקער

און פריילאַכער מענטש. פון זיינע קאַמעראַדן האָב איך דריי געקענט נאָך פון פאַראַיאָרן. אין דער געזעלשאַפט איז אויך געווען אַ זקן מיט אַ צעקנייטשטן שטערן. דאָס איז געווען דער רייכער קאַמבאַ טסענאַם און מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען זיין גרויסן געצעלט.

איצט זיינען מיר געווען געפאַנגענע ביי די טיבעטער. אָבער איך האָב זיך געשפּירט אין דערדאָזיקער געפאַנגענשאַפט, ווי נאָך אַ באַפרייאונג פון אַזויפיל מי און אָנשטרענגונג. אמת, כ'האָב שוין איצט נישט געקאָנט פריי אויסקלייבן מיין וועג, אָבער דערפאַר האָב איך אויך שוין נישט געדאַרפט זיך פאַרבאָרגן אין מיין געצעלט און איך האָב מיר געקאָנט גוט אַרומוואַשן דאָס פנים און האָב אינגאַנצן אָפּגעשניטן מיין מאַכמעדאַנישע באָרד. מיינע מלבושים, וועלכע איך האָב מיט אַ פּאָר שעה צוריק אָפּגעלייגט, כדי צו פאַרברענען, האָב איך שוין ווידער געקאָנט אָנטאָן.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט פאַר מיר דער 24־טער אַפּריל פון יאָר 1908. די נאַכט איז ביי אונז אין לאַגער אַריבער שטיל און רוהיק. נאָר טאַקאַר האָט געטריי געהאַלטן וואַך און זיין בייז בילן געגן די פרעמדע געסט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין די אַרומיקע בערג. איבער אונז האָבן געפינקלט, ווי תמיד די אייביקע שטערן אין הימל

דער וועג צוריק.

אויף צומאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן דער טראַנספּאָרט פון די געפאַנגענע. אויף יעדער זייט האָבן מיך באַגלייט דריי טי־בעטער. אין דער נאַכט האָב איך געהאַט אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריף פון כּופּצען זייטן צום כינעזישן אַמבאַן אין להאַסאַ, ליען דאַרין, וועלכן איך האָב מיטגעטיילט, אַז איך האָב בדעה צו פאַרלאָזן טיבעט, גייענדיק איבער שיגאַטסע און גיאַנגטסע און פאָרן צוריק איבער אינדיע. דערדאָזיקער וועג איז מיר נאָך אַפילו אומבאַקאַנט. איבעריגנס, איך בין שוין איצט אַליין געווען מיד פון דער לאַנגער נסיעה. איך האָב גערעכנט, אַז טיבעט איז מיר שוין איצט גענוג באַקאַנט און איך האָב געגאַרט וואָס שנעלער צו קומען אַהיים.

מיר זיינען געגאַנגען אַ טאָג און האָבן זיך אויפגעשלאָגן דעם לאַגער נעבן זעמאָקו אויפן גרויסן שליאַך. ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען, האָט מיר דער אָנפירער געמאָלדן, אַז דער גובערנאַ־טאָר פון סאַקאַ וואַרט אויף מיר. איך האָב געענטפערט, אַז אויב ער האָט מיר עטוואָס צו זאָגן, זאָל ער זיך מטריח זיין און קומען אין מיין געצעלט.

באַלד האָב איך דערזען אַ גאַנצע מחנה מענטשן פאַר אונזערע געצעלטן. בין איך אַרויס צו זיי און האָב איינגעלאַדן די חשובסטע צו מיר אין געצעלט אַריין. דידאָזיקע לייט האָבן געהאַט אויף זיך טייערע מלבושים פון כינעזיש זייד און אין די אויערן גאָל־דענע אויריגנלאַך מיט טורקוסן. אין מיינע אָרימע מלבושים האָב

איך אויסגעזען קעגן זיי זייער עלנט און צרהדיק. זיי האָבן זיך צולאַכט, ווען זיי האָבן מיך דערזען אין אַזאַ צושטאַנד. אויפּגעהויבן אַזאַ מין טאַראַראַם צוליב אַזאַ שלעפּער!
איינער פון זיי, אַ מאַן—אַ ריז, איז געווען דאָרטסע טסוען, דער גובערנאַטאָר פון סאַקאַ דזאָנג. דער צווייטער איז געווען נגאַוואַנג—אויך אַ גובערנאַטאָר—אין טיבעט זיינען אַלע העכערע שטעלעס באַזעצט דורך צוויי מענטשן, כדי איינער זאָל קאָנען קאָנטראָלירן דעם צווייטן.—דער דריטער איז געווען גאַנג גיע, דאָרטשעס זון.

—איך מיין, אַז איר האָט געהאַט אַ גליקלאַכע נסיעה און האָט נישט פיל געליטן פון קעלט,—האָט דאָרטסע טסוען אָנגעהויבן.

—אָ, קאַלט איז געווען גענוג, איך האָב כמעט מיין גאַנצן קאַראַוואַן פאַרלאָרן. פון אונזערע קליידער זיינען געבליבן שמאַטעס און אונזער פּראָוויאַנט ענדיקט זיך. אָבער, ווי איר זעט, זיינען מיר דאָך גאַנץ און געזונט.
—פאַרוואָס זענט איר צוריקגעקומען?
—כדי צו זען די געגנט, וועלכע מען האָט מיר פאַראַיאָרן נישט געלאָזט זען.
—פאַראַיאָרן זענט איר אָן אַ דערלויבניש געפאָרן קיין נעפּאַל, צום קובי גאַנגרי, איבער דער הייליקער אָזיערע, אַרום דעם באַרג קאַילאַס און צום קוואַל פון אינדוס. איך ווייס גענוי, וואו איר זענט געווען. אַזעלכע זאַכן זיינען שוין איצט אוממעגלאַך אין טיבעט. אַנדערע צייטן זיינען געקומען. אויב איר ווער מיר נישט געהאָרכן און וועט נישט גיין צוריק מיטן וועג, אויף וועלכן איר זענט געקומען, וועל איך מוזן אַרויספאָדערן כינעזישע זעלנער צו הילף.
ביי מיר אין קאָפּ איז דערווייל פאַרטיק געוואָרן אַ נייער פלאַן. מיין מידיקייט איז שוין ווידער פאַרשוואונדן, און איך האָב שוין מער נישט געטראַכט וועגן דעם, צו לויפן שטראַקס דורך אינדיע צוריק אַהיים. איך האָב געוואָלט אויסלייגן פאַר זיך אַ נייעם וועג קיין צפון, אויף וועלכן איך האָב נאָך געהאָפט צו מאַכן

אַנדערע געאָגראַפישע אַנטדעקונגען. לאַנג האָבן געדויערט אונזע-רע אונטערהאַנדלונגען. אָבער דאָרטסע טסוען האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: איך מוז גיין צוריק מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן כ׳בין געקומען דורך באָנגבאַ.

—מיטן דאָזיקן וועג וועל איך בשום אופן נישט גיין!

—איר מוזט.

—איר קאָנט מיך נישט צווינגען. פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אַן איינאָפּייער און אַ פריינט פון טאַשי לאַמאַ.

דאָרטסע טסוען האָט געמאַכט אַ שטילע באַראַטונג מיט זיינע באַ-גלייטער. דאַן האָט ער דערקלערט:

—איך וויל אייך אויף אַזויפיל נאָכגעבן, אַז איך וועל אייך דערלויבן צו גיין קיין לאַדאַק מיטן זעלביקן וועג, וואָס פאַראַיאָרן.

דערדאָזיקער וועג איז מיר אָבער גאָרנישט געווען קיין אַנגענע-מער.

—ניין, האָב איך געענטפערט,—איך שטעל נישט אַרויף מיין פוס אויפן גרויסן קאַראַוואַן-שליאַך קיין לאַדאַק

—פאַרוואָס?

—ווייל די געזעצן פון מיין לאַנד פאַרבאָטן מיר צו גיין צוריק אין מיינע אייגענע שפורן. מאַכט מיט מיר, וואָס איר ווילט, אָבער דערצו וועט איר מיך נישט צווינגען.

—איר מוזט, משמעות, האָבן אויסטערלישע געזעצן אין אייער לאַנד! מיט וואָס פאַר אַ וועג ווילט איר דען גיין?

—איך וויל גיין דורך אַן אַנדער באַרגדורכגאַנג, אין צפון פון סאַמיע-לאַ, צום טערי-נאַם-טסאָ און פון דאָרט וועל איך פאַרלאָזן טיבעט דורך דער מערב-זייט.

—דאָס איז אוממעגלאַך!—אפשר ווילט איר גיין מיט מיר ביזן געצעלט פון קאַמבאַ טסענאַם? ביז מיר וועלן קומען אַהין, וועלן מיר זיך שוין מישב זיין מכּח דעם וועג.

—גערן. אָבער איר מוזט מיר שאַפן פּראָוויאַנט פאַר מיר און מיינע לייט אויף צוויי חד״ים. איר מוזט מיר אויך שאַפן שול-

וואַרג, קליידער, טאַבאַק, טיי, צוקער, אייניקע פערד און יאַקן פאַרן טראַנספּאָרט.

— מיט פאַרגעניגן. שטעלט נאָר צוזאַמען אַ רשימה פון אַלע זאַכן, וואָס איר ברויכט צו האָבן.

אין אָוונט האָב איך מיינע פריינט אָפּגעגעבן אַ לאַנגן וויזיט, און ווען איך בין אַריין צוריק אין מיין געצעלט, האָב איך פאַרברענט מיין בריף צו ליען דאַרין. ניין, כ'וויל נישט, אַז כינע זאָל זיך אַריינמישן אין מיין שוועדיש־טיבעטישער פּאָליטיק!

אַזויאַרום זיינען מיר געפאָרן צוזאַמען אַרום דעם הויכן גלעטשער טשאָמאָ־אוטשאָנג, און ביי דעם נאַכטלאַגער האָבן מיר זיך ווייטער געפירט געמיטלאַך אונזערע אונטערהאַנדלונגען. אין עטלאַכע טעג אַרום איז געקומען דער סוחר מיט אַלע באַשטעלטע סחורות. ביי אים האָב איך געקויפט טיבעטער שטאָף אויף נייע מלבושים פאַר מיר, און אַבדול קערים האָט מיר אויפגענייט אַן עקסטראַפיינעם אָנצוג פון רויטן שטאָף פון להאַסאַ. אויפן קאָפּ האָב איך געטראָגן אַ כינעזישע זיידענע היטעלע מיט אַ טורבאַן אַרום. דערצו האָב איך באַקומען גרינזיידענע שטיוול פון כינא און אַ שיינעם שווערד אין גאַרטל אַריין. אויף מיין וויסן פערד פון קאַמבאַ טשענאַמס געצעלט האָב איך איצט אויסגעזען אויך אַזאַ חשוב, על כל פנים, וויביידע גובערנאַטאָרן.

סוף־כל־סוף האָט מען דאָך געמוזט אָננעמען עפּיס אַ באַשלוס וועגן מיין נסיעה צוריק. מען האָט צוליב דעם איינגעאָרדנט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין דאָרטסע טסוענס געצעלט. מען וואָלט געקאָנט אויפשרייבן אַ גאַנץ בוך, ווען איך זאָל ווען איבערגעבן אַלע פּרטים פון אונזערע אונטערהאַנדלונגען און די אַלע סטראַשונקעס, מיט וועלכע מען האָט מיר געסטראַשעט, אויב איך וועל יישט געהאָרכן. דאָרטסע טסוען האָט זיך פאַרעקשנט און האָט דורכאויס געוואָלט, איך זאָל גיין איבער סאַמיע־לאַ, אָבער איך האָב געוואָלט גיין איבערן בארג־דורכגאַנג. וועס איז געלעגן נער אין מזרח.

—דאָרט זיינען אָבער פאַראַן גזלנים!—האָט דער גובערנאַטאָר געטענהט.

—טאָ גיט מיר באַגלייטער פון צען זעלנער,—האָב איך געענט-פערט.

לסוף האָב איך זיי געמאַכט דעמדאָזיקן פאָרשלאָג:

—אַבדול קערים וועט גיין מיט אַ העלפט פון מיין קאַראַוואַן צוריק איבער סאַמיע-לאַ און איך וועל רייטן מיט דער אַנדער העלפט ווייטער צו מזרח. איך וועל מיך מיט אים צוזאַמענטרעפן דאָרט, וואו דער בופטשאַנג-טשאַנגפאָ פאַלט אַריין אין טאַראָק-טסאָ. ווען איר וועט מיר געבן צען זעלנער, וועל איך יעדערן פון זיי צאָלן צו צוויי רופּיען אַ טאָג. פאַר אייך וועט דאָס זיין גוט: ערשטנס, וועט די באַגלייטונג אַכטונג געבן אויף מיר, און צווייטנס, וועל איך דאָך לאַנג נישט קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ הוצאה, אַ קלייניקייט: אַן אַרמיי פון צען מאַן...

—אמת!—האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר שטימען.—ווען ער וועט מוזן צאָלן צוואַנציק רופּיען אַ טאָג, וועט ער שוין ווייט נישט פאַרקריכן.

דאָרטסע טסוען איז אויפגעשטאַנען, צו באַראַטן זיך אין דרויסן מיט אייניקע פון זיינע באַגלייטער. ענדלאַך איז ער אַריין צוריק און האָט דערקלערט, צו מיין העכסטער איבערראַשונג, אַז מיין ווילן וועט דערפילט ווערן, ווען איך וועל נאָר אונטערשרייבן אַ שריפטלאַכע דערקלערונג, אַז איך נעם אַליין אויף זיך די פאַר-אַנטוואָרטלאַכקייט פאַר אַלץ, וואָס קאָן זיין פאַרבונדן מיט מיין באַשלוס. ער וויל נישט נעמען אויף זיך קיין שום פאַראַנטוואָרט-לאַכקייט, טאָמער וועט מיט מיר פּאַסירן אַן אומגליק אין די בערג. נאַטירלאַך, האָב איך מיט גרויס פאַרגעניגן זיך אונ-טערגעשריבן.

דאַן האָט נימאַ טאַשי, אַ הויך-געוויקסיקער מאַן אין אַ שעפּסן-פעלץ, דערהאַלטן דעם באַפעל צו זיין דער הויפּטמאַן איבער מיין אַרמיי פון צען זעלנער. אויסערדעם, האָט אונז געדאַרפט דינען אַלס פירער פּאַנטשאָר, קאַמבאַ טשענאַמס ברודער. דאָס איז געווען אַ קליינטשקער דורכגעטריבענער מענטש פון אַ יאָר

פינפאונפופציק, וועלכער האָט זיך באַרימט מיט זיינע העלדישע מעשים און האָט אונז שטענדיק פאַרזיכערט, אַז מיט זיין ביקס האָט ער שוין דערשאָסן אַכציק יאַקן.

צום לעצטן מאָל האָבן מיר צוזאַמען געלאַגערט נעבן קאַמבאַ טסענאַמס געצעלט, וואו איך האָב מיך מיט עטלאַכע טעג צוריק, אַדורכגעשמוגלט ווי אַ גנב אין דער נאַכט. איצט איז דאָרט, צוליב מיר, אַנטשטאַנען אַ גאַנצער דאָרף פון געצעלטן. רייטער-קוריערן און שליחים זיינען כסדר געקומען און אַוועק צוריק. קליינע קאַראַוואַנען פון יאַקן זיינען געגאַנגען אַהער און אַהין מיט פּראָוויאַנט און ברענמאַטעריאַלן. ס׳איז געווען פריילאַך און לוסטיק. דעם 5-טן מאַי האָב איך, צו דער געזעגענונג, איינגעאָרדנט פאַרן גובערנאַטאָר מיט זיין סוויטע אַ מין באַל מיט פייערן פון יאַק-מיסט און טענץ. דאָס איז געווען אַ באַל, וואָס די גוטע טיבעטער האָבן עס נאָך קיינמאָל נישט געזען, ווי זיי האָבן אַליין פאַרזיכערט.

די לעצטע וואָכן אין אומבאַקאַנטן לאַנד.

דעם 6-טן מאַי האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע טיבעטער געסט און מיט אַבדול קערימען, וועלכער האָט מיט זיין מחנה זיך גע-לאָזט וואַנדערן צום טאַראָק-טסאָ, וואוהין איך האָב געזאָלט קו-מען מיט אַ חודש שפּעטער. מיט מיין טיבעטער לייב-וואַך בין איך אַיועק קיין צפון דורך אַ לאַנד, וואָס איז נאָך אויך קיינ-מאָל נישט באַזוכט געוואָרן פון אייראָפּייאישע רייזנדער. מיר האָבן געזאָלט קומען קיין טער-נאַם-טסאָ און פון דאָרט האָב איך געהאָפט זיך אַריבערצעכאַפּן צו דער היילקער אָזיערע דאַנגראַ-יום-טסאָ, וואָס אירע שניי-באַדעקטע ברעג-בערג האָב איך געזען ליגן פיר טעג נסיעה ווייטער צו מזרח.

אָבער נימאַ טאַשי, דער אָנפירער פון מיינע זעלנער, האָט דע-רויף נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש. איך מוז אומבאַ-דינגט גיין קיין מערב, העכסטנס ווייטער אין צפון-מערב, צו באַזוכן דעם קלויסטער מונדאָנג גומפּאַ, אָבער ווייטער קיין איינ-ציקן טריט נישט פון וועג אַראָפּ. צוליב דעם אָבער וואָס נימאַ טאַשי איז נישט זיכער געווען, אַז איך וועל מיך האַלטן ריכטיק מיטן וועג, האָט ער געשיקט בשתיקה אַ שליח מיוחד צו טאַגלאַ טסערינג, דעם גובערנאַטאָר פון ראַיאָן, וואו מיר זיינען איצט געווען און וועלכער איז געווען אַ טייל פון דער פּראָווינץ נאַק-טשאַנג.

טאַגלאַ טסערינג איז באַלד געקומען מיט אַ מחנה פון זעקסאונ-צוואַנציק גוט באַוואפנטע טיבעטער און, כדי צו מאַכן אויף מיר

אַ שטאַרקערן רושם, האָט ער זיך מלכותדיק אויסגעפּוצט: ער האָט געהאַט אויף זיך אַ מלבוש פון אַ פאַנטער-פעל מיט אַ גאַרטל פּון גלאַנציקן זילבער. זיין שווערד האָט געשטעקט אין אַ זילבערנעם שייד, באַפּוצט מיט טורקוסן און קאָראַלן און נעבן דעם שווערד איז געהאַנגען אַ גאַנצער בינטל מיט חלפים און אַלערליי קליי-ניקייטן. אויסערדעם, האָט ער נאָך געהאַט אויף זיך אַ רויט-בלאָ מאַנטל אָן אַרבל און אויפן קאָפּ אַ כינעזיש זיידן היטעלע.

דער גוטער נימאַ טאַשי איז גאָר נתפּעל געוואָרן, ווען דער מעכטיקער גובערנאַטאָר האָט מיך באַגריסט, ווי אַן אַלטער פריינט, ווייל מיט אַ יאָר פריער איז ער געווען אין דער סוויטע פון טונדופּ טסערינג, וועלכער האָט מיך אָפּגעשטעלט ביים טאַרגאָ גאַנגרי און נישט געלאָזט גיין צום דאַנגראַ-יום-טסאָ. איצט האָט ער מיר געזאָגט אַ פריינטלאַכן „ברוך הבא!‟ אין זיין ראַיאָן, דערביי אָבער האָט ער זיך שטאַרק געחדושט דערויף, וואָס איך בין שוין ווידער דאָ! טיף אין דער פּראָווינץ נאַקטשאַנג האָב איך בשום אופן נישט געטאָרט גיין, האָט מיר דער גובערנאַטאָר, דערקלערט— דען איך האָב שוין פאַראַיאָרן געבראַכט דערצו אַז הלאַדשע טסערינג זאָל באַקומען דעמיסיע. צי וויל איך דען ברייגנען אַזאַ מפּלה אויך אויף דעם צווייטן גובערנאַטאָר? נימאַ טאַשי האָט אַפילו באַקומען אַ פאָרוואורף דערפאַר, וואָס ער האָט מיך גע-פירט צו יענעם אָרט, וואו איך דאַרף מיך טרעפן מיט אַבדול קערים. ביים בופּטשאַנג־טשאַנגפּאָ איז פאַראַן אַ נאָנטערער וועג. אויך קיין מענדאָנג-גומפּאַ דאַרף איך נישט גיין און ער האָט אויף יעדן פאַל אָנגעוויזן שריפטלאַך אַלע סטאַראָסטעס פון דער געגנט, אַז זיי זאָלן מיך אַרעסטירן, אויב איך וועל גיין צום קלויסטער.

ס'האָט זיך, אַלזאָ, אויסגעלאָזט, אַז די באַגעגעניש מיט טאַגלאַ טסערינג איז פאַר נימאַ טאַשי געווען פיל אומאַנגענעמער, ווי פאַר מיר. איך האָב צוגעזאָגט דעם גובערנאַטאָר טאַגלאַ טסערינג, אַז איך וועל געהאָרכן און גיין אין דער מערב ריכטונג און אויב די סטאַראָסטעס וועלן מיר פאַרבאָטן צו גיין באַזוכן דעם קלויס-

טער מענדאָנג-גומפּאַ, וועל איך אויך געהאָרכן. איך האָב מיך
צוזעגנט מיטן גובערנאַטאָר פריינטלאַך און גוט.

איצט זיינען מיר אַוועק אויפן דרום-ברעג פון טערי-נאַם-טסאָ,
ווייטער אין מערב, און מיר זיינען אַרויסגעקומען אין אַ געוואַל-
טיק גרויסן טאָל. מיין כונה איז געווען זיך אַריינצוכאַפּן אין
קלויסטער, איידער די מאָנאַכן וועלן זיך אַרומקוקן. קוטוס, לאַב-
זאַנג און פּאַנטשאָר האָבן מיך באַגלייט, אָבער דער לעצטער איז
בּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן ביים ערשטן נאָמאַדן-געצעלט,
ווייל ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם חשד, אַז
ער האָט אונז געוויזן דעם פאַרבאָטענעם וועג. דער איבעריקער
טייל פון קאַראַוואַן מיט דער לייב-וואַך האָט געדאַרפט באַלד
אָנקומען.

ווען מיר האָבן גענומען זוכן דעם קלויסטער, זיינען פון נאָמאַדן-
לאַגער אַרויסגעגאַנגען צו אונז צוויי מאַנסלייט מיט אַ פרוי און
האָבן אונז געפרעגט, צי האָבן מיר געזען אַן אייראָפּייער, וועל-
כער פאָרט אַרום אין דער געגנט. צוליב מיין הלבשה האָבן זיי
מיך אָנגענומען פאַר אַ טיבעטער. איך האָב זיי געענטפערט, אַז
דער אייראָפּייער וועט קומען הינטער אונז מיט אַ קאַראַוואַן, און
זיי זאָלן נאָר גוט אַכטונג געבן, ווייל אַן אייראָפּייער זעט אויס
זייער קאָמיש. די טיבעטער האָבן אונז געלאָזט רוהיק ווייטער
רייטן.

לאַנג האָבן מיר אומזיסט געזוכט דאָס קלויסטער. ענדלאַך האָבן
מיר אויפן ברעג פון טייך סאָמאַ-טשאַנגפּאָ דערזען אַ פירקאַנטיק
געמויערט הויז מיט ווייסע ווענט און רויטע געזימס-פּאַסן אונ-
טערן דאַך. רעכטס און לינקס פונם בנין זיינען געשטאַנען גע-
צעלטן-דערפער, אין קלויסטער האָבן צען מאָנאַכן אונז אויפגענו-
מען זייער העפלאַך, אָבער קאַלט. די אייגנטימלאַכקייט פונם דאָ-
זיקן קלויסטער באַשטייט דערין, וואָס דאָרט וואוינען מאָנאַכן
און מאָנאַשקעס. די מאָנאַכן וואוינען אין איין געצעלט-דאָרף, די
מאָנאַשקעס—אין צווייטן. די מאָנאַשקעס זיינען געווען אַלע זייער
שמוציק און האָבן אויסגעזען, ווי מכשפות. זיי זיינען אָבער אַזוי

שטאַרק ענלאַך געווען צו די מאָנאַכן, אַז מען האָט זיי געקאָנט לייכט פאַרטוישן.

פון מענדאָנג גומפּאַ זיינען מיר מיטן קירצסטן וועג געקומען צום קופּטשאָנג טשאָנגפּאַ, וואו נימאַ טאַשי האָט אונז פאַרלאָזט מיט זיינע באַגלייטער. די אָרטיקע פּאַסטוכער האָבן אונז געפירט לייִנגאויס דעם טייך, אָבער ווען מיר זיינען געקומען צו יענעם אָרט, וואו ער פאַלט אַריין אין טאַראָק-טסאָ, האָבן מיר קיין שום שפּור נישט געפונען פון אַבדול קערימען. אין דער האָפנונג, אַז ער וועט אונז אָניאָגן פריער אָדער שפּעטער, האָבן מיר מאַר-שירט ווייטער קיין מערב און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונטערן דאַך פון קלויסטער זעליפּוק.

דאָ זיינען מיר געבליבן שטיין עטלאַכע טעג און אָפּגעוואַרט אַבדול קערימען מיטן קאַראַוואַן. מיט זיין נישט קומען האָט ער מיך שטאַרק באַאומרוהיקט. אַבדול קערים האָט געהאַט ביי זיך כמעט מיין גאַנצע קאַסע מזומן געלט. איך האָב בלויז געהאַט סך הכל אַ פּאָר רופּיען, מיט וועלכע איך האָב ווייטער נישט געקאָנט גיין, סיידן איך זאָל פאַרקויפן אַ פערד אָדער עפּיס אַנדערש פון באַלעבאַטישקייט. עס האָט דאָך געקאָנט זייער לייכט געשען, אַז אים זאָלן באַפאַלן באַנדיטן און צונעמען ביי אים מיין גאַנץ פאַרמעגן!

אין גרויס אומרוהיקייט זיינען מיר אַרויסגעטראָטן פון זעליפּוק און אָט האָט זיך באַוויזן אַבדול-קערים מיטן קאַראַוואַן. גאַנץ איז ער טאַקי נישט אַרויסגעקומען. אַ גזלנים-באַנדע איז ביינאַכט באַ-פאַלן זיין לאַגער און צוגענומען ביי אים אַ פערד מיט אַ מויל-אייזל. ווייטער איז אַלץ געווען אין אָרדנונג און—דער עיקר—די וועג־קאַסע איז געבליבן גאַנץ.

איצט זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם באַרגדורכגאַנג דינג-לאַ, וואָס איז מיט זיינע 5885 מעטער געווען דער העכסטער שפּיץ אויף אונזער גאַנצער נסיעה. אין סורנגע-לאַ בין איך צום אַכטן און לעצטן מאָל אַריבערגעגאַנגען דעם טראַנסהימאַלאַי. דעם 14-טן יולי האָבן מיר אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער אין טאָקטשען, וואו מען האָט אונז אָבער דאָסמאָל נישט געוואָלט פאַרדינגען קיין

יאַקן, ווייל מיין פּאַראַיאַריקע נסיעה אויפן הייליקן טייך מאַנאַ-סאַראָוואַר האָט פאַרשאַפט די אַרומיקע איינוואוינער פיל אומאַנגענעמלאַכקייטן. דאָך האָבן מיר געקאָנט לייכט אַדורכקומען מיט פערד און מוילאייזלען, און אָט אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט אָבער די מיר גוט באַקאַנטע ברעגן פון מאַנאַסאַראָוואַר און דעם צפון-ברעג פון ראַקאַס-טאַל. זומער 1907 האָט דאָ זייער ווייניק גערעגנט און אין לאַנד איז דער שניט געווען זייער אַ שלעכטער. היי-יאָר אָבער איז געווען שוין צופיל רעגן. דער דרום-מערב-מאָנסון האָט, ווי מיט אַ בעזים, אַרומגעקערט גאַנץ דרום-טיבעט. די וואָלקנס זיינען דאָ געלעגן כמעט אויף דר׳ערד און מען האָט גאָרנישט געקאָנט זען די בערג אַרוםביידע אָזיערעס. טאָג-פאַר-טאָג האָבן די שווערע רעגן-טראָפּנס געפּויקט אויף די ווענט פון אונזער געצעלט. אין די טאָלן האָבן פון די בערג זיך געגאָסן גרויסע שטראָמען וואַסער און יעדע קליין טייכעלע איז געוואָרן איצט אַ גרויסער טייך מיט אַ האַסטיקן שטראָם. פיל שוימיקע ביי-טייכלאַך פון סעטלעדזש זיינען מיר אַריבער מיט געפאַר פאַרן לעבן און ענדלאַך האָבן מיר אונזער לאַגער אויפגעשלאָגן אויפן רעכטן ברעג פון סעטלעדזש, אונטער אַ מבול-רעגן, נעבן דעם קלויסטער טירטאַפּור.

דאָ האָב איך זיך געזעגנט מיט אַבדול קערים און מיט נאָך פינף מענטשן, וועלכע זיינען אַוועק צוריק קיין לאַדאַק. איך, ווידער, צוזאַמען מיט די איבעריקע זעקס מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל פון סעטלעדזש קיין אינדיע.

דער געפערלאַכער איבערגאַנג איבערן סעטלעדזש.

ביים קלויסטער קשונגלונג זיינען מיר אַריבערגעגאנגען דעם סעטלעדזש צום ערשטן מאָל. דאָ איז ער בלויז געווען אַ דרייצען מעטער-ברייטער, אָבער זייער טיפער שטראָם. די בריק איבער אים, אינגאַנצן הונדערטצוואַנציק סאַנטימעטער די ברייט, איז אָן אַ פּאָרענץ געלעגן אויף צוויי שוואַכע סלופּעס. פונם שטראָם האָבן אַרויסגעשטאַרצט הויכע פעלזן, צווישן וועלכע דאָס וואַסער איז האַסטיק און רוישיק געפלויגן אין טאָל אַראָפּ.

די טיבעטער האָבן אונז געוואָרנט פאַר דער דאָזיקער לופט-בריק, אָבער מיר האָבן זי געמוזט אַריבערגיין. מיר האָבן זי תחילת זייער גענוי באַטראַכט. זי האָט זיך שטאַרק געשאָקלט, דאָך אָבער האָט זי זיך געהאַלטן. פריער האָט מען אַריבערגעטראָגן די פּעק. דאַן האָט מען געלאָזט גיין אונזערע צען ציגן. דערזען דאָס קאָכעדיקע וואַסער אונטער זיך, האָבן זיי אַ ציטער געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. אָבער בוגבעס האָט זיי געטריבן פאָרויס, און אָט האָבן זיי זיך, ווי אַ שטורמווינט, אַ וואָרף געטאָן צום צווייטן ברעג און זיינען אַריבער בשלום.

נאָך די ציגן זיינען געגאַנגען די מוילאייזלען, איינער נאָכן אַנדערן. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן גאַנץ רוהיק און זיינען זיך אַרויף אויף דער בריק אָן שום שהיות. אויף דער שוקלענדיקער בריק האָבן זיי גרויסאַרטיק באַלאַנסירט מיט עלאַסטישע באַוועגונגען. ביי יעדן טריט האָבן זיי באַשמעקט דעם וועג און זיינען רוהיק אַריבער.

אונזערע פערד אָבער זיינען געווען פון טשאַנג טאַנג און זיי האָבן נאָך קיינמאָל אין לעבן קיין בריק נישט געזען. דאָס ערשטע פערד, וואָס מען האָט אויף דער בריק אַרויפגעטריבן, האָט זיך דערשראָקן און איז צוריק אַנטלאָפן. דאָס צווייטע האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע. מען האָט דעריבער זיי געמוזט אַריבערפירן איינציקווייז. כדי אָבער צו מאַכן די זאַך זיכערער, האָבן מיר איין פערדלייצע אַריבערגעוואָרפן אויף דעם צווייטן ברעג: בשעת מען האָט דאָרט געצויגן דאָס פערד, האָבן מיר עס דאָ געטריבן, און די פערד זיינען אַריבער דעם טייך, אָבער מיט גרויס פחד און שרעק.

לסוף האָבן געמוזט גיין ביידע פערד, וואָס איך האָב געקויפט ביי קאַמבאַ טסענאַם. זיי האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט באַוועגן צרויפצושטעלן אַ פוס אויף דער בריק. כדי זיי צו באַרוהיקן, האָב איך פאַר זייערע אויגן ווידעראַמאָל געלאָזט די ציגן צו מאַכן דעם שפּאַציר איבער דער בריק. איין פערד איז דאַן אַריין אין אַמביציע און איז אַזוי שנעל אדורכגעלאָפן די בריק, אַז עס האָט שיער נישט צוטראָטן די ציגן. איצט האָט עס געהאַלטן ביי מיין רייט-פערד, וואָס האָט מיך געטראָגן אַכטהונדערט קילאָמעטער ווייט פון קאַמבאַ טסענאַמס געצעלט ביז אַהער און איז צוויי מאָל אַריבערגעגאַנגען מיט מיר דעם טראַנסהימאַלאַי, דערביי האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשראָקן—נישט פאַר אַן אָזיערע און נישט פאַר אַ טייך. דערזען אָבער דעם טיפן אָפּגרונט אונטער דער בריק, האָבן זיינע נערוון זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן. פון פאָרנט האָט מען אים געשלעפּט מיט די לייצעס, פון הינטן האָט מען אים געטריבן מיט געוואַלט, ער האָט אָבער געציטערט, ווי אַ בלאַט, ווען ער איז אַרויף אויף דער שמאָלער בריק. שפּעטער, אַז ער איז געקומען אינדערמיט פון דער בריק, האָט אים אָנגענומען אַ געוואַלטיקער פחד: וויפיל מען האָט אים נישט געצויגן און געטריבן—ווי אַ שטיין איז ער געשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט. צולעצט האָט ער זיך געגעבן אַ קער צוריק, אָבער איצט האָט ער פלוצלונג דערזען דעם אָפּגרונט אונטער זיך: די אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן ווי קוילן-פייער די נאָזלע-

כער האָבן זיך ברייט געעפנט, ער האָט ווילד אַ הירושע געטאָן און זיך אַ וואָרף געגעבן פון דער געוואַלטיקער הויך אינם קאָכיקן שטראָם אַריין! מיט די הינטערשטע קאָפּיטעס האָט ער אַ זעץ געטאָן די בריק און אין וואַסער איז ער אַריינגעפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויפן רוקן. אַ פאָנטאַן וואַסער האָט אַ זעץ געטאָן אין דער הויך. דער שטאַרקער שטראָם האָט אים תיכף אונטערגעכאַפּט און ער איז אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן. די לייצעס האָבן די מענטשן געמוזט אַרויסלאָזן פון די הענט, כדי אויך נישט מיטגעשלעפּט צו ווערן.

מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן מיטן טייך אַראָפּ. ביי אַ זיבעציק מעטער ווייטער איז דער שטראָם שוין געגאַנגען ברייטער און רוהיקער. דאָ האָט דאָס וואַסער געמוזט אַרויסוואַרפן דעם פגר פונם פערד.

—אָט איז ער!—האָט לאָבזאַנג פלוצלונג אויסגערופן.

—ער לעבט, ער שווימט!—האָט קוטוס געשריען.

און ווירקלאַך! דאָס העלדישע פערד איז זיך געשוואומען צום ברעג און מיט אַ פּאָר שפרונגען איז ער שוין געווען אויפן ברעג, וואו ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון וואַסער און תיכף גענומען צופּן דאָס גראָז אויף דער לאָנקע... מיר האָבן אים געפונען פול-קום געזונט און די נסיעה אין דערלופטן און אין וואַסער איז אים וואוילבאַקומען. זיין גליק איז אָבער געווען, וואָס ער איז נישט אַרויפגעפאַלן אויף אַ שטיין, דעמאָלט וואָלט ער שוין נישט געצופּט קיין גראָז. ס׳האָט מיר גענומען שווינדלען דער קאָפּ ביים געדאַנק: וואָס, אַ שטייגער, וואָלט געווען, ווען איך גיי איבער די בריק, רייטנדיק אויף מיין פערד...

ווען מיר האָבן שוין אָנגעלאָדן אונזערע בהמות און זיך געוואָלט לאָזן ווייטער אין וועג, האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז די הינט זיי-נען נאָך נישט אַריבער די בריק: זיי האָבן מורא געהאַט. האָט מען דעם קלענערן געמוזט אַריבערטראָגן אויף די הענט און טאַ-קאַרן האָט מען אַריבערגעשלעפּט מיט שטריק.

ביי דער גרעניץ פון אינדיע.

אין טאָטלינג האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעג פון סעטלעדזש, אויף אַ הויך פון דרייטויזנטזיבנהונדערט מעטער.

איצט זיינען מיר שוין געווען נישט ווייט פון דער אינדישער גרעניץ. אויך דאָ איז געלעגן אַ גרויסער אַלטער קלויסטער, אָבער די דאָרטיקע מאָנאַכן האָבן אויפגענומען מיין וויזיט זייער נישט פריינטלאַך: זיי זיינען זיך אַוועק אין זייערע קעמערלאַך און האָבן נישט געוואָלט ענטפערן אויף מיינע פראַגן. איך האָב אַרומגעוואַנדערט מיט לאַבזאַנגן און קוקן איבער די שמאָלע גאַסן פון דער קלויסטערשטאָט און האָב געצייכנט אַ פּאָר סקיצן,—צוערשט פון אַ הילצערנעם טעמפּל-טויער און דאַן דאָס הויז פון פּריאָר לאַבראַנג.

בשעת איך האָב מיך באַשעפטיקט דערמיט, איז אַרויס אַ מאָנאַך און האָט געזאָגט:

—קומט מיט מיר אַרויף צו לאַבראַנג.

—גערן. צי וויל דער פּריאָר ריידן מיט מיר?

—ניין, ער איז נישטאָ אינדערהיים. דער טשאַנגטסע האָט געשיקט נאָך אייך.

טשאַנגטסע איז אַ הויכער באַאַמטער, וועלכער פירט דאָס באַלעבאַטישקייט פון קלויסטער.

זיינען מיר געגאַנגען מיכן שליח דורך שטיגן און דורך אַ לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, פון וועלכן מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ קליין צימער מיט גרויסע פּאַפּיר-פענסטער. דאָ איז געזעסן דער

כשאַנגעסטע אויף אַ דיוואַן, אָנגעבלאָזן, ווי אַן אָקסן-זשאַבע. דער שטייפער יערפער האָב געגלאַנצט פון פעטקייט און שמוץ. ער האָט מיך אַפילו נישט באַגריסט און איך האָב מיך דעריבער אַנידערגעזעצט אָן זיין איינלאַדונג. קורוס און לאבזאַן, זיינען זיך פאַרקראָכן אין אַ ווינקעלע.

אַ ווייל האָט מיך דער ווילדער מאַן באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, דאַן האָט ער געפרעגט מיט אַ דומפּן קול, אָן אַ קלאַנג:

—פונוואַנען קומט איר?

—פון טשאַנג-טאַנג, פון טאַשי לונפּאָ, פונם טאַשי לאַמאַ, פון מאַ-נאַסאַראָוואַר.—כהאָב אים אויסגערעכנט אַ סך נעמען.

—דאָס ווייס איך.

—טאָ צו וואָס זשע פרעגט איר?

—צי האָט איר אַ פּאַספּאָרט פון להאַסאַ

—ניין.

—דאַן טאָרט איר זיך נישט באַווייזן אין טאָטלינג.

—דערפאַר וויל איך טאַקי גיין מיטן קירצעסטן וועג קיין אינדיע.

—דאָס וועלן מיר זען. קודם מוזט איר מיר מאַכן אייניקע נאָטיצן. ווי הייסט איר?

—סווען העדין.

—דאָס ווייס איך.

—טאָ צו וואָס פרעגט איר?

—פון קאָנטראָל וועגן. מיין תּליכט איז אָפּצושטעלן אַלע מענטשן, וועלכע גייען דורך טאָטלינג, באַזונדערס אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין פּאַספּאָרט. פאַרוואָס האָט איר געצייכנט דעם טעמפּל-טויער און דאָס הויז פון לאַבראַנג?

—איך וויל מיטנעמען אַהיים עפּיס אַ זכרון פון טאָטלינג.

—ווייזט מיר אייער צייכנונג.

—אָט האָט איר זי.

—וואָס שטעלט דאָס פאָר?

—דעם טעמפּל-טויער אין דרויסן.

—דאָס איז נישט קיין טעמפּל-טויער.

—ווייל איר האַלט עס מיטן קאָפּ אַראָפּ.
—איך נעם-צו אייער צייכנונג צו זיך.
—דאַן זענט איר אַ גנב.
—דאָס האַנדלט איר, ווי אַ גנב: איר קריכט אַרום אָן אַ דערלויב-ניש און צייכנט וואָס איר ווילט.
—איר וואָלט בעסער געווען העפלאַכער, טשאַנגטסע. דער טאַשי לאַמאַ איז מיין פריינט, איך קאָן זיך ביי אים אָנקלאָגן.
—איך געהאָרך דעם דאַלאַי לאַמאַ און דעם דעוואַשינג אין להאַ-סאַ, און דער טאַשי לאַמאַ גייט מיר נישט אָן.
אָט אַזוי האָבן מיר געקעמפט אַ היבשע ווײַלע און ס'האָט אויס-געוויזן, אַז דוקא אויף דער גרענעץ פון טיבעט דאַרף איך ערשט באַקומען אַ שאַרפן ווידערשטאַנד. ביסלאַכווייז אָבער איז טשאַנגטסע ווייכער געוואָרן.
—אייער קאַראַוואַן אין גוט באַוואָפנט?
—מיר האָבן צוויי ביקסן און צוויי רעוואָלווע
—צי קאָן איך זיי זען?
—מיט פאַרגעניגן.
איך האָב תיכף געשיקט קוטוסן, ער זאָל זיי ברענגען. ווען מען האָט זיי געבראַכט, איז טשאַנגטסע געוואָרן אַ ביסל פריינטלאַכער. מיין רעוואָלווער איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט דורכאויס געוואָלט אים אָפּקויפן ביי מיר. איך האָב אים אָבער דערקלערט, אַז ווען ער וועט מיר ווייזן די טעמפּל-זאַלן פון טאָטלינג, וועל איך אים שיינקען דעם רעוואָלווער. ווי שטאַרק זיין חשק צום רעוואָלווער איז נישט געווען, דאָך האָט ער נישט געוואָלט דערפילן מיין פאַרלאַנג. לסוף האָבן מיר זיך געזעגנט גאַנץ פריינטלאַך, כאָטש איך האָב קיין פּאַספּאָרט נישט געהאַט.

הינטער טאָטלינג האָבן מיר ווידער געמוזט אַריבערגיין אַ באַרג-דורכגאַנג פון 4695 מעטער, אָבער אויף יענער זייט פונם באַרג האָבן מיר שוין געהאַלטן ביי דער גרענעץ פון טיבעט. פון טאָט-לינג האָבן מיר מיטגענומען אַ אינדישן פירער, מיטן נאָמען נגו-רופּ, וועלכער האָט אונז געדאַרפט ווייזן דעם וועג אין טאָל פון

סעטלעדזש. אין איין אָרט איז די בריק איבערן טייך מיט אַ קור-צער צייט פריער איינגעפאַלן, און נאָר אירע סלופּעס האָבן אַרויס-געשטאַרצט אויף די ברעגן.ביידע ברעגן זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ שטריק, וואָס איז געלעגן אויף אַ הויך פון פינפאונצוואַנ-ציק מעטער איבערן רוישיקן טייך. ווי אַזוי קומט מען דאָ אַרי-בער אָן פרעמדער הילף? איך האָב גערעכנט היינט צו זיין אינם דאָרף פּאָאָ, וואו ס'האָבן געוואוינט דייטשע מיסיאָנערן, אָבער דאָסדאָזיקע דאָרף איז געלעגן ווייט הינטער די בערג.
נגורופּ האָט אָבער געפונען אַן עצה: ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פּאַק-זאָטל אויף דעם שטריק איבערן טייך און, האַלטנדיק זיך דערויף, האָט ער זיך גערוקט ווייטער און ווייטער איבערן שטריק און איבערן אָפּגרונט, ביז ער איז גליקלאַך אַריבער אויף דעם צווייטן ברעג. דאָרט האָט ער זיך געלאָזט גיין נאָך הילף פאַר אונז.
באַלד איז דאָרט אויבן געוואָרן לעבעדיק. צוויי איינגעבוירענע מיט פיל אָרטיקע איינוואוינער האָבן זיך באַוויזן אויף יענער זייט טייך און אונז העפלאַך באַגריסט. איך האָב, לויטן טיבעטער מנהג, אַרויסגעשטעקט די צונג. די מאַנירן פון דער ציוויליזיר-טער וועלט האָב איך כמעט ווי פאַרגעסן, איך האָב נישט אַראָפּ-גענומען דעם הוט און פריינטלאַך געפּאַכט מיט מיין סקיצן-בוך. איצט האָט דער דאָרף-סטאַראָסטע פון פּאָאָ זיך אויך אַריבערגע-קראָגן איבערן טייך, ווי נגורופּ, און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ לאַנגן פעסטן שטריק. מיט דעמדאָזיקן שטריק האָט מען אַרי-בערגעשלעפּט צו אונז אַ הילצערנעם וואָגן.
ראשית האָט מען אין וואָגן אַריינגעלייגט אונזערע פּעקלאַך און אַריבערגעפירט זיי מיט דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער לופט-באַן. דאַן האָט זיך אין וואָגן אַריינגעזעצט קונטשוק, וועלכער איז אַריבער-געפּאָרן מיט אַ פריילאַך לידל. סוען האָט פון קוקן אַליין באַקו-מען די ים-קראַנקהייט און זיך צעוויינט.
—וואָס פעלט דיר?—האָב איך געפרעגט.
—איז עס דען נישט שרעקלאַך, וואָס מיר אַלע מוזן איצט שטאַרבן, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַזויפיל אָנגעליטן?

די מוילאייזלען האָט מען איינגעבונדן מיט שטאַרקע שטריק און אַריבערגעצויגן, ווי פעקלאַך. די אויגן האָט מען זיי פריער פאַר-בונדן.

איצט האָט געהאַלטן ביי מיר. דער סטאַראָסטע האָט מיך געבונדן אַזוי פעסט, אַ שטייגער, ווי איך וואָלט געווען אַ מטורף.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שטאַנג פון וועגעלע און אויסגע-רופן:

—מאַרש!

—ניין, סאַהיב, נאָך נישט,—האָט דער סטאַראָסטע געענטפערט.

—וואָס פעלט נאָך?

—די לייצע האַלט פעסט, אָבער ווער ס'איז נישט געוויינט צו אַזאַ נסיעה און ער גיט אַ קוק אימיטן וועג צום אָפּגרונט, באַ-קומט אַ שווינדל אין קאָפּ און זיינע הענט לאָזן זיך אַראָפּ. אַזאַ איינער פאַלט אַרונטער.

—מיר וועט נישט שווינדלען דער קאָפּ!

—ניין, איך וועל אייך בעסער נאָך צוויי מאָל צובינדן צום וועגעלע,—אָט אַזוי! איצט מעגט איר זיך אַ־בעכן מיט די הענט אויפן וועג, וויפיל איר ווילט.

—מאַרש!—האָב איך ווידער אויסגערופן. דאָס וועגעלע האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן און אָט שוועב איך איבערן אָפּגרונט. אונטן, אין דעמדאָזיקן אָפּגרונט שוימט אַ רוישיקער טייך. דער וואַסער-פאַל צווישן די פעלזן הויבט־אויף אַ גאַאָס פון כוואַליעס. ביי יעדן צי פון דעם שטריק שאָקל איך זיך אַהין און אַהער. אָבער אָט זע איך שוין דעם נאָענטן ברעג. איצט וועט נסתמא דער שטריק נישט פלאַצן פלוצלונג! ער האַלט פעסט. איך שפיר שוין אונטער זיך דעם באָדן. אַ מינוט ווייטער און אָט בין איך פריי און דריק די הענט די דייטשע מיסיאָנערן.

אויך מיין רייט-פערד איז מיטן זעלביקן וועג גליקלאַך אַריבער. אָבער ס'האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב און האָט נאָר לאַנג-זאַם געקאָנט זיך באַרויקן. דאַבוזאַנג באַבער האָט זיך אַזוי ג...

שראָקן, אַז אויך אים האָט מען די אויגן געמוזט פֿאַרבינדן.

נאָך דער דאָזיקער דאַלז-או נאַקן-ברעכערישער לופֿטבאַן איבערן סעטעלעדוש זײַנען מיר אַלע אַוועק מיט די מיסיאָנערן אין זייער וואוינונג, וואו מיר האָבן צוגעבראַכט צוויי אומפֿאַרגעסלעכע טעג.

צוריק אהיים.

פון פאָאָ ביז שימלאַ האָב איך געהאַט נאָך העכער דרייהונ־דערט קילאָמעטער. אָבער איצט איז שוין די קעלט פון טשאַנג־טאַנג געלעגן ווייט הינטער אונז. שוין נישטאָ מער אויך די דינע לופט פון הויכן טיבעט. די לופט ווערט אַלץ געדיכטער און ס'ווערט לייכטער צו אָטעמען. מיר וואַנדערן אין קלאָרן זונשיין דורך אַ הערלאַכער באַרג־לאַנדשאַפט פון טאָל.

אינמיטן סעפטעמבער 1908 בין איך ווידער געקומען אין שימלאַ, וואו איך האָב פאַנאַנדערגעלאָזט דעם רעשט פון מיין קאַראַוואַן און זיך צוגעגרייט צו דער נסיעה אַהיים.

מיין קליין הינטעלע פופי האָב איך אַוועקגעשאָנקען איינעם פון מיינע לייט, וועלכער האָט מיך באַגלייט קיין שימלאַ. דער הונט טאַקאַר אָבער איז מיר געוואָרן אומעטריי: אין דער געדיכטע־רער לופט פון טאָל האָט ער זיך דערשפירט אומאַנגענעם און איז געוואָרן אומרוהיק. זיין דינער טיבעטער פעלץ האָט אים גע־פייניקט. ער פלעגט זיך אויפגראָבן ביינאַכט די קאַלטע ערד, כדי זיך אַריינצולייגן דערין, אָדער ער פלעגט זיך באַהאַלטן אונטער די פעלזן אין שאָטן. אַז מיר פלעגן קומען צו אַ טייך, פלעגט ער זיך אַריינוואַרפן אין קאַלטן וואַסער אַריין. ער האָט מיך שוין מער נישט געהאָרכט, ווייל ער פלעגט זיך שטענדיק נאָכ־יאָגן נאָך אַ שאָטן. איינמאָל אינדערפרי האָבן מיר דערזען, אַז ער איז נישטאָ אויף זיין פאָסטן אַלס שומר. ביינאַכט איז ער אַנטלאָפן צוריק אין די בערג אַריין! ווי איך האָב שפּעטער גע־

געהערט, האָבן די מיסיאָנערן אין פּאָאָ אים געפונען פאַר זייער טיר, וואו ער האָט, לויט זיין געוויינהייט, קיינעם נישט אריינ-געלאָזט. מען האָט אים דאָרט פריינטלאַך אויפגענומען, און במשך פון פיל יאָרן פלעג איך שטענדיק אין די בריוו פון די מיסיאָ-נערן געפינען אַ גרוס פון מיין הונט, ער האָט געטריי געדינט זיינע נייע פריינט!

מיין רייזע אין טיבעט אין דער לייגג און אין דער ברייט האָט זיך געענדיקט. מיר איז געלונגען צו אַנטדעקן די גרעסטע באַרג-קייט, דעם טראַנסהימאַלאַי, און קיין אַוואַנטורעס אויף דערדאָזי-קער נסיעה האָבן מיר אויך נישט געפעלט. אָבער די גאַנצע און אמתע אויספאָרשונג פונם וואונדערלאַנד טיבעט וואַרט נאָך אויף נייע און נייע פאָרשער: ס׳וועט קלעקן דערביי אַרבעט פאַר גאַנצע דורות, ווייל דאָס לאַנד איז רייך מיט זיינע געאָגראַפי-שע וואונדער, און דאָס טיבעטער פאָלק איז נאָך רייכער מיט זיינע מערקווירדיקע אייגנאַרטיקייטן, מיט זיין כאַראַקטער, מנהגים און אמונה.